# סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## חֵלֶק ב׳

## אִידִישׁ

שֵׁיינֶע הֶערְלִיכֶע בְּרִיוְון גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פוּל מִיט הִתְחַזְּקוּת וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם קֶען זוֹכֶה זַיין מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר גֶעפִוּנְט זִיךְ, מִיט עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת אוֹיפְ׳ן טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּ׳ן,

אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּנוּ

**רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ

**רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים,

אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא

אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן י"ז שְׁבַט שְׁנַת תש"פ לפ"ק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

קרן הדפסה
היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:**

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
*chizikyomi@gmail.com*

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# לזכר עולם יהיה צדיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׂוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרֵךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטֹּאקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקְטִיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מוה"ר **יואל** בן ריצא רעכיל

**ראטה** שליט"א

ראש ישיבת תפארת התורה ברסלב

וזוגתו

**אסתר גיטל**

בת חיי שרה האדיא תחי'

וילדיהם

**שלמה נרו יאיר ומשפ',**

**אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל

משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי

עליון בבני חיי ומזוני רוויחא

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

# אַ וָוארְט פוּן דִי אַרוֹיסְגֶעבֶּער

מִיר קֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רֶבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ בַּאלַייכְטְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן עֵצוֹת. וָואס מִיט זֵיי קֶען יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, פוּנֶעם קְלֶענְסְטְן בִּיזְ'ן גְרֶעסְטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּקוּמֶען צוּ דִי מֶערְסְטֶע וָואס מֶען קֶען נָאר צוּקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן שנ"ח): "מִיט יֶעדֶע תּוֹרָה אָדֶער שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ זָאג, קֶען מֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'ֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַזוֹי וִוי אִיךְ וֵייס וָואס עֶס מֵיינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", וַוייל יֶעדֶע תּוֹרָה אוּן שִׂיחָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען צוּנִי'ץ קוּמֶען סֵיי פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס עֶר קֶען פוּן דֶעם אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין מַדְרֵיגָה; אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ צוּנִי'ץ קוּמֶען פַארְ'ן נִידְרִיגְסְטְן מֶענְטְשׁ, עֶס וֶועט אִים אוֹיךְ וַוייזְן אַ וֶועג אִין זַיין מַצָּב, וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן וֶוערְן אַן אֱמֶת'ֶער עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ר"ט) אַז דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, זֶענֶען נִישְׁט גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן נָאר פַאר זַיין דוֹר, נָאר אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת. אוּן דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת אוֹיךְ פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם) מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרֶען דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים ד, ט) "וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי בָנֶיךָ" - "אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטָאן!"

נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט זַיין בַּאלִיבְּטֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִיךְ וַוייטֶער מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט דִי הֵיילִיגֶע לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן אוּן רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אוּן מְחַדֵּשׁ זַיין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אַלֶעס נָאר גֶעבּוֹיעֶט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס תּוֹרוֹת, וָואס פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים "לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת", אוּן עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וַוייטֶער אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין עִיקָר צִיל אִין לֶעבְּן. זַיין מִיה אוּן פְלָאג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, בָּרוּךְ ה', נָאר דוּרְךְ אִים אִיז גֶעבְּלִיבְּן דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן אוּן עֶס וֶוערְט וַוייטֶער צוּשְׁפְּרֵייט אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן בְּרִיוו וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזֶענְטֶער אִידְן אִיבֶּער אַלֶע עֶקְן וֶועלְט. דִי סְפָרִים זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חָכְמָה אוּן שֵׂכֶל, זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אִין וֶועלְכֶע מַצָּב עֶר זָאל נָאר זַיין, אוּן אִים אוֹיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אִים מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק זַיין, אַז עֶר קֶען נָאךְ אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַרֵיינְבְּרֶענְגֶען אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַ שִׂמְחַת הַחַיִּים, אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל וִויסְן וִוי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן אוֹיף דֶער וֶועלְט מִיט גֶעשְׁמַאק, צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מְקַיֵּים זַיין זַיינֶע מִצְוֹת מִיט פְרֵייד.

אִין דֶעם בִּיטֶערְן טָאג י"ז שְׁבַט תשע"ה לפ"ק, הָאבְּן מִיר פַארְלוֹירְן דִי גְרוֹיסֶע אֲבֵידָה שֶׁאֵין לָהּ תְּמוּרָה, וֶוען כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא. מִיר הָאבְּן פַארְלוֹירְן מוֹהֲרָא"שׁ, דָאס אִיז אַ בִּיטֶערֶע אֲבֵידָה וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז אָבֶּער אִיבֶּערְגֶעלָאזְט זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע

לְמוּדִים מִיט וָואס מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער שְׁטַארְקְן אוּן אָנְגֵיין, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דֶעם, מִיר זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער פִירְן אִין דִי וֶועגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אוּן דַאן וֶועט זַיין אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט נָאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן דִי נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים, אוֹיב לֶערְנְט מֶען דִי סְפָרִים אוּן מֶען פְּרוּבִּירְט מְקַיֵים צוּ זַיין וָואס דָארְט שְׁטֵייט, דַאן אִיז דָאס אַזוֹי וִוי דֶער צַדִיק אִיז נָאךְ דָא צְוִוישְׁן אוּנְז.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת שְׁלוּחִין, הֲלָכָה ה', אוֹת י"א-י"ב) אוֹיף דֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן (דְבָרִים ל"א, כ"ט) "כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן, משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אַז זֵיי וֶועלְן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶועט שְׁטַארְבְּן, זָאגְט אוֹיף דֶעם רַשִׁ"י אַז מִיר זֶעעֶן דָאךְ אַז דִי אִידְן זֶענֶען יָא גֶעוֶוען ווָאוּיל אוּן עֶרְלִיךְ אוֹיךְ נָאכְדֶעם וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר פוּן דֶעם לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד לֶעבְּט, אִיז דָאס נָאךְ אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶעבְּט. וִוי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ אַלֵיין הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם רֶבִּי נָתָן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז אַ צַדִיק אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? חֲזַ"ל זָאגְן דָאךְ (בְּרָכוֹת י"ח.) "צַדִיקִים בְּמִיתָתָן נִקְרְאוּ חַיִים", אֲפִילוּ וֶוען אַ צַדִיק גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, אִיז עֶס נָאךְ אַזוֹי וִוי עֶר לֶעבְּט.

נָאר דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, קע"ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ל"ד, ה') "וַיָמָת שָׁם משֶׁה עֶבֶד ה'", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זָאגְן אַז משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן? נָאר בֶּאֱמֶת אִיז עֶר טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, נָאר בַּיי אוּנְז אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז בֶּאֱמֶת שְׁטַארְבְּט אַ צַדִיק קֵיינְמָאל נִישְׁט, זַיינֶע תּוֹרוֹת אוּן לִמוּדִים בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג; נָאר אוֹיב מִיר לֶערְנֶען נִישְׁט זַיין תּוֹרָה, מִיר גֵייעֶן נִישְׁט אִין זַיינֶע וֶועגְן, דַאן אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן בַּיי אוּנְז. וִוי לַאנְג עֶס

לֶעבְּט אָבֶּער אַ תַּלְמִיד וָואס עֶר גֶעבְּט וַוייטֶער אִיבֶּער דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, עֶר אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵּק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ וַוייטֶער הַאלְטְן מִיט דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק, דַאן לֶעבְּט דֶער צַדִּיק וַוייטֶער בַּיי אוּנְז. אוּן דֶערִיבֶּער, וְוִי לַאנְג דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן הָאט גֶעלֶעבְּט, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען דִי אִידְן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דֶעם וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אִיז דָאס גֶעוֶוען אַזוֹי וְוִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאכְאַלְץ גֶעלֶעבְּט.

זָאגְט דָארְט וַוייטֶער רֶבִּי נָתָן אַז דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעוֶוען אִין יֶענֶעם דוֹר, נָאר דָאס גֵייט וַוייטֶער אָן בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער צַדִּיק אִיז שׁוֹין אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְף מֶען גְלֵייבְּן אַז סְ'אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אֵיינְס אָדֶער מֶערֶערֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק, וָואס זֵיי הָאבְּן דֶעם כֹּחַ וַוייטֶער אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּנֶעם צַדִּיק. דִי אֱמֶת'ע תַּלְמִידִים פוּנֶעם צַדִּיק, זֶענֶען אַזוֹי וְוִי עֶר אַלֵיין (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז'), אוּן וֶוען זֵיי גֶעבְּן וַוייטֶער אִיבֶּער דִי תּוֹרָה פוּנֶעם צַדִּיק, אִיז דָאס אַזוֹי וְוִי דֶער צַדִּיק אִיז דָא מִיט אוּנְז, עֶר וֶועט נִתְלַבֵּשׁ אִין דֶעם תַּלְמִיד'ס דִיבּוּרִים, אוּן עֶס אִיז מַמָּשׁ וְוִי דֶער צַדִּיק לֶעבְּט מִיט אוּנְז אוּן רֶעדְט צוּ אוּנְז, אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (יְבָמוֹת צ"ו:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ס"א, ה') "אָגוּרָה בְאָהָלְךָ עוֹלָמִים", אַז וֶוען מְ'זָאגְט נָאךְ אַ דְבַר הֲלָכָה פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם, רֶעדְן מִיט זַיינֶע לִיפְּן אִין קֶבֶר.

אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּווּכְן דֶעם תַּלְמִיד וָואס קֶען אוּנְז אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס קֶען אוּנְז וַוייטֶער מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ זַיין צוּגֶעבִּינְדֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת, מִיט דִי אַלֶע גֶעוַואלְדִיגֶע אוּן הֵיילִיגֶע עֵצוֹת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

אִין יָאר תשס"ט לפ"ק אִיז גֶעעֶפְנְט גֶעוָוארְן דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה "יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", דוּרְכְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה הרה"ג מוה"ר יוֹאֵל רָאטְה שְׁלִיטָ"א,

דֶער תַּלְמִיד חָבִיב פוּן כְּבוֹד קְדוּשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, מִיטְ'ן צִיל אַז דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי לִמּוּדִים אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

כָאטְשׁ וָואס אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פִילֶע שְׁוֶועריְקֵייטְן, הָאט זִיךְ עֶס אָבֶּער צֶעוָואקְסְן אוֹיף גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְנֶעם, נִישְׁט נָאר אִין דִי רַאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה לֶעבְּן דִי בָּחוּרִים מִיט דִי לִמּוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נָאר עֶס הָאט זִיךְ אוֹיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, פוּן אִיבֶּעראַל הֶערְט מֶען דִי דְרָשׁוֹת וָואס וֶוערְן גֶעזָאגְט אִין יְשִׁיבָה, טוֹיזְנְטֶער אִידְן אִיבֶּער דִי גָארֶער וֶועלְט שֶׁעפְּן הִתְחַזְקוּת פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע דְרָשׁוֹת. בַּיי דִי דְרָשׁוֹת זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּלוֹיז אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן לוֹיט וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, נָאר עֶר בְּרֶענְגְט עֶס מֶער אַרָאפּ אַז סְ'זָאל זַיין פַּאסִיג פַאר'ן הַיינְטִיגְן דוֹר, מִיט דִי הַיינְטִיגֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריְקֵייטְן, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָב, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ קֶענֶען בַּאנוּצְן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אִין אוּנְזֶער הַיינְטִיגְן לֶעבְּן.

אַזוֹי וִוי דֶער נָאמֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיז צֶעשְׁפְּרֵייט גֶעוָוארְן אִיבֶּער דִי וֶועלְט, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען בְּרִיוו פוּן אִיבֶּעראַל אָנְצוּפְרֶעגְן פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, וִוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט מַצָבִים, מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דִי בְּרִיוו וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט הָאט זִיךְ אוֹיךְ גָאר שְׁטַארְק צֶעשְׁפְּרֵייט אוּן וֶוערְן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער אִידְן, וֶועלְכֶע גֶענִיסְן דֶערְפוּן גָאר אַסַאךְ הִתְחַזְקוּת אוּן הַדְרָכוֹת.

עֶס אִיז גְרוֹיס אוּנְזֶער פְרֵייד אַז מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף הָאבְּן מִיר צוּזַאמְגֶענוּמֶען דִי אַלֶע בְּרִיוו, אוּן עֶס אָפְּגֶעדְרוּקְט אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם

פָּארְמַאט, אַז יֶעדֶער אִיד זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶ' זַיין דֶערְמִיט. דֶער סֵפֶר וֶועט זִיכֶער אַרוֹיסְהֶעלְפְן אוּן מְחַזֵק זַיין פִילֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן אוֹיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף יֶעדְן בְּרִיװ, כְּדֵי מֶען זָאל בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין אוֹיף וָואס דִי תְּשׁוּבוֹת בַּאצִיעֶן זִיךְ. כָאטְשׁ וָואס דִי בְּרִיוְו זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר פְּרִיוַואטֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶע בְּרִיוְו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן לוֹיט דִי פְּרַאגֶע וָואס יֶענֶער הָאט אָנְגֶעפְרֶעגְט, אִיז עֶס אָבֶער גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא וֶועג אַז יֶעדֶער אִיד וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אַן עֶנְלִיכְן מַצָב זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן זַיין עֵצָה אוּן הִילְף וְוי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין זַיין לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז דֶער סֵפֶר זָאל טוּן דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה, אוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶן אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז יֶעדֶער זָאל וִויסְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף דֶער וֶועלְט קַיין שׁוּם עֵצָה, נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִים דֶערְצֵיילְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען הָאט, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע סָארְט צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז מִיר וֶועלְן שׁוֹין בְּקָרוֹב גֵיין קֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

**הַמוֹצִיאִים לָאוֹר**

# תּוֹכֶן הָעִנְיָנִים


פג וֶוען וֶועט אִיר קוּמֶען וואוּנֶען קַיין יַבְנִיאֵל? ........ טו

פד אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ וֶוערְן אַ 'בְּרֶסְלֶב'עֶר'. ........ יח

פה מֶעג אִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן יֶענֶעמ'ס חֲפָצִים? ........ כה

פו דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְ'ן שְׁוֶועל פוּן דַייעֶבִּיטִיס. ........ כח

פז זָאל מֶען אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף שִׂמְחָה? וִוי אַזוֹי דִינְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט גַשְׁמִיוּת? ........ לב

פח וִויפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר צוּ טוּן הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה? ........ לז

פט אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ אִינְגֶערְמַאן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן שְׁמוּץ. .. מ

צ אִיז דָא קְרַאנְקֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן שְׁמוּץ דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה? ........ מח

צא לֶערְנֶען 'תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב' בַּיינַאכְט; נֶעמֶען הִילְף פְּרָאגְרַאמֶען פוּן דִי רֶעגִירוּנְג. . נז

צב אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען מַצְלִיחַ מֶער פוּן מִיר. ........ סג

צג אִיךְ בִּין דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן אִיךְ צִיטֶער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה. ........ סח

צד אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר מוּז אַרוֹיסְשְׁטַארְן? ........ עד

צה וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מַאכְט מֶען אַ גֶעהֶערִיגֶע סִיוּם? פַּרְשַׁת נְשִׂיאִים סְגוּלָה לְזִווּג הָגוּן? ........ פה

צו שִׁיקְן אִינְגְלֶעךְ נָאךְ חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען מוּזִיק? ........ צא

צז דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים טְשֶׁעפֶּען מַיינֶע קִינְדֶער. ........ צד

צח מֶעג מֶען זִיךְ לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ? ........ ק

צט בַּיים בֶּענְטְשְׁן, מֶעג מֶען דַאנְקֶען אוֹיף אִידִישׁ? ........ קב

ק וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְסַדֵר זַיין מַיין טָאג? ........ קה

קא וֶועלְכֶער סָארְט בָּחוּר זָאל אִיךְ זוּכְן פַאר מַיין טָאכְטֶער? ........ קיב

קב אִיךְ הָאבּ אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אוּן מֶען צָאלְט מִיר וֵוייניג. ........ קיח

קג "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" הֶעלְפְט נָאר פַאר שׁוֹגֵג? וְוי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען אַ מֵזִיד?. קכה
קד פַארְוָואס אִיז דֶער נֵייעֶר בִּנְיָן אִין אוּמַאן אַזוֹי וַוייט פוּן צִיּוּן?.......... קלב
קה אִיךְ זָאג קוּים מִשְׁנַיּוֹת, זָאל אִיךְ זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת?.................. קלח
קו אִיר רֶעדְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּן גֶעלְט, הָאט אִיר דִי רַייכְסְטֶע יְשִׁיבָה?.. קמא
קז וְוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין וַוייבּ?...................... קמז
קח מֶען זָאגְט מִיר אַז צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין פַּרְנָסָה דַארְף אִיךְ מַסֶר'ן... קנב
קט אִיךְ דַארְף שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, אוּן וְוי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען וֶועגְן גֶעלְט? ... קנה
קי מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּ מִיר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ דַארְף חִיזּוּק.............. קס
קיא וְוי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?......... קסז
קיב מֶעג אִיךְ לָאזְן מַיין קִינְד בַּיים בֶּעבִּיסִיטֶער מֶער פוּן וְויפִיל ס'פֶּעלְט אוֹיס?. קעא
קיג זָאל אִיךְ גֵיין צוּ קוּרְסֶעס פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן חִינוּךְ?..................... קעד
קיד מֶעגְן קִינְדֶער זֶען דְרָשׁוֹת אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער? ..................... קעח
קטו מַיין טַאטֶע שְׁטֵייט אַיין בַּיי מִיר אוּן מַיין וַוייבּ אִיז בְּרוֹגֶז............. קפא
קטז אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס, וְוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?.................................................................... קפה
קיז מֶעג יֶעדֶער דְרוּקְן אֵייעֶרֶע בְּרִיוו? אוּן אִיז אוֹיף דֶעם אוֹיךְ דָא אַן הַבְטָחָה פַאר יְשׁוּעוֹת?........................................................... קצג
קיח הָאט דֶער רֶבִּי טַאקֶע גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע סְפָרִים? אוֹיךְ קֶעגְן דֶעם מוֹרֶה נְבוֹכִים?........................................................................ קצח
קיט מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיז זַיין תּוֹרָה עֶפֶּעס וֶוערְד? ........... רג
קכ מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ וְויל אִים הַרְגְ'נֶען. ................ רו
קכא מַיין מַאן וְויל קוּקְן מָאוִויס, וָואס טוּ אִיךְ? .......................... רי
קכב אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, אוּן מְ'הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גֶעווִיקְס בַּיי מַיין וַוייבּ. ......................................................................... רטו
קכג קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן אוֹר הַחַיִּים הַק' אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט?..... ריט
קכד וְוי אַזוֹי קֶען אִיךְ רַאטֶעוֶוען מַיין בְּרוּדֶער? ........................... רכב
קכה וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֵיין הַפָּצָה? ........................... רכה
קכו עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. .................. רלב

קכז אִיךְ יָאג זִיךְ אַלֶעמָאל אוּן אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט רוּאִיג..............רלז
קכח נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דִי עֶלְטֶערְן? ..........................רמ
קכט מַיין בְּרוּדֶער הָאט אַוֶועקְגֶעגְלִיטְשְׁט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן? ..........................................רמד
קל אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְמַאכְט אוּן צוּרִיק גֶעהַאלְטְן.......................... רמז
קלא וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס מוֹהֲרָא"ש שְׁרַייבְּט אַז דִי יָאר אִיז ווִי אַ רִינְגְל?...רנג
קלב הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מוֹחֵל גֶעוֶוען פַאר דָוִד נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן? .........................................רנו
קלג אִיךְ בִּין מַמָשׁ קְרַאנְק אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה, ווִי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס? .....רס
קלד אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַ מֵיידְל, מֶעג אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר?רסה
קלה ווִי אַזוֹי פִירְט מֶען אַ יְשִׁיבָה מִיט בָּחוּרִים? ......................... רסו
קלו וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס?.........................................רעג
קלז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵיידְט מִיט אַ פְרוֹי, מֶעג אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר?.רעו
קלח אוֹיף אַ צָרָה דַארְף מֶען בֶּעטְן אָדֶער דַאנְקֶען? ..........................רעח
קלט אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַ חָתָן פוּן יְשִׁיבָה אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט. ..........................................רפב
קמ זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ פִּישׁ-טֶענְק?.........................................רפו
קמא ווִיפִיל צְדָקָה דַארְף מֶען גֶעבְּן? וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען מוּפְט צוּ אַ נַייעֶ דִירָה? ..........................................רפח
קמב אִיךְ ווִיל אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט. .........רצא
קמג אוֹיף וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת הֶעלְפְט "תִּיקוּן הַכְּלָלִי"? ..........................רצד
קמד אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אַמָאל, דַארְף אִיךְ גֵיין פַאר הִילְף?................רחצ
קמה ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַרַיין אַ חֵשֶׁק אִין בָּחוּרִים אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי?...שב
קמו ווִי אַזוֹי קֶענֶען מִיר וֶוערְן צַדִיקִים, אִין דִי צַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גָאר הוֹיכֶע נְשָׁמוֹת?.........................................שו
קמז אִיךְ ווִיל בְּרֶסְלֶב אָבֶּער מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מַסְכִּים. .................שיא
קמח מֶעג זִיךְ אַ מֵיידְל דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס? ................................שטז
קמט זָאל אִיךְ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר עָ"י ד"י עֶיטְ"שׁ ד"י [ADHD]?...........שיז

קנ מַיין ווייב אִיז דֶעפְּרֶעסְט צוּלִיב מַיינֶע קִינְדֶער וָואס פִּירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ....... שכג
קנא דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלְס קִינְד וֶוען קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.......... שכו
קנב מֶעג מֶען אוֹיפְהֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִּיקִים? מֶעג מֶען קוּשְׁן דִי בִּילְדֶער?.. שלא
קנג מֶעג מֶען לָאזְן קִינְדֶער גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה?........ שלג
קנד דַארְף מֶען דַאוֶוענֶען שְׁנֶעל אָדֶער שְׁטַייט?........ שלד
קנה ווי אַזוֹי לָאז אִיךְ זִיךְ אָפּ פוּן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים?........ שלח
קנו אִיבֶּער הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי אָשֵׁר פְּרֵיינְד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה........ שמב
קנז בִּיז וִויפִיל מֶעג מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער?........ שנ
קנח וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן?........ שנג
קנט ווי אַזוֹי דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נֵס מִיט ר' שָׁלוֹם מָרְדְכַי רוּבַּאשְׁקִין?........ שס
קס אִיךְ פַאל אַסַאךְ דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן?........ שסג
קסא מֶעג אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר לֵיינֶען דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף דֶעם סֵייט?........ שסח
קסב סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד; חִינוּךְ הַבָּנוֹת; לִימוּד סִפְרֵי רַבֵּינוּ; שִׁיעוּרִים בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל........ שסט
קסג פַאר יֶעדְן גֵייט גוּט, נָאר נִישְׁט פַאר מִיר........ שעד
קסד ווי אַזוֹי אוּן וָואס דַארְף אַ לֶערֶערִין רֶעדְן אִין קְלַאס צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ?.... שעה
קסה וואוּ שְׁטֵייט דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן אָרִימַאן וָואס הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם דַייְמַאנְט שְׁטֵיין?........ שפג
קסו מֶעג מֶען דַאוֶוענֶען נָאךְ חֲצוֹת?........ שפז
קסז מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט, אִיךְ דַארְף חִיזוּק........ שצ
קסח מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן אַ דְרֵיי יֶערִיג אִינְגְל........ שצו

# פג

## וֶוען וֶועט אִיר קוּמֶען וואוֹינֶען קַיין יַבְנִיאֵל?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע דְרָשׁוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אִיבֶּער, ווִי אוֹיךְ פַאר דִי חִיזוּק יוֹמִי.

אִיךְ וָואלְט אַיִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וֶוען אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵים זַיין דִי צַוָואָה וּבַקָשָׁה פוּן כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹהֲרַ"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (צַוָאַת מוֹהֲרַ"ש, אוֹת ב) אַז מֶען זָאל קוּמֶען וואוֹינֶען אִין יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**שַׁבָּת** פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, שְׁנַת תשע"ב לִפְרָט קָטָן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין יַבְנְאֵל אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָה אַיינְצוּשְׁטֵיין בַּיי מוֹהֲרַ"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט מוֹהֲרַ"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "קוּם אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן", מוֹהֲרַ"ש אִיז אַרוֹיף מִיט מִיר דֶעם בַּארְג פוּן וואוּ מֶען זֶעט אַלֶע שֵׁיינֶע בֶּערְג אוּן טָאלְן אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי פָאלְגֶעֶנְדֶע וֶוערְטֶער: "וֶוען דוּ זָאגְסְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קטז, ט): 'אֶתְהַלֵּךְ

לִפְנֵי ה׳ בְּאַרְצוֹת הַחַיִּים׳ זָאלְסְטוּ אִינְזִין הָאבְּן יַבְנְאֵל״; זַייט דֶערמָאלְט בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ דִי שְׁטָאט יַבְנְאֵל.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר: ׳וֶוען וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי צַוָּואָה וּבַקָּשָׁה וְכוּ״; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אִין שְׁפִּיטָאל דֶעם לֶעצְטְן טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן - אִינֶעם טָאג וָואס עֶר אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן, פַאר אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; עֶר בֶּעט אִינֶעם בְּרִיוו אַז יֶעדֶער זָאל עֶפֶּעֶנען בַּיי זִיךְ אִין שְׁטָאט וואוּ עֶר וואוֹינְט אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ ״הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ״ וְכוּ׳; אִיז דָאךְ זִיכֶער נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַז אִיךְ זָאל אִיבֶּערְלָאזְן דִי קְהִלָּה וָואס מִיר הָאבְּן דָא אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, מִיט אַ יְשִׁיבָה, אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה אוּן אַ מֵיידְל סְקוּל מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ בַּאשְׁרַייבְּן וָואס מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי פָּאר יָאר, ווִיפִיל מֶען הָאט אוּנְז גֶע׳רוֹדְפְ׳ט עַד חָרְמָה מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ.

**דֶער** עִיקָר דַארְפְן מִיר זֶען צוּ פָאלְגְן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָּואָה (צוואת מוהרא״ש, אות יז) אַז מִיר זָאלְן דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי צַוָּואָה, אִיךְ הָאבּ אָפְּגֶעדְרוּקְט דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר טוֹיזְנְט סֶעטְס פוּן דִי זֶעקְס בֶּענְדֶער ׳שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ׳, עֶס הָאט מִיר גֶעקָאסְט קָרוֹב צוּ פֶערְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, אוּן בְּקָרוֹב הָאף אִיךְ עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער צוּ דְרוּקְן, וַוייל כִּמְעַט אַלֶעס אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען.

**אויך** הָאבְּן מִיר אויפְגֶעשְטֶעלְט אַ "בֵּית הַדְפוּס" וואוּ מִיר דְרוּקְן יֶעדְן טָאג טוֹיזְנְטֶער קוּנְטְרֵסִים; מֶען הָאט שוֹין גֶעדְרוּקְט אִיבֶּער אַ מִילְיָאן קוּנְטְרֵסִים בְּמֶשֶךְ דִי פָּאר יָאר, אויךְ דְרוּקְן מִיר "אֲשֶר בַּנַחַל" אַלֶע חֲלָקִים. וואוּיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אַ חֵלֶק אִין דִי הוֹצָאוֹת אוּן הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶר וֶועט זִיכֶער זֶען גְרוֹיסֶע יְשוּעוֹת אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן.

**נָאךְ** דִי פְּטִירָה פוּן מוֹהֲרָא"ש זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה וֶוען מֶען הָאט גֶעפִירְט זַיין הֵיילִיגְן גוּף אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס צוּם עֶירְפָּארְט אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, בִּין אִיךְ מִיטְגֶעפָארְן אִינֶעם אַמְבּוּלַאנְס אוּן אִיךְ הָאבּ דֶעמָאלְט צוּגֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"ש צְוֵויי זַאכְן: אֵיינְס, אַז אִיךְ וֶועל נִישְט מַאכְן אוּן נִישְט הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט מַחְלוֹקֶת צְווִישְן תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶש, צְווֵייטְנְס, אַז אִיךְ וֶועל אִים מְפַרְסֵם זַיין פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן אַז בֵּיידֶע זַאכְן בִּין אִיךְ מְקַיֵים, אוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן דִי הַבְטָחָה.

**דֶער** עִיקָר דַארְפְן מִיר זֶען צוּ פָאלְגְן וָואס מוֹהֲרָא"ש שְרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו 'ב' בְּשַׁלַּח' אַפָּאר טֶעג פַאר עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, וְזֶה לְשׁוֹנוֹ: "דָבָר אֶחָד שֶאֲנִי מְבַקֵש אֶתְכֶם בְּבַקָשָה אַחֲרוֹנָה מֵחַיַי, שֶתַּחֲזִיקוּ אֶת עַצְמְכֶם בְּיַחַד, וְאַף אֶחָד שֶלֹא יִשְתַדֵל לְהִתְנַשֵׂא עַל הַזוּלַת, אֲנִי לֹא מִינִיתִי אֶת אַף אֶחָד לְמְמַלֵא מְקוֹמִי, כִּי אַתֶּם יוֹדְעִים שֶאֲנִי מְאֹד שוֹנֵא שֶיִהְיֶה בֵּין אַנְשֵי שְלוֹמֵינוּ פֵּירוּדִים וְכוּ', וְשֶלֹא יִהְיֶה אֶחָד שֶמְדַבֵּר בְּפֶה, וּבַלֵב מְכַוֵון אַחֶרֶת, כָּל יָמַי מָסַרְתִּי אֶת נַפְשִי שֶבְּהַד'

אַמּוֹת שֶׁלָּנוּ שֶׁנִּקְרָאִים "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" עַל שֵׁם מַה שֶּׁאָמַר רַבֵּינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נט) שֶׁהַצַּדִּיק בּוֹנֶה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וְלָכֵן תְּהִלָּה לָאֵל כָּל הַבָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת בְּכָל הָעוֹלָם שֶׁהֲקַמְתִּי סְנִיפֵי "הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" אֲזַי אֲנִי תָּמִיד הִקְפַּדְתִּי שֶׁלֹּא יִהְיֶה בֵּינֵינוּ שׁוּעָלִים קְטַנִּים הַמְחַבְּלִים כְּרָמִים שֶׁרוֹצִים לְחַבֵּל אֶת הַכֶּרֶם שֶׁבָּנִיתִי בְּיֶזַע וּבְדָם לְמַעֲלָה מֵחֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְלָכֵן זֶה עִיקָּר רְצוֹנִי שֶׁיִּהְיֶה רַק אַהֲבָה בֵּין אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, כִּי הַרְבֵּה צָרוֹת בָּאוּ וְיָצְאוּ מִמַּחְלוֹקֶת וּמְרִיבוֹת, וְלָכֵן הוֹלֵךְ לִי בְּחַיִּים שֶׁבְּהַד' אַמּוֹת שֶׁלָּנוּ שֶׁלֹּא יִהְיֶה שׁוּם הִתְנַשְּׂאוּת אֶחָד עַל הַשֵּׁנִי וַאֲנִי לֹא מִנִּיתִי אֶת אַף אֶחָד לִהְיוֹת מַנְהִיג בִּמְקוֹמִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## פד

### אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ וֶוערְן אַ 'בְּרֶסְלֶב'עֶר'.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וִוי פָאלְגְנְד: אִיךְ גֶעהֶער צוּ אַ גֶעוִוישֶׂע חֲסִידוּת אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶוער אִיךְ מֶער אוּן מֶער מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, עֶס קוּמְט מִיר אָבֶּער אָן זַייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּטְשֶׁעפֶּען פוּן דִי חֲסִידוּת וואוּ אִיךְ גֶעהֶער, וַוייל וָואס וֶועט מֶען זָאגְן אוֹיף מִיר וְכַדוֹ', וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג דָאס אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אוּן זַיין שְׁטַארְק צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס אִיךְ

שְׁפִּיר אַז עֶס גֶעבְּט מִיר אַן אֱמֶת'ע גוּטֶע לֶעבְּן אוּן מַאכְט מִיךְ שְׁפִּירְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

איךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער שְׁנֶעל; אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, בְּהַצְלָחָה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת נֹחַ, כ"ט תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז): "וְהָעִקָּר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס; מֶען זֶעט אַז בְּגַשְׁמִיּוּת טוּט אַ מֶענְטְשׁ נָאר וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אִים אוּן עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן; עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וואוּ קֶען אִיךְ פַארְדִינֶען גֶעלְט? וואוּ קֶען אִיךְ אַיינְקוֹיפְן פַאר בִּילִיג וְכוּ' וְכוּ'', אוּן עֶר מַאכְט זִיךְ בַּאקְוֶועם וְכוּ'; אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחָנִיּוּת וֶוערְט מֶען פְּלוּצְלִינְג שְׁוַואךְ, מֶען הֵייבְּט אָן טְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט מַיין חַבֵר זָאגְן? וָואס וֶועט מַיין בְּרוּדֶער זָאגְן? וְכוּ' וְכוּ''. אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז קְלוּג קוּקְט אוֹיף זִיךְ; עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וואוּ פַארְדִין אִיךְ? אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי וָואס מַאכְט מִיךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אִיךְ דַארְף אַ רֶבִּי וָואס וֶוען אִיךְ פַאל אַרַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מַצָּב קֶען עֶר מִיךְ אַרוֹיס נֶעמֶען

פוּן מַיין קַטְנוּת, אוּן עֶר קֶען מִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן אִיךְ זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט צוּ אַ רֶבִּי, דַארְף עֶר קוּקְן אוֹיבּ וֶוען עֶר גֵייט אַהֵיים פוּן דֶעם רֶבִּי'ן נֶעמְט עֶר פַאר זִיךְ עֵצוֹת צוּם לֶעבְן; אוֹיבּ דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אִים גָארְנִישְׁט אִין דֶער הַאנְט, אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן דֶער רֶבִּי הָאט, וְוִיפִיל חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען בַּיים טִישׁ, מֶעג עֶר הָאבְן בֶּערְג מִיט מֶענְטְשְׁן - אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט זַיין רֶבִּי, דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גְרוֹיס וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג): אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז עֶר הָאט דִי בְּחִינָה פוּן 'מִיעוּט הַמַּחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה' וַוייל עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אֲלָפִים וּרְבָבוֹת מֶענְטְשְׁן - אַלֶעם לִיגְט אִים אוֹיף זַיין קָאפּ, קוּמְט אוֹיס אַז עֶר הָאט דִי בְּחִינָה פוּן 'מִיעוּט הַמַּחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה', וַוייל זַיין קְלֵיינֶע מֹחַ נֶעמְט אַרַיין טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן וְכוּ', זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים, מֶען הָאט אִים גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט נִישְׁט, אוּן דַיינֶע לַייט זֶענֶען נִישְׁט"; מוֹהַרְנַ"תְ אִיז דָאס מַסְבִּיר (בְּסֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן מַעֲשֶׂה יג) אַז אוֹיבּ אַ רֶבִּי לֵייגְט נִישְׁט אַרַיין אִין זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אִיז אַלֶעם נַארִישְׁקֵייטְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן. "דוּ בִּיסְט נִישְׁט אוּן דַיינֶע לַייט זֶענֶען נִישְׁט", עֶס הָאט אַ פָּנִים ווִי אֵיינֶער הָאט זִיךְ בַּארִימְט אַז דֶער גַאנְצֶער בַּארְג

מִיסְט קוּמְט פוּן אִים אוּן עֶר הָאט דִי בְּחִינָה פוּן מִיעוּט הַמַּחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה, וַוייל פוּן אֵיין מֶענְטְשׁ קוּמְט אַרוֹיס אַזוֹי סַאךְ מִיסְט וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**וָואס** אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ צַדִּיק? אַז עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז נָאךְ אַ אִיד זָאל וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאךְ אַ אִיד זָאל מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹות פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶס גֵייט אִים אִין לֶעבְּן אַז בָּחוּרִים זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט נִכְשָׁל וֶוערְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה, וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ. וְהוּא מְרַמֶּה בְּנֵי אָדָם וְשׁוֹאֵל לְכָל אֶחָד: "מָה אֲנִי אוֹחֵז?" וּלְכָל אֶחָד נִדְמֶה כְּאִלּוּ הוּא אוֹחֵז מַה שֶּׁהוּא מִתְאַוֶּה. וְעַל־כֵּן הַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו, כִּי כָּל אֶחָד סוֹבֵר שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ מַה שֶּׁהוּא חָפֵץ. וְאַחַר־כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם. כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, עַד שֶׁנִּדְמֶה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד כְּאִלּוּ יֵשׁ בְּיָדוֹ מַה שֶּׁהוּא חָפֵץ, כָּל אֶחָד כְּפִי שְׁטוּתוֹ וְתַאֲוָתוֹ. וְאַחַר־כָּךְ בַּסּוֹף הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם, כִּי אֵין מִי שֶׁיְּמַלֵּא תַּאֲוָתוֹ אֶצְלוֹ".

**דֶער** יֵצֶר הָרַע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אֵיינֶער וָואס לוֹיפְט אַרוּם מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, עֶר לוֹיפְט צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט אִין דִי הַאנְט, יֶעדֶער אֵיינֶער מֵיינְט אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס וָואס אִיז אִינְטֶערֶעסַאנְט

פַאר אִים אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ; צוּם סוֹף עֶפְנְט עֶר אוֹיף זַיין הַאנְט, אוּן מֶען זֶעט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין זַיין הַאנְט. אַזוֹי פָּאפְּט עֶר אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען לוֹיפְּט אִים נָאךְ אַ גַאנְץ לֶעבְן בִּיז וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט קוּקְט מֶען זִיךְ אָן, אוּן מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז דֶער שִׂיחָה גֵייט בְּעִיקָר אַרוֹיף אוֹיף פַאלְשֶׁע מַנְהִיגִים; מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ רֶבִּי'ס וְכַדוֹמֶה זַייעֶר גַאנְץ לֶעבְן, אוּן בַּיים סוֹף עֶפְנְט מֶען אוֹיף דִי הַאנְט אוּן מֶען אִיז נַאקֶעט, מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן צִי עֶר הָאט עֶפֶּעס אִין זַיינֶע הֶענְט, צִי מֶען נַארְט אִים נִישְׁט אָפּ; עֶס אִיז דָא אַ שְׁפְּרִיךְ וָוארְט: "מַה שֶּׁבְּיַד בָּטוּחַ", וָואס מֶען הָאט אִין דֶער הַאנְט דָאס אִיז זִיכֶער; וָואס דוּ זָאגְסְט מִיר צוּ אִיז אֵיין זַאךְ, אוּן וָואס אִיךְ וֶועל לְמַעֲשֶׂה הָאבְן אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

**דֶערְפַאר**, וואוּיל אִיז פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגּוּם - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַזוֹי אַז וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט דִי סִדְרָה אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו

עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר אֲרִיכוּת יָמִים, אוּן דָאס רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְש פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי, שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל אִים נִישְׁט אָפְּנַארְן מִיט סְגוּלוֹת וְכוּ' וְכוּ'. מֶענְטְשְׁן וֶוערְן זֵייעֶר פַארְגַאפְט פַאר אֵיינֶעם וָואס מַאכְט פַאקְסְן אוּן מַאכְט זִיךְ מְשׁוּגָע, אָבֶער מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר, אוּן מֶען גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבְן אִין הִימְל נַאקֶעט, אָן קַיין חוּמָשׁ, אָן קַיין מִשְׁנַיוֹת אוּן אָן קַיין גְמָרָא וְכוּ'.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא קַמָּא צז:): "מַטְבֵּעַ שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ - זָקֵן וּזְקֵנָה מִצַּד אֶחָד, וּבָחוּר וּבְתוּלָה מִצַּד אַחֵר", זָאגְט מוֹהַרְאַ"שׁ אוֹיף דֶעם אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה אַז: 'אָט אִיז מֶען אַ בָּחוּר, אוּן אָט אִיז מֶען שׁוֹין אַן אַלְטֶער אִיד; אָט אִיז מֶען אַ מֵיידְל, אוּן אָט אִיז מֶען אַן אַלְטֶע אִידֶענֶע', דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם מַאֲמַר חַזַ"ל, אַז עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אַז אָט גֵייט מֶען שׁוֹין וֶוערְן אַן אַלְטֶער אִיד אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אָנְגְרֵייטְן תּוֹרָה, מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים. אַזוֹי הָאט מוֹהַרְאַ"שׁ אָפְּגֶעלֶערְנְט דֶעם מַאֲמַר חַזַ"ל, וַוייל בַּיי

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז יֶעדֶע מַאֲמַר חַזַ"ל גֶעוֶוען אַ לֶעבֶּעדִיגֶע חַזַ"ל - לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (זֹהַר חָדָשׁ, פָּרָשַׁת נֹחַ) אַז וֶוען נֹחַ אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן דִי תֵּיבָה אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז חָרוּב, הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: "רַיְעָא שַׁטְיָא', דוּ נַארִישֶׁער פַּאסְטוּךְ, יֶעצְט וֵוייְנְסְטוּ? וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט עֲשֵׂה לְךָ תֵּיבַת עֲצֵי גוֹמֶר, דֶעמָאלְט וָואלְסְטוּ גֶעדַארְפְט וֵויינֶען צוּ מִיר אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז עֶס זָאל נִישְׁט קוּמֶען קַיין מַבּוּל; וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן? הָאסְט גֶעמַאכְט אַ תֵּיבָה אוּן זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט - דוּ מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, יֶעצְט וֵוייְנְסְטוּ אַז דִי וֶועלְט אִיז חָרוּב?!" דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט דָארְט אוֹיס אַלֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעְנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען פַאר זֵייעֶר דוֹר וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטְרָאף אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן, עַיֵּין שָׁם.

**זֶעט** מֶען אַז עֶס אִיז צְווֵיי סָארְט צַדִּיקִים, נֹחַ אִיז גֶעוֶוען אַ צַדִּיק, אַזוֹי ווִי דֶער תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ו, ט): "נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו", אָבֶּער אַ צַדִּיק פַאר זִיךְ, נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי וֶועלְט.

**ווָאוֹיל** אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט אוֹיף זִיךְ, עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט תּוֹרָה

וּתְפִילָה; עֶר וֵוייסְט אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט עֶר גָארְנִישְׁט הָאבְּן פוּן אַלֶע חֲבֵרִים, וַוייל וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין אַ מֶענְטְשׁ אִין קֶבֶר אִיז מֶען דָארְט אֵיינֶער אַלֵיינְס, דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר דִי דַפִּים גְמָרָא וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט דִי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וָואס מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעבַּאפְּט יֶעדְן טָאג, אוּן דִי הִתְבּוֹדְדוּת - אַלֶע וֶוערְטֶער וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## פה

### מֶעג אִיךְ אַרוֹיסְוַוארְפְן יֶענֶעמְ'ס חֲפֵצִים?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:**

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיבֶּער אַן אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט אָנְגֶעטְרָאגְן פַאר מִיר אוּן נָאךְ אַפָּאר חֲבֵרִים, דָאס אִיז צוּ אוֹיסְלֵיידִיגְן הַיינְט נַאכְט אַ דִירָה פוּן אַלֶע חֲפֵצִים, אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע סְפָרִים אוּן בַּאקְסֶעס, אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן אוֹיסֶער סְפָרִים אַרַיינְלֵייגְן אוּן גַארְבִּידְזְשׁ בֶּעגְס.

אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הוֹיז אוּן מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי אַרְבֶּעט, מִיר הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט פַאר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, אִינְמִיטְן הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת פוּן דִי דִירָה וֶוער עֶס וואוֹינְט אִין דֶעם דִירָה, וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ אוֹיפְגֶעוָוארְפְן.

עֶר הָאט מִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ הָאט דָא גֶעוואוֹינְט און עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן פַאר פִיר חֳדָשִׁים צוּרִיק, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט אַוֶועקְגֶענוּמֶען זַיינֶע זַאכְן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען יֶעדְן טָאג און גֶענוּמֶען בְּלוֹיז אֵיין בֶּעג פוּן זַיינֶע חֲפֵצִים, זֶענֶען דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים גֶעגַאנְגֶען צוּ בֵּית דִין און בֵּית דִין הָאט אִים גֶערוּפְן צוּ קוּמֶען צוּ אַ דִין תּוֹרָה, אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאוויזְן, מִמֵּילָא וויבַּאלְד עֶר אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן מִיט אַלֶעמֶען און עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאווִיזְן בַּיים דִין תּוֹרָה הָאט בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'עֶט אַז מֶען קֶען אוֹיסְלֵיידִיגְן דִי דִירָה און אַלֶעס אַוֶועקְוַוארְפְן.

לְמַעֲשֶׂה אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען אִין קָארְט און דֶער טֶענֶענְט הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַ לֶעגַאלֶע צֶעטְל אַז אוֹיבּ בִּיז הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז נִישְׁט אַלֶעס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען קֶענֶען דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים אַלֶעס אַרוֹיסְנֶעמֶען.

הֶערְנָדִיג דָאס הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מוֹרָא הָאבְּן אַז אִיךְ טוּ עֶפֶּעס נִישְׁט רִיכְטִיג; אִיז יֶעצְט מַיין שְׁאֵלָה אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז נָאכְנִישְׁט פַּארְטִיג, מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט אַלֶעס אַרוֹיסְגֶענוּמֶען און מִיר דַארְפְן דָאס צוּעֶנְדִיגְן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ, מֶעג אִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט אָדֶער אִיךְ טוּ אַן עַוְלָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת נֹחַ, א' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן.

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט טוּן דִי סָארְט אַרְבֶּעט; מֶען דַארְף זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וַויי טוּן**

אַ אִיד, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט צוּ אָרֶעמֶעלַייט אוּן מֶענְטְשְׁן מִיט צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער. דוּ זָאלְסְט זִיךְ זוּכְן בֶּעסֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ צוּ פַארְדִינֶען גֶעלְט.

**אַז** מֶען רֶעדְט שׁוֹין מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אַז אִיךְ גְרוֹיס מִיר מִיט אַזֶעלְכֶע תַּלְמִידִים וִוי דִיר וָואס הָאבְּן אַ אִידִישׁ הַארְץ; וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ טְרַאכְסְט אַז אֶפְשָׁר טוּסְטוּ עֶפֶּעס שְׁלֶעכְט, שְׁטֵיי אַוֶועק פוּן דִי סָארְט אַרְבֶּעט אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר גֶעבְּן פַּרְנָסָה אוֹיף אַ בֶּעסֶערֶע וֶועג. גֶעבּ אוֹיךְ אִיבֶּער פַאר אַלֶע דַיינֶע חֲבֵרִים אַז זֵיי זָאלְן זוּכְן פַּרְנָסָה אוֹיף אַ וֶועג וָואס מֶען טוּט קֵיינֶעם נִישְׁט וֵוי.

**שְׁטַארְק** דִיר אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא; זָארְג נִישְׁט וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ, אַ שִׁידוּךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דַיין שִׁידוּךְ אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דִיר, אוּן וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע מִינוּט וֶועסְטוּ עֶס טְרֶעפְן, זֵיי נָאר מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

**אַ** גוּט שַׁבָּת.

# פו

## דער דָאקְטֶער זָאגְט אַז אִיךְ בִּין אוֹיפְ'ן שְׁוֶועל פוּן דַייעֶבִּיטִיס.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע לֶעבְּנְסְווִיכְטִיגֶע עֵצוֹת.

אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ קוּנְטְרֵס וֶועגְן דִי מַחְלָה פוּן דַייעֶבִּיטִיס (צוּקֶער)׃ אִיךְ הָאבּ יֶעצְט פְּרִי-דַייעֶבִּיטִיס, אוּן דֶער דָאקְטָאר זָאגְט מִיר אַז אוֹיבּ אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט צוּרִיק דְרֵייעֶן בִּיז דְרֵיי חֳדָשִׁים וֶועל אִיךְ מוּזְן גֵיין אוֹיף מֶעדִיצִין פַאר דַייעֶבִּיטִיס.

עֶס כַאפְּט מִיר אַ צִיטֶער ווייל אִיךְ וֵויס אַז מֶענְטְשְׁן פַאלְן אַרַיין אִין דֶעם אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס דְרַאפֶּען, בִּבְחִינַת כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן וְלֹא יַשִּׂיגוּ אָרְחוֹת חַיִים רַחְמָנָא לִצְלָן, נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען מֶער אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ אִינְפֶּעקְשְׁנְ'ס רַחְמָנָא לִצְלָן. דֶער דָאקְטָאר זָאגְט אַז אוֹיבּ אִיךְ לָאז אַרָאפּ פֶּערְצִיג פוּנְט גֵייט אַלֶעס בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם צוּרִיק צוּ נָארְמַאל. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, וָואס פַאר אַ וֶועג צוּ גֵיין? וֶוען אִיךְ עֶס נִישְׁט קֵיין קַארְבְּס, פַארְלִיר אִיךְ זֵייעֶר שְׁנֶעל, אָבֶּער דָאס קָאסְט אַבִּיסְל מֶער, אוּן עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁוֶוערֶער וֶועגְן מַיין דְזְשַׁאבּ וָואס אִיךְ דְרֵייוְו אַרוּם לַאנְגֶע שָׁעָה'ן. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וֶועגְן אַ פְּרוּכְט דַייעֶט וָואס מֶענְטְשְׁן פַארְלִירְן זֵייעֶר שֵׁיין דוּרְךְ דֶעם, אָבֶּער אִיךְ בִּין חוֹשֵׁשׁ וָואס דָאס מַאכְט אוֹיס פַאר אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין פְּרִי-דַייעֶבִּיטִיס, הַגַם פַאר אַ יוּנְגֶע מֶענְטְשׁ אִיז דִי פְּרוּכְט צוּקֶער נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אָבֶּער אֶפְשָׁר בַּיי אַ פְּרִי-דַייעֶבִּיטִיס פַּאצִיעֶנְט אִיז עֶס יָא אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוּן מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן אוֹיף דַייעֶבִּיטִיס טָארְן בִּכְלַל נִישְׁט עֶסְן זִיסֶע פְּרוּכְט.

אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט צוּ פְרֶעגְן מַיין דָאקְטָאר אִיבֶּער דֶעם, אָבֶּער זַיין עֶנְטְפֶער אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף אַ וֶועג פוּן עֶקְסְטְרֶעם. נָאר עֶסְן אַ הַאלְבֶּע טֶעלֶער גְרִינְס, אַ פֶערְטְל טֶעלֶער פְּרָאטִין אוּן אַ פֶערְטְל טֶעלֶער גַאנְצֶע-תְּבוּאָה קַארְבְּס.

דֶער ראָש יְשִׁיבָה הָאט מִיר שׁוֹין אַזוֹיפִיל עֵצוֹת גֶעגֶעבְּן וָואס הָאט מִיר גֶעמַאכְט זֶען אַ קְלָארֶע וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין, הַלְוַואי קֶען דֶער ראָש יְשִׁיבָה מִיר מְחַזֵּק זַיין אוֹיךְ מִיט עֶפֶּעס אַ וֶועג אִין דֶעם פְּלָאנְטֶער. אַז דֶער ראָש יְשִׁיבָה גֶעט אַזוֹיפִיל צַייט, כֹּחַ אוּן מֹחַ אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן שַׁ"ס אוּן לֶעבְּן אִין גַן עֵדֶן, אֶפְשָׁר קֶען דֶער ראָש יְשִׁיבָה אוֹיךְ אַרוֹיס הֶעלְפְּן מֶענְטְשְׁן צוּ לֶעבְּן אָן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחְלָה פוּן דֵייעֶבִּיטִיס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס גֵייט פָאר מִיט דִיר; דֶער דָאקְטֶער זָאגְט דִיר קְלָאר אִין פָּנִים אַז אוֹיבּ דוּ גֵייסְט נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ עֶסְט, גֵייסְטוּ לַיידְן אוֹיף צוּקֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, קוּמְסְטוּ מִיר בֶּעטְן חִיזוּק? וָואס אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע חִיזוּק פוּן דָאס וָואס דֶער דָאקְטֶער הָאט דִיר גֶעזָאגְט, אַז דוּ דַארְפְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ עֶסְט? אַ מֶענְטְשׁ וָואס הֶערְט פוּנֶעם דָאקְטֶער אַז אוֹיבּ גֵייט עֶר נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס עֶר עֶסְט, וֶוערְט עֶר בִּיז אַ חוֹדֶשׁ צְוֵויי נֶעבֶּעךְ גֶעכַאפְּט מִיט דִי מַחְלָה פוּן צוּקֶער, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאכְן; מֶען הֵייבְּט אָן שְׁנַיידְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, אַזַא מֶענְטְשׁ דַארְף נָאךְ חִיזוּק?

**אִיךְ** מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר בֶּאֱמֶת נִישְׁט; וואוּ קוּמְט יֶעצְט אַרַיין שְׁרַייבְּן אַ קוּנְטְרֵס פַאר מֶענְטְשְׁן? אִיךְ מֵיין אַז דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער לֵיינֶען דִי שְׁאֵלָה וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט, וִוי שֵׁיין דוּ בְּרֶענְגְסְט אַרוֹיס דִי סַכָּנָה פוּן נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען עֶסְט, אוּן דָאס וֶועט דִיר מְחַזֵק זַיין.

**אִיךְ** הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט דִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ דַארְפְסְט מַאכְן אִיבּוּנְגֶען יֶעדְן טָאג, עֶנְטְפֶערְסְטוּ מִיר אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט; אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן צִי דוּ בִּיסְט בַּיים דַעַת, דֶער דָאקְטֶער וָוארְנְט דִיר, מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, מוּבָא בְּרַשִׁ"י וַיִּקְרָא טז, א): "מָשָׁל לְחוֹלֶה שֶׁנִּכְנַס אֶצְלוֹ רוֹפֵא, אָמַר לוֹ: 'אַל תֹּאכַל צוֹנֵן וְאַל תִּשְׁכַּב בְּטַחַב'; בָּא אַחֵר וְאָמַר לוֹ: 'אַל תֹּאכַל צוֹנֵן וְאַל תִּשְׁכַּב בְּטַחַב, שֶׁלֹּא תָמוּת כְּדֶרֶךְ שֶׁמֵּת פְּלוֹנִי' - זֶה זֵרְזוֹ יוֹתֵר מִן הָרִאשׁוֹן", אַ מָשָׁל צוּ אַ חוֹלֶה וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אִים: גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁלָאפְן אִין אַ קַאלְטֶע פְלַאץ, אוּן עֶס נִישְׁט קַיין קַאלְטֶע עֶסְן; נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ צְווייטֶער דָאקְטֶער וָואס זָאגְט אִים: גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט צוּ שְׁלָאפְן אִין אַ קַאלְטֶע פְלַאץ אוּן עֶס נִישְׁט קַיין קַאלְטֶע עֶסְן, 'כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט שְׁטַארְבְּן אַזוֹי וִוי יֶענֶער', דֶער צְווייטֶער דָאקְטֶער הָאט אִים שׁוֹין מֶער גֶעוָוארְנְט וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: דוּ זָאגְסְט אַלֵיינְס מִיט דַיין מוֹיל אַז נָאךְ אַבִּיסְל גֵייסְטוּ הָאבְּן לֹא עָלֵינוּ צוּקֶער, דֶער דָאקְטֶער הֵייסְט דִיר דוּ זָאלְסְט גֵיין יֶעדְן טָאג מַאכְן אִיבּוּנְגֶען פַאר דַיין גֶעזוּנְט, עֶנְטְפֶערְסְטוּ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין צַייט?!

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר אַזוֹי אִין פָּנִים אַרַיין; אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ שְׁרֶעק וֶוען עֶר הֶערְט אַז עֶר הָאט דִי מַחְלָה פוּן צוּקֶער אִין דִי בְּלוּט. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף זִיךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה לד, י): "הַצַּדִּיקִים - לִבָּם בִּרְשׁוּתָם", זֵייעֶר הַארְץ אִיז אוּנְטֶער זֵייעֶר רְשׁוּת, דָאס מֵיינְט אַז עֶר קֶען זִיךְ זָאגְן 'נֵיין'.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר טֵייעֶרעֶר לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, פָּאלְג דֶעם דָאקְטֶער אוּן קוּק נִישְׁט אוֹיף גֶעלְט; אֱמֶת, וֶוען מֶען עֶסְט גֶעזוּנְטֶע עֶסְן קָאסְט דָאס אַסַאךְ מֶער וִוי נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע עֶסְן, אָבֶּער וָואס טוּט מֶען נִישְׁט פַארְ'ן לֶעבְּן, וָואס הָאט מֶען פוּן גֶעלְט אַז מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶעזוּנְט?

קוּק נִישְׁט אוֹיף קַיין צַייט, ווייל דַיין גֶעזוּנְט קוּמְט פַאר אַלֶעס, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער אָב הָרַחֲמָן אוּן דֶער רוֹפֵא נֶאֱמָן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה אוּן הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ וויסְן אַז דָאס לֶעבְּן אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל.

# פז

## זָאל מֶען אַרְבֶּעטְן נָאר אוֹיף שִׂמְחָה? ווי אַזוֹי דינְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט גַשְׁמִיּוּת?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל, אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן אַװעקְגֶעבְּן צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת, אוּן יֶעצְט וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת.

שְׁאֵלָה א', לוֹיט ווי מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ זָאל מֶען אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה; וָואס זָאל מֶען טוּן בִּיז מֶען אִיז קוֹנֶה די מִדָּה, זָאל מֶען נִישְׁט אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן ווי לְמָשָׁל שְׁלוֹם בַּיִת אוּן חִינוּךְ הַבָּנִים? עֶס קֶען דָאךְ אַדוּרְךְ גֵיין יָארְן בִּיז מֶען אִיז קוֹנֶה די מִדָּה.

שְׁאֵלָה ב', ווי אַזוֹי קֶען מֶען הָאבְּן הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן די נְשָׁמָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דָא נַהֲמָא דְּכִסּוּפָא אוּן מִמֵּילָא מוּז די נְשָׁמָה אַרָאפְּקוּמֶען דָא אוֹיף די וֶועלְט אוּן אַדוּרְךְ גֵיין אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן, סַיי צַדִּיקִים אוּן אַוַודַאי רְשָׁעִים. עֶס וָואלְט לוֹיט די פְּרָאסְטֶע שֵׂכֶל גֶעוֶוען בֶּעסֶער אַז די נְשָׁמָה זָאל בִּכְלַל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, אַזוֹי ווי די סְפָרִים פְרֶעגְן וָואס אִיז די גְרוֹיסְקַייט פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם אַז עֶר הָאט אוּנְז דָאךְ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין מִצְרַיִם, אוּן די תִּירוּץ וָואס זֵיי עֶנְטְפֶערְן "כְּדֵי זֵיי אוֹיס צוּ לַייטֶערְן" - אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ דָא.

שְׁאֵלָה ג', אִיר דֶערְמַאנְט אַסַאךְ אִין אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אַז מֶען קֶען לֶעבְּן דָא אוֹיף די וֶועלְט בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן דָאךְ דִינֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה; אִיז מִיר שְׁוֶוער, וַוייל אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רל"א), אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נָאר טוּן אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנֵי גַשְׁמִיִּים אוֹיב עֶס אִיז אַ צוֹרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צוּם בַּיישְׁפִּיל נִישְׁט עֶסְן אָדֶער שְׁלָאפְן מֶער ווִיפִיל עֶס פֶעלְט אוֹיס.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֶועל פְּרוּבִּירְן צוּ עֶנְטְפֶערְן עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נב): "צְרִיכִים לְבַקֵּשׁ קוֹדֶם עַל מִדָּה אַחַת, וּכְשֶׁשּׁוֹבְרִים אֶת הַמִּדָּה הַזּוֹ, אָז צְרִיכִים לְהִתְפַּלֵּל עַל מִדָּה שְׁנִיָּה, וְכֵן לְבַקֵּשׁ בְּכָל פַּעַם עַל מִדָּה אַחֶרֶת עַד שֶׁיְּבַטֵּל מִמֶּנּוּ אֶת כָּל הַמִּדּוֹת וְהַתַּאֲווֹת רָעוֹת", אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם נֶעמֶען אֵיין מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם אוּן וֶוען עֶר הָאט שׁוֹין צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה זָאל עֶר נֶעמֶען נָאךְ אַ מִדָּה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת.

**שְׁטֶעלְט** זִיךְ דִי קַשְׁיָא: בַּיי וֶועלְכֶע מִדָּה הֵייבְּט מֶען אָן, אוֹיף וֶועלְכֶע מִדָּה זָאל מֶען בֶּעטְן עֶרְשְׁט? פְּלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז דִי עֶרְשְׁטֶע זָאל מֶען בֶּעטְן אוֹיף "שִׂמְחָה", וַוייל אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְרֵייליךְ פַאלְט שׁוֹין אַוֶועק אַלֶע מִידוֹת רָעוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲוֹות, אַזוֹי אוֹיךְ אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, הָאט מֶען נִישְׁט אַזוֹיפִיל פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**דָאס** מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נִישְׁט בֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אוֹיף קִינְדֶער אוּן אוֹיף פַּרְנָסָה וְכוּ'

וְכוּ', פַארְקֶערְט, דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווי עֶר רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶע חַבֵר; אַוַדַאי דַארְף מֶען בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, טַייכְן טְרֶערְן דַארְף מֶען פַארְגִיסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל אוֹיסְאַרְבֶּעטְן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אוּן עֶר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, אוֹיבּ הוֹיבְּט מֶען אָן מִיט שִׂמְחָה, פַאלְן אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט, דֶעמָאלְט פַאלְט עֶר אַרַיין אִין כַּעַס אוּן אִין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, אַזוֹי אוֹיךְ פַאלְט עֶר אִין קְדוּשָׁה, וַוייל אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּן זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ. דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, אוּן שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס מֶען אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן וְכוּ'; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ גֵיין אִין דִי אַלֶע חֲקִירוֹת וְכוּ', וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן יב): "כְּשֶׁאָדָם הוֹלֵךְ אַחַר שִׂכְלוֹ וְחָכְמָתוֹ, יוּכַל לִפֹּל בְּטָעוּתִים וּמִכְשׁוֹלוֹת רַבִּים, וְלָבוֹא לִידֵי רָעוֹת גְדוֹלוֹת, חַס וְשָׁלוֹם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ זַיין שֵׂכֶל אוּן זַיין חָכְמָה, קֶען עֶר צוּקוּמֶען צוּ מַאכְן גְרוֹיסֶע טָעוּתִים אוּן צוּ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, "וְיֵשׁ שֶׁקִּלְקְלוּ הַרְבֵּה, כְּגוֹן הָרְשָׁעִים הַגְּדוֹלִים מְאֹד הַמְפֻרְסָמִים, שֶׁהִטְעוּ אֶת הָעוֹלָם וְהַכֹּל הָיָה עַל יְדֵי חָכְמָתָם וְשִׂכְלָם", עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע רְשָׁעִים וָואס הָאבְּן פַארְדְרֵייט דִי וֶועלְט,

און אַלֶעס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייל זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ זֵייעֶרע חָכְמוֹת; דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְעִקָּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", דֶער עִיקָר פוּן אִידִישְׁקֵייט אִיז, מֶען זָאל פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, און פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ זָאל מֶען קוּקְן צִי דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין יג:): "נוֹחַ לוֹ לָאָדָם שֶׁלֹּא נִבְרָא יוֹתֵר מִשֶּׁנִּבְרָא, וְעַכְשָׁיו שֶׁנִּבְרָא יְפַשְׁפֵּשׁ בְּמַעֲשָׂיו", עֶס אִיז בֶּעסֶער פַאר'ן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוען נִישְׁט בַּאשַׁאפְן וֶוערְן, אָבֶּער יֶעצְט אַז מִיר זֶענֶען שׁוֹין בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן זָאל מֶען זֶען אַרֵיינְצוּכַאפְּן ווי מֶער מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים; דֶערְפַאר, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאשַׁאפְן, דַארְפְן מִיר אִים דַאנְקֶען און לוֹיבְּן אָן קַיין חָכְמוֹת וְכוּ'.

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווי אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט און לוֹיבְּט אִים, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי מַלְאָכִים: "קוּקְט אָן דֶעם אִיד, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט און עֶר דַאנְקְט מִיר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּטְס", און פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט ווי אֵיינֶער הֶערְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אָפְּצוּרֶעדְן, זָאגְט עֶר: "אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס שְׁלֶעכְטְס מֵיינְט".

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט ווי אַזוֹי קֶען מֶען לֶעבְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּזַאמֶען מִיט עוֹלָם הַזֶּה וְכוּ', וַוייל לִכְאוֹרָה

שְׁטֵייט דָאךְ אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רלא) אַז מֶען טָאר נִישְׁט הַנָאָה הָאבְּן פוּן עֶסְן, שְׁלָאפְן אוּן פוּן אַנְדֶערֶע הֲנָאוֹת; דַיין קַשְׁיָא אִיז דֶער תֵּירוּץ, קוּק אַרַיין דָארְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם) וואוּ דֶער מְחַבֵּר רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט - עֶסְן, שְׁלָאפְן, וְכוּ' וְכוּ', אַז מֶען זָאל אַלֶעס טוּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, ו): "בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "וִוי אִיז שַׁיָּיךְ תַּאֲווֹת? עֶסְן דַארְף מֶען אַז מֶען זָאל קֶענֶען לֶעבְּן, שְׁלָאפְן דַארְף מֶען כְּדֵי מֶען זָאל קֶענֶען הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן דַארְף מֶען וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעהֵייסְן, מִמֵילָא וִוי אִיז שַׁיָּיךְ תַּאֲווֹת?"

**דֶער** רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען עֶר זָאל וִויסְן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּ קוּמֶען דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט מְסַגֵּף גֶעוֶוען אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן; דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְנִיצְן זַיינֶע טֶעג אוּן יָארְן מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה.

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גְרִינְגֶע דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין מֹחַ אוּן עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען - קֶען אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ אוֹיב פָאלְגְט עֶר דֶעם רֶבִּי'ן אוּן הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "הָעִקָּר הִיא הָאֲמִירָה, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר וּמִמֵּילָא יָבִין", דֶער עִיקָר זָאל מֶען זֶען

צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֵיי קְלוּג אוּן זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנָיוֹת, גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, נָאר דָאס וֶועט אִיבֶּער בְּלַייבְּן פוּן אוּנְז אוּן נָאר דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, פוּן אַלֶע חֲקִירוֹת אוּן חָכְמוֹת הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# פח

## ווִיפִיל אִיז דֶער שִׁיעוּר צוּ טוּן הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ ווִיל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַאר דִי שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, זְכוּת הָרַבִּים תָּלוּי בָּכֶם!

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן ווִיפִיל עֶס אִיז דִי "שִׁיעוּר" ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף טוּן הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה, בַּיי וֶועלְכֶע שְׁטַאפְּל דַארְף מֶען שׁוֹין נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם הִשְׁתַּדְּלוּת נָאר בְּלוֹיז גְלֵייבְּן אוּן זִיךְ פַארְזִיכֶערְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר שְׁפַּייזְט אַלֶעמֶען?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווייסְן** זָאלְסְטוּ אַז אֱמוּנָה אוּן בִּטָּחוֹן קוּמְט נִישְׁט אַרַיין וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ וְכוּ', נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה וּבִטָּחוֹן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים גוּט אוּן סַיי וֶוען עֶס גֵייט אִים פַארְקֶערְט ווִי עֶר ווִיל.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט; ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין אוּן מְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אִין יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע תְּנוּעָה אִיז דָארְט בַּאהַאלְטְן דֶער אַלּוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה אוּן גֶעשְׁמַאק וָואס מֶען קֶען הָאבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט. מֶען שְׁפִּירְט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט דִי הֲנָאָה וָואס מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אִין גַן עֵדֶן.

**דֶערְפַּאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִין אֱמוּנָה אוּן גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט גֶעבְּן קַיין פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט צוּנֶעמֶען דַיין פַּרְנָסָה, ווַייל נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט פַּרְנָסָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ,

וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לָךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן; אֵיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן: 'פַארְוָואס דַארְף מֶען גֵיין אַרְבֶּעטְן? אוֹיבּ אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן זִיצְן אִין שְׁטוּבּ, וָואס הָאבּ אִיךְ צוּ אַרְבֶּעטְן?' אוֹיף דֶעם זָאגְן שׁוֹין חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סִפְרֵי דְּבָרִים, פֶּרֶק טו, פִּיסְקָא קנח) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (מִלְּשׁוֹן הַכָּתוּב דְּבָרִים טו, יח): "וּבֵרַכְתִּיךָ בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה" - יָכוֹל יְהֵי יוֹשֵׁב וּבָטֵל? תַּלְמוּד לוֹמַר בְּכָל אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה, מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרַיין דִי בְּרָכָה מֶען זָאל פַארְדִינֶען פַּרְנָסָה.

**מוֹהֲרַא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין: "רֶבִּי, מַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן"; דֶער אִיד הָאט גֶעהַאט אַ קוּ, עֶר פְלֶעגְט מֶעלְקְן מִילְךְ פוּנֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן דִי מִילְךְ, אוּן פוּן דֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט פַּרְנָסָה, אֵיין צוּפְרִי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטַאל אוּן גֶעטְרָאפְן זַיין קוּ טוֹיט, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם חָפֵץ חַיִּים דֶערְצֵיילְן אִיבֶּער זַיין צָרָה, דֶער חָפֵץ חַיִּים הָאט אִים גֶעוָואלְט בַּארוּאִיגְן, אָבֶּער דֶער אִיד וֵויינְט אוּן שְׁרֵייט אַז עֶר גֵייט שׁוֹין שְׁטַארְבְּן פַאר הוּנְגֶער וַוייל עֶר הָאט מֶער נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶעזָאגְט: "דַיין פַּרְנָסָה גֶעבֶּער אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר וֶועט דִיר וַוייטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה; חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן אַ קוּ, נָאר דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ

הָאסְט גֶעהַאט פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען דוּרְךְ דִי קוּ, אוּן יֶעצְט וֶועט קוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה דוּרְךְ אַן אַנְדֶערֶע וֶועג".

דִי מַעֲשֶׂה דַארְף מֶען גוּט אַריינְעמֶען אִין זִיךְ, אַז מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן פַאר אֵיין מִינוּט אַז דִי פַּרְנָסָה קוּמְט פוּן דִי אַרְבֶּעט אוּן אוֹיב מֶען וֶועט פַארְלִירְן דִי אַרְבֶּעט וֶועט מֶען אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער וְכוּ', אָדֶער אַנְדֶערֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס קוּמֶען אַריין אִינֶעם מֶענְטְשׁ: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'וִוי אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט?' נָאר אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין זַיינֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵין תַּעֲנִית ב.): "מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה הִיא בְּיַד הַקָדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## פט

**אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ אִינְגֶערְמַאן, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן שְׁמוּץ.**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים אוּן פוּן דִי בְּרִיוְון. אִיךְ הָאבּ גֶעבְּכְן גֶעזֶען אַ בְּרִיוו פוּן אַ בָּחוּר וָואס עֶר שְׁרַייבְּט: 'אִיךְ פַאל אוּן

אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל[א]. אִיךְ הָאבּ מִיר מַמָּשׁ צוּקַייכְט ווִי אַ בֶּעיבִּי, ווַייל... טֵייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס זָאל אִיךְ זָאגְן, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע ווַייבּ מִיט גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ זָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סִדְרָה, אוּן אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל דוּרְךְ מִיט בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת.

אִיךְ ווַיין... ווַייל דֶעם בָּחוּר הָאט אִיר מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ, אָבֶּער דִי רְגִילוֹת צוּ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט פוּן קִינְדְווַייז אָן, צוּ הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אוּן בִּפְרַט אַז הַיינְט אִיז אַזוֹי גְרִינְג טָמֵא צוּ וֶוערְן, ווַייל דֶער אִינְטֶערְנֶעט פַארְבְּרֶענְט מִיר מִיט עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּץ.

---

א. אוֹיסְצוּג פוּן אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, דַאטִירְט: יוֹם א׳ פָּרָשַׁת בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי, י״ח אִיָּיר, לַ״ג בָּעוֹמֶר, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן:

"דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר: "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ מְחַיֶּה; מֶען הָאט גֶעהַאט אַ טָאג, אַ נַאכְט, אַ לֶעבְּן; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ גֶעפִיל צוּ אַ שַׁבָּת, צוּ אַ יוֹם טוֹב. אָבֶּער זַייט אִיךְ בִּין נִישְׁט עֶרְלִיךְ הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ בִּין דוֹמֶה צוּ אַ מֵת", אוּן דוּ בֶּעטְסְט פוּן מִיר חִזּוּק; דָאס אַלֵיין אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חִזּוּק, אַז דוּ בֶּעטְסְט חִזּוּק, אוּן עֶס טוּט דִיר ווֵיי אַז דוּ פַאלְסְט אַרָאפּ.

קוֹדֶם כֹּל זֶע אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט נָאךְ נִישְׁט קַיין מֵת, וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת יג:): "אֵין בָּשָׂר הַמֵּת מַרְגִּישׁ בְּאִיזְמֵל", אַז אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט נִישְׁט וֶוען מֶען שְׁנַיידְט אִים; ווַייל דָאס אַלֵיינְס אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר מִיט טְרֶערְן אַז אִיךְ זָאל דִיר מְחַזֵּק זַיין, דָאס אַלֵיינְס ווַייזְט אַז דוּ לֶעבְּסְט אוּן אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט מְיוּאָשׁ.

מָה אוֹמֵר לְךָ, קֵיינֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַ בָּחוּר; דָאס אִיז גֶעוֶועזְן וָואס מוֹהֲרַ״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן, אוּן מוֹהֲרַ״שׁ פְלֶעגְט ווֵיינֶען זַיין גַאנְץ לֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין מְבַטֵּל זַיין דִי גְזֵירָה וָואס אִיז דָא - אַז בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן ווִילְן זַיין עֶרְלִיךְ אָבֶּער זֵיי קֶענֶען נִישְׁט, ווַייל ווִילַאנְג מֶען אִיז אַ פְּלַג גּוּף קֶען מֶען נִישְׁט זַיין אָפְּגֶעהִיטְן. אוּן מוֹהֲרַ״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן אַז אַ בָּחוּר דַארְף זָאגְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג: "כַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ ווִיל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל".

אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת און אִיךְ בִּין אִינְאֵיינֶעם מִיט מַיין וַוייבּ אָן קַיין פְּרִישׁוּת, אַזוֹי וִוי אִיר לֶערְנְט אוֹיס אִין דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶּער גָארְנִישְׁט הֶעלְפְט מִיר נִישְׁט, דִי פֵייעֶר פוּן שְׁמוּץ אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס דָא אַ תַּקָנָה פַאר מִיר, נָאר אוֹיבּ דִי תְּפִילוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט וֶועט נָאךְ אֵיין שֵׁיינֶעם טָאג הֶעלְפְן, דָאס אִיז מַיין הָאפֶענוּנְג. אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן נִישְׁט אַ בָּחוּר, הֶעלְפְט'ס מִיר!

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ד' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו און גֶעלֵייְנְט דַיין וֵויי גֶעשְׁרֵיי.**

**וִויסְן זָאלְסְטוּ, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן און אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, דַארְף עֶר הָאבְּן מוֹרָא'דִיגֶע סַבְלָנוּת, וַוייל עֶס גֵייט נִישְׁט אִין אֵיין מִינוּט. וֶוען דֶער יֵצֶר הָרַע זֶעט וִוי אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אִים**

---

אִיךְ שִׁיק דִיר דָא דִי תְּפִילָה וָואס מוֹהֲרַ"אשׁ הָאט גֶעמַאכְט, און צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס וֶועט זָאגְן דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים און דִי תְּפִילָה פֶּערְצִיג טֶעג וֶועט טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ. דִי קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים קֶענְסְטוּ טְרֶעפְן אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, בַּיי דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, און דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת חִתּוּן, חֵלֶק ב', סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִווּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים".

שְׁטַארְק דִיר, און אִיךְ וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן בְּקָרוֹב אַז דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דַיין שִׁידוּךְ".

אִין טַאשׁ ווִיל זִיךְ אַרוֹיס רַייסְן פוּן אִים, דֶעמָאלְט פְּרוּבִירְט עֶר מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אִים צוּרִיק אַרַיין צוּ שְׁלֶעפְּן אִין זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אוּן עֶר פְּרוּבִירְט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּרִיק אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בִּיז מֶען וֶוערְט פָּטוּר פוּן דֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן מֶען דַארְף אַסַאךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דִי טוּמְאָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ:): "וּכְבָר אָמַר אָנָּא הַשֵּׁם, וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בִּירִיחוֹ", זָאגְט עֶר (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, תְּחִלַּת פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח): "שֶׁזְּמַן אָרוֹךְ צָרִיךְ הָאָדָם לִצְעֹק אָנָּא הַשֵּׁם, עָזְרֵנִי שֶׁאֶזְכֶּה לְעָבְדְךָ בֶּאֱמֶת, וְאָז וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ, אֲבָל לֹא בְּיָמִים מוּעָטִים", מֶען דַארְף שְׁרֵייעֶן אַ לַאנְגֶע צַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ צַדִּיק.

ווַייסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַד כְּדֵי כַּךְ, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין", אִין הִימְל אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן טוּט תְּשׁוּבָה; מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין דִי קְדוּשָּׁה, בִּפְרַט אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין

גֶעוֶוען אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ-מֶ"ם, עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעוואוּינְט צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, בִּפְרַט דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית רַייסְט מֶען זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַזַא מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף עֶר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת בִּיז עֶר אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ קוּמֶען אִין דִי קְדוּשָׁה.

**דֶער** זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) **אַז אוֹיף פְּגַם** הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא) אַז עֶס הֶעלְפְּט יָא תְּשׁוּבָה, אוּן אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט נָאר גֶעטוּן הֶעלְפְּט תְּשׁוּבָה, נָאר דָאס וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ"; פְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת תְּפִילִין, הֲלָכָה ד, אוֹת ד): "וִוי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אוֹיף אַ זַאךְ וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, קוּמְט דֶער רֶבִּי זָאגְן אַז עֶס הֶעלְפְּט יָא תְּשׁוּבָה?" נָאר בֶּאֱמֶת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ הֶעלְפְּט תְּשׁוּבָה, אֵיי, פַארְוָואס זָאגְט דֶער זוֹהַר אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה?

**נָאר** ווייבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ מְטַמֵא גֶעמַאכְט מִיט דִי מִיאוּס'עֶ עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אַזַא הַארְבֶּע עֲבֵירָה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג.): "אָמַר רֶבִּי

יוֹחָנָן: כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּב מִיתָה", רֶבִּי יִצְחָק זָאגְט: "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", אוּן רַב אַסִּי זָאגְט: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה"; מִמֵּילָא דַארְף עֶר אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָּיוֹן, אַז מֶען פְּרוּבִּירְט אִים אוּיס זֵייעֶר שְׁטַארְק. אוּיבּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק, עֶר מַאכְט אָפּ בַּיי זִיךְ: 'יַעֲבוֹר עָלַי מַה, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין', דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אוּן הֵייבְּט אָן זָאגְן: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין סֵיי וִוי נִישְׁט זַיין קַיין צַדִּיק', 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין סֵיי וִוי נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד', 'מִיר הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה'; דֶעמָאלְט בְּלַייבְּט עֶר נֶעבֶעךְ אִין זַיינֶע אַלְטֶע מַעֲשִׂים רַחְמָנָא לִצְלָן.

**דָאס** אִיז פְּשַׁט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס הֶעלְפְט זִיכֶער תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אוּיף פְּגַם הַבְּרִית, אוּן דָאס אִיז דִי תְּשׁוּבָה - אַז אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט נִישְׁט אוּיף גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוּן עֶר דַארְף נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. אֲפִילוּ מֶען זָאל אִים אוּיף וַוייזְן קְלָאר אַז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶר זֶעט בְּפוֹעַל אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע אַלְטֶע רְגִילוּת'עֶר צוּ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, דָאךְ זָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ: 'מִיר גֵייט גָארְנִישְׁט אָן, אִיךְ וֶועל נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן אֵיין מָאל וֵוינִיגֶער צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה, אִיךְ וֶועל גֶעבְּן אֵיין קוּק וֵוינִיגֶער וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט' - דָאס אִיז זַיין תְּשׁוּבָה.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ אוּן גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף; דוּ זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט'ן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אוּן מַעֲבִיר סִדְרָה זַיין, אוּן פִיר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אָן קַיין פְּרִישׁוּת וְכוּ' אַזוֹי וִוי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר, אוּן אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט וִוי עֶס הֶעלְפְט דִיר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין, ווַייל דָאס אַלֵיינְס אַז דוּ בֶּעטְסְט נָאךְ הִילְף, דוּ וֶוייסְט נָאךְ, דָאס אִיז נָאר ווַייל דוּ פָאלְגְסְט דִי עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**אוֹיפְ'ן** פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, ו): "וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה, וַתַּחְמֹל עָלָיו, וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה", זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁמוֹת יב:): "אָמַר רַבִּי יְהוּדָה, כָּל מִלִּין דְעָלְמָא תַּלְיָין בִּתְשׁוּבָה, וּבִצְלוֹתָא דְצַלֵּי בַּר נָשׁ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, וְכָל שֶׁכֵּן, מַאן דְאוֹשִׁיד דִמְעִין בִּצְלוֹתֵיהּ, דְלֵית לָךְ תַּרְעָא, דְלָא עָאלִין אִינּוּן דִמְעִין", עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַ זַאךְ וָואס עֶס נוּצְט נִישְׁט דֶערוֹיף תְּשׁוּבָה, בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קַיין שׁוּם טִיר אִיז נִישְׁט פַארְמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים אוּן זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת! אִיךְ זִינְק אִין בְּלָאטֶע, אִיךְ זִינְק אִין דִי טוּמְאָה, אִיךְ קוּק שְׁמוּצִיגֶע זַאכְן אוּן אִיךְ פַאל נָאכְדֶעם אַרַיין אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זִינְדִיגְן; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט פוּן קוּקְן שְׁמוּץ, הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעהִיטְן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט פוּן קִינְדְוַוייז

אָן, בִּיז דָאס אִיז שׂוֹין בַּיי מִיר גֶעוָוארְן ווִי אַ רְגִילוּת וְכוּ' וְכוּ'"; זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ: "וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד, יֶלֶד שַׁעֲשׁוּעִים, דְּאִינוּן יִשְׂרָאֵל, דְּמִתְחַטְּאָן קָמֵי מַלְכֵּיהוֹן בְּכֹלָּא, וּמִיַּד דְּמִתְחַנְּנָן קָמֵי קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, הַדְרֵי בִּתְשׁוּבָה, וּבָכָאן קָמֵיהּ, כִּבְרָא דְּבָכֵי קָמֵי אֲבוֹי, מַה כְּתִיב, וְהִנֵּה נַעַר בּוֹכֶה. כֵּיוָן דְּבָכֵי, אִתְעֲדוּ כָּל גְּזֵרִין בִּישִׁין דְּעָלְמָא, מַה כְּתִיב? וַתַּחְמוֹל עָלָיו, אִתְעַר עֲלוֹי בְּרַחֲמִים, וּמְרַחֵם לֵיהּ", וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווִי אַ אִיד וֵויינְט צוּ אִים, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אַלֶע גְזֵירוֹת זָאל מֶען צֶערַייסְן", אוּן עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִים.

מֶען זֶעט, וֶוען אַ קִינְד פַאלְט אַרָאפּ אוּן כַאפְּט אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, וָואס אִיז דֶער סִימָן צִי דֶער קִינְד אִיז בְּסֵדֶר אָדֶער נִישְׁט? אוֹיבּ מֶען הֶערְט ווִי דֶער קִינְד וֵויינְט, אִיז אַ סִימָן אַז אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר, עֶר לֶעבְּט אוּן מֶען וֶוערְט רוּאִיג, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הֶערְט נִישְׁט ווִי עֶר וֵויינְט, דֶעמָאלְט אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, וַוייל דָאס אִיז דֶער סִימָן פוּן אַ לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְד - אַז עֶר וֵויינְט וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט אַ אִיד - וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ בְּרוּחָנִיּוּת, ווִי לַאנְג מֶען שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, זַיין נְשָׁמָה אִיז נָאךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן פַארְשְׁלָאפְן.

**דֶערְפַאר** טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ וֵויינְסְט אוּן דוּ שְׁרֵייסְט אַז דוּ הַאלְסְט נִישְׁט אוֹיס; זָאלְסְטוּ ווִיסְן, אַז דָאס אַז דוּ וֵויינְסְט, דוּ בֶּעטְסְט

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיינְס אִיז אַ סִימָן אַז דו בִּיסְט נָאךְ אוֹיף, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## צ

### אִיז דָא קְרַאנְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת פון אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פון שְׁמוּץ דוּרְךְ תּוֹרָה וּתְפִלָּה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה טוּט פַאר מִיר!

אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, און אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ מִיר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעם וָואס בַּאדֶערְט מִיר. אַזוֹי אוֹיךְ, אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים לֶערְן אִיךְ יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת און אִיךְ זָאג תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג.

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט בֶּעטְן, אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען בִּיטֶע מִיטְטֵיילְן אֱמֶת'ע און ווירְקְלִיכֶע לֶעבְּנְ'ס גֶעשִׁיכְטֶעס פון בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען עֶדִיקְטֶעד צוּ אוּמְאֵיידֶעלֶע ווִידִיאָוּס וְכַדוֹ', וָואס דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט, אִים בֶּעטְן פַאר הִילְף, לֶערְנֶען חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, און זָאגְן תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג - הָאט זֵיי אַוֶועקְגֶענוּמֶען פון זֵייעֶר עֶדִיקְשְׁן, און הַיינְט צוּ טָאג'ס זֵיי זֶענֶען מֶער נִישְׁט צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דֶעם.

(אִיךְ פְרֶעג דָאס, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אַז אֵיינֶער וָואס אִיז עֶדִיקְטֶעד דַארְף זִיךְ גֵיין בַּאהַאנְדְלֶען און דוּרְכְגֵיין דֶעם 12 סְטֶעפְּס

פְּרָאגְרַאם, מַאכְן מִיטִינְגֶען מִיט נָאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן אִין דֶעם עֶדִיקְשְׁן און וֶוערְן בַּאגְלֵייט דוּרְךְ אַ סְפֶּאנְסֶער.

און אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט ווי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קְרִיטִיקִירְט דֶעם מְהַלֵּךְ פוּן דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע פְּרִיוַואטֶע דוּרְכְפֶעלֶער...)

אִיךְ וָואלְט גֶעוָועט זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ בַּאקוּמֶען אַן אַנְטְוָוארְט ווי אַמְשֶׁנְעלְסְטְן, וַוייל דִי מַצָב אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ.

מִיט פִיל כָּבוֹד אוּן שֶׁעצוּנְג פַאר אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶס אִיז שׁוֹין דִי צֶענְטֶע יָאר פוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ הָאבְּן דִי יְשִׁיבָה, וואוּ אִיךְ לֶערְן תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אַדוּרְךְ גֶעדְרֵיידְט טוֹיזְנְטֶער בָּחוּרִים. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן; זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט און אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט שֵׁיינֶע שְׁטוּבֶּער. וַוייל וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וֶוערְט אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ נֵייעֶ מֹחַ און אַ נֵייעֶ הַארְץ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּ'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד!" אִיךְ מַיין אַז אֵיינְמָאל מֶען

הֶערְט אַזאַ שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן אִיז שׁוֹין בִּיטוּל הַבְּחִירָה, וַוייל וואוּ דֶער ס"מ זָאל דִיר נָאר אַרַיין וַוארְפְּן, אוּן וָואס עֶס זָאל נָאר אִיבֶּער גֵיין אוֹיף דִיר, הָאסְטוּ שׁוֹין אַ וֶועג פוּן רֶבִּי'ן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן דָארְט.

**דָאס** גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט זַיין מֹחַ מִיט עֶקְלְדִיגֶע מָאוִּוים, בִּיז עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין קוּקְן דִי גְרוֹילִיגְסְטֶע סָארְט מָאוִּוים רַחְמָנָא לִצְלָן, וָואס עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם; אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן דָאס אוֹיסְפָאלְגְן, וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיין בְּלָאטֶע. בִּפְרַט אַז מֶען נוּצְט דִי עֵצָה פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס דֶּרֶךְ הַלִּימוּד; וָואס בְּדֶרֶךְ כְּלַל דִי אַלֶע וָואס פַאלְן אַרַיין אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, זֵיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעזֶען מִיט אַלֶע שְׁמוּץ וָואס עֶס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין מֹחַ צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען, וַוייל דֶער מֹחַ אִיז זֵיי פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דִי עֲבֵירָה, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג פַאר זֵיי אִיז אַז זֵיי זָאלְן נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶּרֶךְ הַלִּימוּד (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אוּן גוֹרֵס זַיין אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ בְּלִי הֲבָנָה כְּלַל, דָאס וֶועט זֵיי אַרוֹיס שְׁלֶעפְּן פוּן זֵייעֶר פְּלָאנְטֶער אוּן זֵיי אָפְּהַאלְטְן פוּן זֵייעֶר רְגִילוּת.

דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר דֶערְצֵיילְן אֱמֶת'עֶ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקְרָאכְן פוּן זֵייעֶרֶע נִישְׁט

גוּטֶע מַעֲשִׂים דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז שׁוֹין צֶען יָאר וָואס דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט, אוּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט קוּמֶען בֶּעטְן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן זֵייעֶר בְּלָאטֶע, בָּחוּרִים וָואס פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעעֶן זֵיי אוֹיס ווִי עֶרְנְסְטֶע בָּחוּרִים וְכוּ' וְכוּ', אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן: "רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן אוּנְזֶער זוּמְפּ, מִיר זִינְקֶען אִין בְּלָאטֶע, מִיר זִינְקֶען אִין עֲבֵירוֹת", אוּן נָאר דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן; זֵיי הָאבְּן אַלֶע חֲתוּנָה, אוּן הוֹיבְּן בָּרוּךְ ה' אָן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּי'נְ'ס עֵצוֹת מִיט אַ תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אוּן צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין דָא בְּזֶה הָעוֹלָם. פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען גָארְנִישְׁט, מֶען זֶעט אוֹיס זֵייעֶר פָּשׁוּט, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְשׁוּבָה עוֹמְדִין, צַדִּיקִים גְּמוּרִים אֵינָם עוֹמְדִין", אַ צַדִּיק גָמוּר קֶען אוֹיךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען דָארְט וואוּ אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה קוּמְט אָן.

דוּ בֶּעטְסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרוֹיס גֶעקְרָאכְן פוּן זֵייעֶרֶע שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; אִיךְ בֶּעט דִיר פַארְקֶערְט, דוּ שְׁרַייבּ מִיר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶרֶע שְׁלֶעכְטֶע רְגִילוּת'עֶר אָן תּוֹרָה אוּן אָן תְּפִילָה, נָאר דוּרְךְ גוֹי'אִישֶׁע מֶעטָאדְן וְכוּ'; אַ אִיד קֶען נִישְׁט גֶעהֵיילְט וֶוערְן מִיט

גוי'אִישֶׁע וֶועגְן וְכוּ' וְכוּ', אַ אִיד הָאט בְּלוֹיז אֵיין עֵצָה: דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה! אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: "בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרַע אָבֶּער אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "אִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר תּוֹרָה וֶועט אִיר נִישְׁט זַיין אוּנְטֶער אִים, "וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ", אוּן אוֹיבּ לֶערְנְט אִיר נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, וֶועט אִיר זַיין אוּנְטֶער אִים.

דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה פַאר אַ אִיד אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן זַיינֶע נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים - אִיז תּוֹרָה; מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַן עֵצָה אוֹיף דִי עֵצָה, מֶען דַארְף אַן עֵצָה צוּ לֶערְנֶען; דָא קוּמְט אַרַיין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִין בִּילְד, דֶער רֶבִּי הָאט אַזַא זִיסֶע וֶועג צוּ לֶערְנֶען, אַ וֶועג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַ וֶועג פַאר יוּנְג אוּן אַלְט, נִישְׁט קַיין חִילוּק אָרֶעם אָדֶער רַייךְ, אַ וֶועג פַאר קְלוּגֶע אוּן נִישְׁט קְלוּגֶע. דֶער וֶועג אִיז - מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט; מֶען זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס וֶועגְן, 'אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וָואס אִיךְ זָאג, דָאךְ לֶערְן אִיךְ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, וַוייל אִיךְ גְלֵייבּ אַז דָאס אִיז מַיין רְפוּאָה, אִיךְ גְלֵייבּ אַז (אָבוֹת ו, ז): "גְּדוֹלָה תּוֹרָה שֶׁנּוֹתֶנֶת חַיִּים", תּוֹרָה גֶעבְּט לֶעבְּן; אִיךְ גְלֵייבּ אַז (עֵירוּבִין נד.): "חָשׁ בְּרֹאשׁוֹ יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה", תּוֹרָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר מַיין קָאפּ; מַיין

קָאפּ איז פַארְדְרֵיידְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, דִי תּוֹרָה וֶועט עֶס צוּרִיק דְרֵייעֶן; אִיךְ גְלֵייבּ אַז תּוֹרָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֵירוּבִין, שָׁם): "חָשׁ בְּכָל גּוּפוֹ יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה".

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת עז:): רֶבִּי יוֹחָנָן הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "גֶעבְּט אַכְטוּנְג פוּן דִי פְלִיגְן וָואס זֶענֶען גֶעוֶועןְ בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דִי מַחְלָה וָואס הֵייסְט "בַּעֲלֵי רָאתָן". רֶבִּי זֵירָא אִיז נִישְׁט גֶעזִיצְן אוֹיף דִי זַייט וואוּ דִי ווִינְט בְּלָאזְט אוֹיבּ זֶענֶען דָארְט גֶעוֶועןְ מֶענְטְשְׁן מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז נִישְׁט אַרַיין אִין אַ הוֹיז אוֹיבּ אִיז דָארְט גֶעוֶועןְ אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; רֶבִּי אַמִּי אוּן רֶבִּי אַסִּי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶסְן אֵייעֶר וָואס מֶען הָאט פַארְקוֹיפְט אוֹיף אַ גַאס וָואס דָארְט אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ מִיט דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן"; זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי הָאט זִיךְ אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט זֵיי אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט זֵיי תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי ה, יט): "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן", דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט חֵן, "אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אַגּוּנֵי לֹא מַגְּנָא?!" אוֹיבּ בְּרֶענְגְט עֶס חֵן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס הֵיילְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם.

זֶעט מֶען פוּן דִי גְמָרָא דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה; אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי קְרַאנְק רַחְמָנָא לִצְלָן אַז מֶען דַארְף זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, דָאךְ קֶען עֶר הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה אוֹיבּ עֶר לֶערְנְט תּוֹרָה. דָאס גֵייט אוֹיךְ

אַרוֹיף אוֹיף אַ מֶענְטְש וָואס לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין טִינוֹפֶת, עֶר קוּקְט שְׁמוּץ, זַיין מֹחַ אִיז אִים רַחְמָנָא לִצְלָן אִינְגַאנְצְן פַארְדָארְבְּן אוּן עֶר לַיידְט אוֹיף דִי מַחְלָה פוּן "בַּעֲלֵי רָאתָן", עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן אַז עֶר קוּקְט נֶעבֶּעךְ דִי שְׁמוּצִיגְסְטֶע סָארְט מָאוּיס רַחְמָנָא לִצְלָן; קוּק וָואס רַשִׁ"י זָאגְט (שָׁם, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "בַּעֲלֵי רָאתָן"): וָואס אִיז דָאס 'בַּעֲלֵי רָאתָן?' "שֶׁרֶץ יֵשׁ לוֹ בְּמוֹחוֹ"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף עֲבֵירוֹת. אַ מֶענְטְש וָואס קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוּיס, עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אַ שֶׁרֶץ אִין זַיין מֹחַ, אוּן דֶער מֹחַ אִיז אִים אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט; אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְש וָואס אִיז אַזוֹי וַוייט אַרָאפּ גֶעפַאלְן, זָאגְט רֶבִּי יְהוֹשֻׁעַ בֶּן לֵוִי: "אִם חֵן מַעֲלָה עַל לוֹמְדֶיהָ, אֲגוֹנֵי לֹא מַגְּנָא?!" אוֹיבּ בְּרֶענְגְט עֶס חֵן אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס הֵיילְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן מֶען וֶועט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי בְּלָאטֶע אִין וָואס מֶען אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרֶער חָבֵר, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; בִּינְד זִיךְ צוּ צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פָאלְג זַיינֶע עֵצוֹת. נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, (אַז דוּ קֶענְסְט זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - ווּאוֹיל אִיז דִיר), אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דַיין בְּלָאטֶע.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר טַאטֶע, הֶעלְף מִיר טַאטֶע, נֶעם מִיר אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג, הֶעלְף מִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל אַוֶועק

וַוארְפְן מַיינֶע מָאוִוים, אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּרִיק לוֹיפְן צוּ מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים״.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַ נַייעֶ מֹחַ, אַ נַייעֶ הַארְץ אוּן אֲפִילוּ אַ נַייעֶ גוּף; עֶס אִיז מְקוּבָּל בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן שֶׁלֹּא בִּקְדוּשָּׁה וְכוּ׳, אוֹיב וֶועט עֶר קוּמֶען קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, אוּן זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וֶועט אִים דֶער רֶבִּי גֶעבְּן אַ נַייעֶם גוּף, אַ גוּף קָדוֹשׁ.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן עֶר הֵייבְּט אָן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים דֶערְצֵיילְט עֶר פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט זִיךְ אָן צוּ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אֲפִילוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ, עֶר זִיצְט אַלֵיין, קֶען עֶר מֶער נִישְׁט גֵיין קוּקְן אַ מָאוִוי, וַוייל עֶר לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט צוּ זִיךְ: ״גֶעוַואלְד, וָואס אִיז מִיט מִיר?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דָאךְ אַלֶעם וָואס אִיךְ טוּ״.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין וַוייל אִיךְ דַארְף אַרַיין גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# צא

## לֶערְנֶען 'תּוֹרָה שֶׁבִּכְתַב' בַּיינַאכְט; נֶעמֶען הִילְף פְּרָאגְרַאמֶען פוּן דִי רֶעגִירוּנְג.

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, הֱיוֹת אַסַאךְ מָאל טְרֶעף אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים בַּיינַאכְט, אוֹיסֶער חוּמָשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד דָאס צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין (וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ אַייךְ צוּ פַארְדַאנְקֶען, אַז אִיךְ הָאבּ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּטוּן רַבֵּינוּ תַּם תְּפִילִין) אוּן אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען תַּנַ"ךְ אָדֶער מִשְׁנַיוֹת בַּיינַאכְט, אִיז דָאס רִיכְטִיג? אוּן וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ פִירְן?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וֶועגְן נֶעמֶען הִילְפְּס-פְּרָאגְרַאמֶען פוּן דִי שְׁטָאט. אִיךְ פְלֶעג בַּאקוּמֶען וַואוּטְשֶׁערְס וָואס הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעהָאלְפְן צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ קֶען זִיךְ בֶּאֱמֶת נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זָאגְן מִיר מֶענְטְשְׁן אַז יֶעצְט וֶוען אִיךְ בִּין נָאךְ יוּנְג אוּן אִיךְ נֶעם וַואוּטְשֶׁערְס, דַארְף אִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין אוּן דָאס הַאלְט מִיר צוּרִיק פוּן פַארְדִינֶען שַׁיין, אָבֶּער אִיךְ וֵויים נִישְׁט צוּ אוֹיף דֶעם וֶועג וָואס אִיךְ לֶעבּ יֶעצְט וֶועל אִיךְ אַמָאל עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען, נָאר אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ בְּלַייבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב, וָואס דָאס וִויל אִיךְ נִישְׁט.

אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר בִּיטֶע וַוייזְן דֶעם וֶועג וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן.

פִיל דַאנְק פַאר אַלֶעם וָואס אִיר טוּט מִיט מִיר אוּן מִיט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ה' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי מֶען מֶעג לֶערְנֶען "תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב" בַּיינַאכְט; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט (עַיֵּין שַׁעַר הַמִּצְוֹת פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל "וְהִנֵּה") אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב בַּיינַאכְט, אָבֶּער דִי פּוֹסְקִים זָאגְן (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת לְבוּשֵׁי מָרְדְּכַי סִימָן קפו; שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אַבְנֵי צֶדֶק סִימָן קב; וְעוֹד) אַז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט מִיט רַשִׁ"י אִיז זִיכֶער גוּט; דֶערְפַאר, אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט בַּייטָאג אוּן דוּ דַארְפְסְט עֶנְדִיגְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים בַּיינַאכְט, וֶוען דוּ לֶערְנְסְט נַ"ךְ זָאלְסְטוּ עֶס לֶערְנֶען מִיט רַשִׁ"י אוּן דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם.

**בְּנוֹגֵעַ** צִי דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען הִילְף פוּן דִי רֶעגִירוּנְג בִּכְלַל, אוּן צִי דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען הִילְף פַאר שְׂכַר לִימוּד בִּפְרָט; עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם מַאֲמַר הֶחָכָם: "הַהֶכְרֵחַ לֹא יְגוּנֶּה", אוֹיבּ מֶען אִיז אִין אַ מַצָּב וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן, מֶען קֶען נִישְׁט צָאלְן קַיין שְׂכַר לִימוּד - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שְׁאֵלָה צִי מֶען זָאל נֶעמֶען הִילְף פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, אַוַודַאי דַארְף מֶען נֶעמֶען הִילְף אַז מֶען זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד; דוּ קֶענְסְט דָאךְ נִישְׁט זַיין אַ שֵׁיינֶער אִיד אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי יְשִׁיבָה וואוּ דוּ שִׁיקְסְט דַיינֶע קִינְדֶער. עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען

מְזַלְזֵל אִין שְׂכַר לִימוּד, מֶען לֵייגְט דָאס דִי לֶעצְטֶע זַאךְ אוֹיפְ'ן לִיסְט פוּן דִי הוֹצָאוֹת וָואס מֶען דַארְף בַּאצָאלְן.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז שְׂכַר לִימוּד אִיז אַ נְדָבָה זַאךְ, מֶען קוּקְט דָאס אָן וִוי גֶעבְּן צְדָקָה; בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נִישְׁט אַזוֹי, שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין צְדָקָה, שְׂכַר לִימוּד אִיז נִישְׁט קַיין נְדָבָה, נָאר עֶס אִיז חוֹב פַאר עֶלְטֶערְן צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, אוּן אוֹיב מֶען צָאלְט נִישְׁט אִיז עֶס גְנֵיבָה וּגְזֵילָה, חוּץ פוּן דֶעם וָואס בְּדֶרֶךְ כְּלַל קֶענֶען מוֹסְדוֹת נִישְׁט בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים צֵייטְלִיךְ, וַוייל דִי עֶלְטֶערְן מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וֶוען מֶען בֶּעט שְׂכַר לִימוּד. וֶוער לַיידְט דֶערְפוּן? נָאר דִי קִינְדֶער, וַוייל דֶער מְלַמֵד זִיצְט אִין כִּתָּה, אוּן אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל זַיין רוּאִיג אוּן וִויסְן בַּיי זִיךְ אַז עֶר גֵייט בַּאקוּמֶען זַיין גֶעהַאלְט סוֹף וָואךְ אוּן עֶר גֵייט קֶענֶען דֶעקְן זַיינֶע הוֹצָאוֹת וְכוּ', אוּן אַזוֹי אַרוּם קֶען עֶר זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶוערְט עֶר נֶעבֶעךְ נֶערְוֶועז פוּן זַיינֶע חוֹבוֹת אוּן עֶר אִיז נִישְׁט רוּאִיג אִין כִּתָּה; וֶוער לַיידְט? דִי קִינְדֶער. וַוייל דֶער מְלַמֵד הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן, אוּן אַסַאךְ מָאל קֶען עֶר אֲפִילוּ פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד וְכוּ'.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן טְרַאכְטְן עֵצוֹת: 'וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מַאכְן אַז דֶער מְלַמֵד פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאל זִיצְן אִין כִּתָּה רוּאִיג אָן קַיין דַאֲגוֹת אוּן אָן קַיין חוֹבוֹת?' פַאר אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט גֶעבְּן מֶענְטְשְׁן אוֹיס גֶעלְט, פַאר הֶבֶל הֲבָלִים; פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט גֶעבְּן עֶפֶּעס פַאר דִי מְלַמְדִים וָואס

לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער און לַיידְן פוּן דִי קִינְדֶער וְכוּ'? מַאך זִיך אַ חֶשְׁבּוֹן: 'מַה דָאך דִי פָּאר שָׁעָה וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אִין שְׁטוּבּ שְׁפִּירְט אַ מֶענְטְש ווִי זֵיי נֶעמֶען אִים אַרוּים פוּן דִי כֵּלִים וְכוּ', וָואס זָאל דֶער מְלַמֵד זָאגְן וֶוען עֶר זִיצְט אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דֶעם קִינְד, און נִישְׁט נָאר מִיט אֵיין קִינְד נָאר מִיט דְרַייסִיג קִינְדֶער'... עֶלְטֶערְן וָואלְטְן וֶוען גֶעדַארְפְט טוּן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט אַז דֶער מְלַמֵד זָאל הָאבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת.

**דֶערְפַאר** אִיז אַ מִצְוָה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ הֶעלְפְן דֶעם מוֹסָד וואוּ עֶר שִׁיקְט זַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען צָאלְן צֵייטְלִיך דִי מְלַמְדִים און טִיטְשֶׁערְס, און אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד, זָאל מֶען אָן קַיין שׁוּם סָפֵק נֶעמֶען הִילְף פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, און בִּזְכוּת דֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

**דָאס** וָואס דַיינֶע חֲבֵרִים זָאגְן דִיר אַז אוֹיבּ מֶען נֶעמְט הִילְף פוּן דִי שְׁטָאט קֶען מֶען נִישְׁט וַואקְסְן אִין בִּיזְנֶעס, און זֵיי רָאטְן דִיר זָאלְסְט הוּנְגֶערְן וְכוּ' בִּיז דוּ וֶועסְט מַצְלִיחַ זַיין; וָואס זָאל אִיך דִיר זָאגְן, אַ מֶענְטְש דַארְף זַיין אַ מַכִּיר אֶת מְקוֹמוֹ, און אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן אִיז נַארִישׁ זִיך צוּ עַקְשְׁנְ'עֶן אַז מֶען נֶעמְט נִישְׁט קַיין הִילְף פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, און אַוַדַאי אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט צוּ צָאלְן שְׂכַר לִימוּד און מֶען ווִיל זַיין אַ כְּלוֹמַר'ישְׁע שֵׁיינֶער אִיד, און זִיך אוֹיפְטוּן פַאר דִי חֲבֵרִים אַז מֶען נֶעמְט נִישְׁט קַיין הִילְף וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז מֶען אַ גַנָב.

**אִיךְ** הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט מוֹסְדוֹת מִיט גְרוֹיס מְסִירוּת נֶפֶשׁ, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער וְכוּ'; אֵיינֶע פוּן מַיינֶע שְׁוועֶרְסְטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען שׁוּלְדִיג פַאר מַיינֶע מְלַמְדִים זֵייעֶר גֶעהַאלְט. עֶס הָאט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּער גֵיין אַ גַאנְצֶע ווִינְטֶער סֶעזָאן - פוּן סוּכּוֹת בִּיז פֶּסַח, וָואס וְאֵין בְּיָדִי לְפוֹרְטָה אֲפִילוּ שָׁוֶה פְּרוּטָה, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן; דִי מְלַמְדִים פְלֶעגְן קוּמֶען קְלַאפְּן אוֹיף מַיין טִיר יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת פְרֶעגְן צִי אִיךְ הָאבּ כָאטְשׁ אַ פוּפְצִיגֶער, אַ צְוָואנְצִיגֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ נֵס אַז זֵיי זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען גֶעטְרֵיי אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעוָואלְט הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת, זֶענֶען זֵיי גֶעבְּלִיבְן אַרְבֶּעטְן בַּיי מִיר. אִיךְ פְלֶעג זִיךְ בַּאהַאלְטְן אַז זֵיי זָאלְן מִיר נִישְׁט טְרֶעפְן, אוּן אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען; אִיךְ פְלֶעג זִיךְ אַרָאפּ לֵייגְן אוֹיף דֶער עֶרְד וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל נִישְׁט זַיין אַ גַנָב, אִיךְ ווִיל בַּאצָאלְן מַיינֶע אַרְבֶּעטֶער; בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ זֵיי אַלֶע בַּאצָאלְט מִיט נִיסֵי נִסִים.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהַאט קְלֵיינֶע קְלַאסְן וָואס זֶענֶען בַּאשְׁטַאנֶען פוּן פִיר קִינְדֶער פֶּער קְלַאס, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, וַוייל אֲפִילוּ לָאמִיר זָאגְן אַז אַלֶע פִיר קִינְדֶער צָאלְן שְׂכַר לִימוּד, יֶעדֶע קִינְד בַּאצָאלְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, אִיז עֶס אַכְט

הוּנְדֶערְט דָאלֶער אַ חוֹדֶשׁ, דָא דַארְף אִיךְ בַּאצָאלְן יֶעדֶע וָואךְ דִי סְכוּם; בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען בֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען הִילְף פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, וַוייל נִישְׁט אַלֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיכוֹלֶת צוּ צָאלְן; אַ טֵייל הָאבְּן גֶענוּמֶען הִילְף, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי בַּאצָאלְט זֵייעֶר שְׂכַר לִימוּד. דִי מֶערְסְטֶע הָאט מִיר גֶעבַּאדֶערְט וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען עֶלְטֶערְן וָואס מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג, זֵיי שִׁיקְן אַלֶע אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ אִין אוּנְזֶער מוֹסָד, זֵייעֶר חוֹב פוּן שְׂכַר לִימוּד הַאלְט בַּיי פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלְלֶער, אוּן אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה; מֶען בֶּעט זִיךְ בַּיי זֵיי: 'נֶעמְט הִילְף פוּן דִי שְׁטָאט', זָאגְן זֵיי: "מִיר זֶענֶען בְּכָבוֹד'יגֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ'"; פְרֶעג אִיךְ דִיר: "זֶענֶען זֵיי גֶערֶעכְט?" אִיךְ שְׁפֵּיי בְּלוּט יֶעדְן טָאג, וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף וָואךְ דַארְף אִיךְ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אוּן עֶס אִיז פָּשׁוּט נִישְׁט דָא פוּן וואוּ דָאס צוּ דֶעקְן, אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען שְׁפִּירְן וִוי דֶער מֹחַ קֶען עֶס מֶער נִישְׁט דֶערְהֵייבְּן, בְּשָׁעַת וֶוען עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס אוֹיבּ זֵיי צָאלְן וֶוען שְׂכַר לִימוּד אָדֶער זֵיי נֶעמֶען הִילְף פוּן דִי שְׁטָאט, וָואלְט דֶער מוֹסָד גֶעקֶענְט צָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וֶועכֶנְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֶׁפַע אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט דַארְפְן נֶעמֶען פוּן קֵיינֶעם קַיין הִילְף, זָאלְסְט הָאבְּן פַאר דִיר אוּן קֶענֶען הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן - בִּזְכוּת וָואס דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן צז): "מִי שֶׁאֵין לוֹ פַּרְנָסָה, יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה, וְאַחַר כָּךְ יִתְפַּלֵּל עַל פַּרְנָסָה, בְּוַדַּאי יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ", וֶוער עֶס וִויל פַּרְנָסָה, זָאל

לֶערְנֶען תּוֹרָה, און נָאכְדֶעם זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער צוּ הֶערְן זַיין גֶעבֶּעט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## צב

**אַלֶע מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען מַצְלִיחַ מֶער פוּן מִיר.**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פוּן אַבִּיסְל נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, שׁוֹין אִיבֶּער זֶעקְס יָאר, בִּין אִיךְ אִין אַ גְרוּפֶּע פוּן אִיבֶּער דְרֵייסִיג גֶעשְׁמַאקֶע אִינְגֶעלַייט. מִיר שְׁמוּעֶסְן אַסַאךְ און מִיר קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם כְּסֵדֶר צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס.

אָבֶּער פוּן דִי גַאנְצֶע גְרוּפֶּע בִּין אִיךְ דֶער גְרֶעסְטֶער לוּזֶער, אַסַאךְ פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים הָאבְּן שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין בִּיזְנֶעס און אִיךְ הָאבּ קוֹים בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ. אַסַאךְ חֲבֵרִים קֶענֶען לֶערְנֶען, אִיךְ זָאג לֶעצְטְנְס אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת מִיט חוּמָשׁ אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט. אַסַאךְ חֲבֵרִים קֶענֶען שְׁפִּילְן מוּזִיק און דַאוֶוענֶען שֵׁיין פַאר'ן עָמוּד, אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁפִּילְן, נִישְׁט דַאוֶוענֶען און נִישְׁט לֵיינֶען. רוֹב חֲבֵרִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעקוֹיפְט אֵייגֶענֶע גְרוֹיסֶע הַייזֶער אִין אִיךְ וואוֹין אִין אַ קְלֵיינֶע דִירָה.

יֶעדֶעס מָאל מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם, יֶעדֶער שְׁמוּעֶסְט הוֹיךְ אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן. דָאס מַאכְט מִיר זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ פִּיל זִיךְ וִוי אַ דוּרְכְפַאל וֶועם קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט הָאבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**זַיי** מִיר מוֹחֵל, אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן וְכוּ'; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, דוּ הָאסְט פַּרְנָסָה; אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אוּן טוּט מִיט דִיר, זוּכְסְטוּ פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף וָואס צוּ קְרֶעכְצְן.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ בַּיי אַ צְוֵוייטְן; עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן צוּ מָאל ווִי דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט שֵׁיין, עֶר אִיז מַצְלִיחַ מִיט אַלֶעס, עֶר הָאט שָׁלוֹם בַּיִת, נַחַת וְכוּ', אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט דֶער מֶענְטְשׁ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין לֶעבְן, עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט, עֶס זֶעט נָאר אַזוֹי אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", וֶוער עֶס הָאט קִנְאָה, עֶר אִיז מְקַנֵא אַ צְוֵוייטְן, וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט; בְּפַשְׁטוּת גֵייט עֶס אַרוֹיף אוֹיף אַ נִפְטָר, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִנְאָה, וֶועט זַיין גוּף נִישְׁט פַארְפוֹילְט וֶוערְן אִין קֶבֶר. אָבֶּער מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז

דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַאְרְפוֹילְט נָאךְ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְּן ווִי יֶענֶעם?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא וַוייבּ ווִי יֶענֶעם?' 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא הוֹיז ווִי יֶענֶעם?' וֶוען דֶער גַאנְצֶער יֶענֶער אִיז נֶעבֶּעךְ צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, עֶס זֶעט נָאר אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז יֶענֶער לֶעבְּט. אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל יָא הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, דַארְף מֶען אוֹיךְ נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן, וַוייל 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער, אוּן דִי סָארְט שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ', דַארְף אִיךְ גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר מִיר, אוּן בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לד): "כִּי יֵשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל דָּבָר יָקָר מַה שֶּׁאֵין בַּחֲבֵרוֹ, כְּמַעֲשֵׂה דְּאַבַּיֵי וְאַבָּא אֻמָּנָא, שֶׁהֵשִׁיבוּ לוֹ: 'לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָּא דְּאַבָּא אֻמָּנָא'", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נְקוּדָה וָואס אַ צְוֵוייטֶער הָאט נִישְׁט; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כא:) עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ דָאקְטֶער וָואס הָאט גֶעהֵייסְן אַבָּא אוּמְנָא, עֶר פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבָּא אוּמְנָא"; אַבַּיֵי פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ וָואךְ אַ גְרוּס פוּן הִימְל - יֶעדֶע עֶרֶב שַׁבָּת, עֶר פְלֶעגְט הֶערְן אַ בַּת קוֹל: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ אַבַּיֵי"; רָבָא פְלֶעגְט בַּאקוּמֶען נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר דֶעם בַּת קוֹל, יֶעדְן עֶרֶב יוֹם כִּיפּוּר

פְלֶעגְט עֶר הֶערְן: "שָׁלוֹם עָלֶיךָ רָבָא"; זָאגְט דִי גְמָרָא אַז אַבַּיֵי הָאט גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת פַארְוָואס דֶער פָּשׁוּט'עֶר דָאקְטֶער בַּאקוּמְט יֶעדְן טָאג אַ בַּת קוֹל אוּן עֶר בַּאקוּמְט דָאס נָאר אֵיינְמָאל אַ וָואךְ, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט פוּן הִימְל: "לָא מָצִית לְמֶעֱבַד כְּעֻבְדָא דְאַבָּא אֻמָּנָא", דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַבָּא אוּמְנָא טוּט; דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵויטְן אוּן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵויטְן, וַוייל יֶעדֶער הָאט זַיין נְקוּדָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט הֲנָאָה פוּן דֶעם, אוּן פַאר דֶעם אִיז עֶר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

**אַז** דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִקְרָא, מִשְׁנָה וְכוּ';

בִּיסְטוּ דָאךְ רַייכֶער פוּן אַלֶע דַיינֶע כְּלוֹמַר'ישֶׁע חֲבֵרִים! וָואס וֶועט יֶענֶער מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, זַיין שֵׁיינֶע קוֹל? זַיין שְׁפִּילְן? זַיין הוֹיז? וָואס? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קכ.): אוֹיפְן פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ג, ז): 'וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - "זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא, וְלֹא מִשְׁנָה, וְלֹא תַלְמוּד"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת אוּן גְמָרָא, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אָרֶעמַאן; נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (נְדָרִים מא.): "אֵין עָנִי אֶלָּא מִן הַדַּעַת", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? דֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, דֶער אִיז אַן אָרֶעמַאן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט תּוֹרָה יֶעדְן טָאג, וֶוען עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר זַיין אָרֶעם; אִין בֵּית הַחַיִּים נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט קַיין גֶעלְט אוּן קַיין הַייזֶער, דָארְט נֶעמְט מֶען נִישְׁט מִיט אַ שֵׁיינֶע קוֹל, אָדֶער שְׁפִּילְן וְכוּ', דָארְט נֶעמְט

מֶען מִיט נָאר תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים; דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיט אַזַא צֶעבְּרָאכְנְקֵייט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ צְווִישְׁן דַיינֶע חֲבֵרִים ווִי אַ פֶּעלֶער, וַוייל זֵיי קֶענֶען דַאוֶוענֶען פַארְ'ן עָמוּד אָדֶער שְׁפִּילְן, אוּן דוּ קֶענְסְט גָארְנִישְׁט, נָאר זָאגְן מִשְׁנָיוֹת אוּן חוּמָשׁ וְכוּ'.

**אִיךְ** וויל דִיר פְרֶעגְן צִי עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט חֲבֵרִים, אוּן מֶען קוּמְט זִיךְ כְּסֵדֶר צוּזַאם אוּן בַּיי מְלַוֶּה מַלְכָּה'ס; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אַרוּיס גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה אַזַא שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, דוּ הָאסְט דָאךְ אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט חֲבֵרִים, וָואס הַיינְט אִיז עֶר דַיין חָבֵר אוּן מָארְגְן קֶען עֶר דִיר מֶער נִישְׁט?

**עֶס** אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ ווִי אַ חָבֵר, מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט נָאר אֵיין חָבֵר - זַיין וַוייבּ"; סְתָּם פַארְבְּרֶענְגֶען נֶעכְּט מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס אַנְטְלוֹיפְן פוּן שְׁטוּבּ, אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר לֶעבְּן, דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, זֵיי זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט דָאהִי, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין מ:): "כָּל שֶׁאֵין בְּיָדוֹ מִקְרָא, מִשְׁנָה, וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב"; סְתָּם זִיצְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט אִינְגֶעלַייט וָואס עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוּיס פוּן דִי שְׁמוּעֶסְן קַיין מִקְרָא מִשְׁנָה, אָדֶער פַּרְנָסָה - עֶפֶּעס תַּכְלִית, אִיז אֵינוֹ מִן הַיִּשּׁוּב.

אַ חַבֶר אִיז אֵיינֶער וָואס וֶוען אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער אַ צָרָה, אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת - שְׁטַארְקְט עֶר מִיר; וֶוען קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף מִיר וְכוּ' וְכוּ', דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען וָואס הֵייסְט אַ חַבֶר. אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט גוּט קוּקְן אוֹיף זִיךְ, וֶועט עֶר זֶען, אַז יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט מֵיינְט עֶר אַז עֶר הָאט אַנְדֶערֶע בֶּעסְטֶע חֲבֵרִים, אוּן פְּלוּצְלִינְג טוּישְׁט זִיךְ עֶס, אוּן אַלֶע זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען פְּלוּצְלִינְג פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## צג

### אִיךְ בִּין דוּרְךְ אַ שְׁוֶוערֶע צַייט אִין שְׁפִּיטָאל, אוּן אִיךְ צִיטֶער צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת אוּן חִיזּוּק.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ יָאר צוּרִיק אַ שְׁוֶוערֶע אִינְפֶעקְשְׁן, עֶס הָאט מִיךְ גֶעקָאסְט אַסַאךְ עַגְמַת נֶפֶשׁ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל, נִישְׁט מֶער גֶעדַאכְט.

דֶעמָאלְט הָאבְּן מִיר אַפָּאר דָאקְטוֹרִים גֶעזָאגְט נִישְׁט צוּ גֵיין מֶער אִין מִקְוֶה, סַיי אַז אִיךְ זָאל עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען נָאכְאַמָאל (חַס וְשָׁלוֹם), אוּן סַיי אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן עֶס נִישְׁט בַּאקוּמֶען.

עֶס אִיז שׁוֹין בַּאלְד אַ יָאר, אוּן אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁרֶעק פוּן דֶעם, ווִיל אִיךְ בֶּעטְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כד)**:** "כָּל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם - כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען ווַייל מֶען אִיז דֶעפְּרֶעסְט אוּן נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "גַּם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים אָמְרוּ, שֶׁכָּל הַמַּחֲלוֹת וְהַחֲלָאִים רָעִים בָּאִים רַק מֵחֲמַת חִסָּרוֹן הַשִּׂמְחָה", אֲפִילוּ דִי דָאקְטוֹרִים זָאגְן אַז אַלֶע מַחֲלוֹת קוּמֶען פוּן דִיפְּרֶעסְיֶע, ווַייל מֶען אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים ווָאס עֶר טוּט מִיט דִיר, אוּן אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פוּל מִיט יְסוּרִים ה' יְרַחֵם, עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר שְׁווֶערֶע זְמַנִים, זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן עֶר טוּט אַלֶעס; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דוּ הָאסְט זיכֶער אַ זַייְדֶע אָדֶער אַ בַּאבֶּע וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין גֵיהִנוֹם בַּיי דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם, הָאסְטוּ זִיכֶער גֶעהֶערְט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען אַרִיבֶּער; עֶס לָאזְט זִיךְ פָּשׁוּט נִישְׁט גְלֵייבְּן ווי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעהַאט כֹּחַ דָאס אִיבֶּער צוּ לֶעבְּן, אוּן עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע וואוּנְדֶער וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט דִי כֹּחַ נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּב, נָאכְן זֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן וִוי מֶען הָאט זֵיי אַלֶעם צוּגֶענוּמֶען, אוּן אוֹיסְגֶע'הַרְגְ'ט זֵייעֶר גַאנְצֶע שְׁטוּב הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; נָאר דֶער תִּירוּץ אִיז, אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, זֵיי הָאבְּן גֶעלֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט אוּן מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מְמֵילָא הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת נָאכְאַמָאל אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ דוֹר פוּן קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מְסַאטְמַאר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט אִים דֶער גְרוֹיסֶער בַּעַל מְקוּבָּל רֶבִּי אָשֵׁר זֶעלִיג מַרְגָלִיּוֹת זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעפְרֶעגְט פַאר וֶועם מֶען קֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, הָאט אִים דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וֶוען דוּ וֶועסְט זֶען אַ אִיד צִיט אַרוֹיף זַיין אַרְבֶּעל צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, אוּן אוֹיף זַיין הַאנְט אִיז דָא אַ נוּמֶער פוּן דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמָם, דֶעם אִיד קֶען מֶען גֶעבְּן אַ קְוִויטְל אוּן בֶּעטְן אַ בְּרָכָה"; וַוייל אַ אִיד וָואס אִיז אַרִיבֶּער דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט - וָואס מִיר קֶענֶען

זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן דָאס דוּרְךְ גֶעלֶעבְּט - הָאט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען און טוּט אָן טַלִית וּתְפִילִין - דֶער אִיד אִיז אַ צַדִיק.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע זְמַן, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין שְׁפִּיטָאל נִישְׁט מֶער גֶעדַאכְט, זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה, און אַזוֹי וֶועסְטוּ וֶוערְן גֶעזוּנְט, ווַייל אַלֶע קְרֶענְק קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט; מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף שִׂמְחָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת.

**וֶוער** עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זֶען מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה. דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן מוֹהֲרָא"שׁ קֶען מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן; שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, מֶען הָאט גֶעקֶענְט מֵיינֶען אַז עֶס גֵייט אִים טַאקֶע גוּט, עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר הָאט אַלֶעס וְכוּ', וָואס וֶוער עֶס ווֵייסְט אִיז עֶס גֶעוֶוען פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין זַיין לֶעבְּן, און עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיסְצוּשְׁטֵיין בִּיטֶערֶע יִסוּרִים מִבַּיִת וּמִבַּחוּץ (זַאכְן וָואס מֶען קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וְדַ"ל), אַזוֹי ווִי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (סִימָן יד): "לֹא הָיָה לִי יוֹם אֶחָד טוֹב בְּזֶה הָעוֹלָם - בְּלִי שׁוּם גֻּזְמָא כְּלָל, וּמַמָּשׁ בָּבֵיתִי בְּכָל יוֹם וָיוֹם מֵרֹב צַעַר וְעַגְמַת נֶפֶשׁ שֶׁסְבָבוּנִי מִבַּיִת וּמִחוּץ", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אֵיין גוּטְן טָאג אִין מַיין לֶעבְּן, אָן קַיין גוּזְמָא, אִיךְ פְלֶעג ווֵיינֶען יֶעדְן טָאג מַיין גַאנְץ לֶעבְּן פוּן דִי יִסוּרִים וָואס אִיז אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער - סַיי פוּן אִינְדְרוֹיסְן און סַיי פוּן שְׁטוּבּ; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְזֶען אוֹיף אִים פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

אַ אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי מוֹהַרְ"ש בַּיינַאכְט עֶפֶּעס פַארְרֶעכְטְן; עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר אִיז זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ וְכוּ' אוּן עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע דִיפְּרֶעסִיעֶ. בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעאַרְבֶּעט דָארְט בַּיי מוֹהַרְ"ש הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן', אוּן עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט מַחְשָׁבוֹת פוּן אַנְטְלוֹיפְן, אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, עֶס אִיז אִים אַרַיין גֶעקוּמֶען מַחְשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחְמָנָא לִצְלָן, אָבֶער עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: 'וָואס וֶועט מֶען זָאגְן וְכוּ'?' בְּקִיצוּר, אַלֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט וֶוען עֶר אִיז מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג; פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אַרוֹיס מוֹהַרְ"ש מִיט דֶעם שְׁמֵייכְל וָואס עֶר הָאט אַלֶעמָאל גֶעהַאט, אוּן זָאגְט אִים: "יַעֲנְקְל, וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן?" רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אִינְגֶערְמַאן: "אִיךְ הָאבּ אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ, זִי טְרִינְקְט מִיר מַיין בְּלוּט וְכוּ' וְכוּ'", זָאגְט אִים מוֹהַרְ"שׁ: "אוּן אַז מֶען הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע וַוייבּ וָואס טְרִינְקְט דָאס בְּלוּט אִיז אַן עֵצָה צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן? קוּם טַאנְצְן"; מוֹהַרְ"שׁ זָאגְט אִים: "יַעֲנְקְל, אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַ שְׁוֶועדֶע שְׁטוּב, אָבֶער דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵצָה, צוּ זַיין מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג", אוּן מוֹהַרְ"ש הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעטַאנְצְן מִיט אִים פַאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט; דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מַיין וַוייבּ אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט וְכוּ' וְכוּ'', נָאר דִי מָרָה שְׁחוֹרָה, דָאס מַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פַארְלִירְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, דַארְף עֶר זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת; וֶוען מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעזֶען אַ אִינְגֶערְמַאן אָדֶער אַ בָּחוּר וָואס אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, פְלֶעגְט עֶר אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן; דָאס דַארְפְן מִיר נָאכְמַאכְן, אוּן דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער שְׁטְרֶעבְן - צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ אוּן אַרוּם גֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

דוּ קֶענְסְט גֵיין אִין מִקְוֶה, אוּן דוּ דַארְפְסְט זִיךְ גָארְנִישְׁט זָארְגְן; דָאס וָואס דִי דָאקְטוֹרִים הָאבְּן דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט נִישְׁט גֵיין וְכוּ', דָאס אִיז וֶוען מֶען הָאט אַן אִינְפֶעקְשְׁן, דֶעמָאלְט טָאר מֶען נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה וַוייל מֶען קֶען גוֹרֵם זַיין אַז דָאס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער יֶעצְט אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט זָאלְסְטוּ אַוַדאי גֵיין אִין מִקְוֶה, וַוייל מִקְוֶה הֵיילְט אַלֶע קְרֶענְק; מִקְוֶה אִיז אַ גֶעזוּנְטֶע זַאךְ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קכג): "אַ דָאקְטֶער וָואס זָאגְט אַז מִקְוֶה שַׁאדְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ - אִיז קַיין דָאקְטֶער נִישְׁט"; וַוייל מִקְוֶה אִיז זֵייעֶר גֶעזוּנְט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּינִים, סִימָן כב): "עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן, זָאלְסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

## צד

### אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר מוּז אַרוֹיסְשְׁטַארְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶפֶּעס וָואס אִיז מִיר שְׁטַארְק נוֹגֵעַ, אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז נִישְׁט צוּ סֶענְסֶעטִיוו, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְק הֲנָאָה ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט בָּרַבִּים אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת, דֶערְפַאר בִּין אִיךְ זִיךְ מוֹרֶה הֶיתֵּר.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ לֶעצְטְנְס אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין סִפְרֵי בְּרֶסְלֶב אוּן עֶס אִיז מִיר גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵּק. אִיךְ רֶעד אַסַאךְ צוּם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִין אִידִישׁ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען קֶען אַלְץ גֵיין מֶער אוּן מֶער, אָבֶּער אִיךְ ווִיל ווִיסְן צִי אִיךְ דַארְף אַרוֹיסְשְׁטַארְן פוּן מַיינֶע אַרוּמִיגֶע, אָדֶער אִיךְ קֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן פּוּנְקְט ווִי יֶעדֶעם. דָאס רֶעכְנְט אַרַיין צִי אִיךְ דַארְף מֵפִיץ זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זִיךְ דְרֵייעֶן דַוְקָא אוֹיף בְּרֶסְלֶב'עֶ פְּלֶעצֶער, לֶערְנֶען בָּרַבִּים בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, וְעוֹד וְעוֹד.

אִיךְ וֵויס אַז עֶס אִיז אֱמֶת אַז: "וְאַל יֵבוֹשׁ מִפְּנֵי הַמַּלְעִיגִים", אוּן אוֹיבּ מֶען הַאלְט אַז עֶפֶּעס אִיז רִיכְטִיג דַארְף מֶען עֶס טוּן. אָבֶּער דָאךְ אִיז דִי מְצִיאוּת (לְפָחוֹת אִין מַיין סְבִיבָה) אַז פַאר מֶענְטְשְׁן שְׁטֶערְט וֶוען אֵיינֶער אִיז אַ יוֹצֵא מִן הַכְּלָל. וֶוען אִיךְ בִּין פְּרִיוַואט פַאר מִיר אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר שְׁטֶער אִיךְ נִישְׁט קֵיינֶעם, עֶס קוּמְט נִישְׁט מִיט קַיין מְנִיעוֹת (קֵיינֶער הַאלְט מִיר נִישְׁט צוּרִיק פוּן פָארְן קַיין אוּמַאן וְכַדוֹמֶה). מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען יֶעדֶער הַאלְט מִיט, דַאן וֶוער אִיךְ אָפִיצִיעֶל אַ "בְּרֶסְלֶב'עֶר", אַנְדֶערְשׁ ווִי יֶעדְן אִין מַיין סְבִיבָה.

מוּז עֶס יֶעדֶער מִיטְהַאלְטְן? אוּן אוֹיבּ קֶען מֶען יָא זַיין פְּרִיוַואט, פַארְוָואס זֶעט מֶען דָאךְ אִינְגֶעלַייט וָואס וֶוערְן אָנְהֶענְגֶערְס אִין דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת אַז זֵיי זוּכְן אַז יֶעדֶער זָאל ווִיסְן דֶערְפוּן? אִיךְ רֶעד דַוְקָא נִישְׁט פוּן טוּן

גָאר מָאדְנֶע זַאכְן בְּרַבִּים און זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעוָואלְט, אִיךְ רֶעד פון פָּשׁוּט וֶוערְן קַאטָאגֶערַאזִירְט אַלְס "בְּרֶסְלֶב'עֶר" אַז יֶעדֶער זָאל מִיטְהַאלְטְן. קֶען מֶען אָן דֶעם אָדֶער נִישְׁט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ- יוֹם ה' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ו' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וּבִפְרַט מִיט דִי עֵצָה פון הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; קמ): "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פון זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִיקִים אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַלֶע זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; און אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט ווִי מֶען הֶערְט זֵיי אוֹיס, פַארְקֶערְט, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט ווִי מֶען דֶערְוַוייטֶערְט זֵיי פון אַרֵיין קוּמֶען אִין דִי קְדוּשָׁה - הָאבְּן זֵיי מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען מִיט דִי הַנְהָגָה בִּיז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים"; דֶער רֶבִּי ווִיל אַז מִיר זָאלְן דָאס אוֹיךְ טוּן, מִיר זָאלְן נָאכְמַאכְן אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, און אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען זֵייעֶר פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, דָאךְ זָאלְן מִיר מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת

יֶעדְן טָאג (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תלח), אַזוֹי וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אַ מֶענְטְש קֶען זוֹכֶה זַיין בְּזֶה הָעוֹלָם.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְש הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת, פַארְוָואס דַארְף יֶעדֶער וִויסְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר? נָאר גֶעווֶעהְנְלִיךְ וֶוען אַ מֶענְטְש טְרֶעפְט אַ גוּטֶע זַאךְ פַאר זִיךְ, ווִיל עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ הַנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן - דָאס אִיז דֶער תִּירוּץ אוֹיף דַיין קַשְׁיָא; אַ מֶענְטְש קוּקְט זִיךְ אָן ווִי אַזוֹי עֶר אִיז אוֹיפְגֶעוָואקְסְן - פּוּסְט אוּן ווִיסְט. בְּמֶשֶׁךְ אַלֶע זַיינֶע יָארְן הָאט אִים קֵיינֶער נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט צוּ ווִיסְן וָואס דֶער לֶעבְּן אִיז; אַוַדַאי הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט מִיט אִים תּוֹרָה, מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים קִיוּם הַמִּצְוֹת, מִידוֹת טוֹבוֹת וְכוּ' וְכוּ'; אָבֶער מֶען הָאט אִים נִישְׁט גֶעלֶערְנְט קַיין שׁוּם הַקְדָמוֹת וָואס דֶער מֶענְטְש דַארְף ווִיסְן אִין לֶעבְּן. אַז אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ, מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט עֲבֵירוֹת, קֶען מֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף יֶעדְן מֶענְטְש, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קמה, ט): "וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו", נָאר דִי רֶעזוּלְטַאטְן זֶענֶען אַז אַזַא אֵיינֶער וֶוערְט נֶעבֶעךְ זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן וֶוען עֶר פַאלְט אַרָאפּ; עֶס אִיז דָא וָואס וֶועלְן אַלֶעס אִיבֶּערְלָאזְן רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶס אִיז דָא וָואס לֶעבְּן אַ פַאלְשֶׁער לֶעבְּן - פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס ווִי אַ שׁוֹמֵר תּוֹרָה וּמִצְוֹת, אָבֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג אִיז עֶר נֶעבֶעךְ פַארְדָארְבְּן; נִישְׁט וַוייל עֶר ווִיל אַזוֹי זַיין, נָאר וַוייל קֵיינֶער הָאט אִים

נִישְׁט אָנְגֶעגְרֵייט אַז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת און אַסַאךְ חִיזוּק, אַז אֲפִילוּ מֶען פַּאלְט אַרָאפּ דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, אַזוֹי וְוִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כד, טז): "כִּי שֶׁבַע יִפּוֹל צַדִּיק וָקָם", דֶער צַדִיק הָאט אוֹיךְ נְפִילוֹת און יְרִידוֹת וְכוּ', אָבֶּער עֶר אִיז אַ צַדִיק וַוייל עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

**דֶערְפַאר**, וֶוען אֵיינֶער הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, און הֶערְט דִי חִיזוּק און עֵצוֹת - וְויל עֶר גְלַייךְ אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ לֶעבְּן אַ חַיִים טוֹבִים; עֶר נֶעמְט אַרוֹים זַיינֶע קִינְדֶער פוּן וואוּ זֵיי לֶערְנֶען און שִׁיקְט זֵיי קַיין בְּרֶסְלֶב, דֶערְפַאר שְׁטַארְט עֶר אַרוֹים אַז עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ, לְמָשָׁל אַ בָּחוּר, דַארְף טַאקֶע קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן אַז עֶר הָאט מִיט בְּרֶסְלֶב, און מֶען וֵוייסְט טַאקֶע נִישְׁט, אַזוֹי וְוִי דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶה מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט דֶערְפוּן, אַזוֹי זֶענֶען דָא צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן בְּלִי גוּזְמָא וָואס זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, און קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיוּת אִיז פוּן בְּרֶסְלֶב.

**אִיךְ** וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן מַיין הִשְׁתַּלְשְׁלוּת וְוִי אַזוֹי אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן שְׁנַת תשס"ד לִפְרָט קָטָן, עֶטְלִיכֶע יָאר נָאךְ מַיין חֲתוּנָה וֶוען אִיךְ בִּין אַלְט גֶעוֶוען דְרֵיי און צְוָואנְצִיג יָאר. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז מַיין גַאנְצֶע חַיוּת אִיז דֶער

הֵיילִיגֶער רֶבִּי, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז מַיין לֶעבְּן הָאט זִיךְ מִיר גֶעטוּישְׁט, נָאר מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'; אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט אַלֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן דָאס אִיז מִיר גֶעוֶוען כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶערְפוּן אוֹיסֶער מַיין וַוייבּ תִּחְיֶ'. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשס"ה בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן, בָּאטְשִׁיג אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט פָארְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג) אַז "גָאר זַיין זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה", אוּן (שָׁם, סִימָן רכ): "קַיין גְרֶעסֶערְס פוּן דֶעם אִיז נִישְׁט פַארְהַאן", אָבֶער לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעפָארְן.

יֶענֶע תְּקוּפָה וֶוען אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד פַאר כִּתָּה ט' בָּחוּרִים; אִיךְ הָאבּ אַרַיין גֶעלֵייגְט אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זֵיי דִי זֶעלְבֶּע דִיבּוּרִים וָואס אִיךְ רֶעד הַיינְט פַאר דִי בָּחוּרִים, אַלֶעס וָואס אִיךְ רֶעד הַיינְט הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פַאר פֶערְצְן יָאר צוּרִיק, נָאר אֵיין חִילוּק אִיז דָא, אַז הַיינְט זָאג אִיךְ עֶס נָאךְ מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס נָאמֶען, אוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ עֶס נָאכְגֶעזָאגְט בְּשֵׁם צַדִיקִים; אִיךְ פְלֶעג זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים..." "צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט..." אוּן אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְגֶעזָאגְט בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן; דָאס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט זֶען

אַז מֶען קֶען זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם רֶבִּי'ן אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל בִּכְלַל וויסְן פוּן דֶעם.

**אֲפִילוּ** וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשס"ו לִפְרָט קָטָן, הָאבְּן מַיינֶע חֲבֵרִים אוּן מִשְׁפָּחָה נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, וַוייל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיז גָארְנִישְׁט אַנְדֶערְשׁ ווי אַ צְוֵוייטְן, בְּלוֹיז אֵיין זַאךְ אִיז אַנְדֶערְשׁ, אַז עֶר לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיז דָבוּק אִין אִים אַ גַאנְצְן טָאג; וֶוען עֶר עֶסְט - עֶסְט עֶר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר שְׁפַּאצִירְט - רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר זִיצְט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן - אִיז זַיין מֹחַ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַארְקֶערְט, אִיךְ הָאבּ עֶס בַּאהַאלְטְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן קַיין מַחְלוֹקֶת, בִּיז עֶס הָאט פַּאסִירְט וָואס הָאט פַּאסִירְט.

**דָארְט** וואוּ אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מְלַמֵד - אִין כִּתָּה ט', הָאט דִי הַנְהָלָה זֵייעֶר גֶעוָואלְט אִיךְ זָאל וֶוערְן דֶער מְנַהֵל פוּן זֵייעֶר יְשִׁיבָה; זֵייעֶר יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיים פַארְמַאכְן אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען קוֹים אַ מִנְיָן בָּחוּרִים, אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גֶעוָואלְט אוֹיפְבּוֹיעֶן זֵייעֶר קְהִילָה, הָאבְּן זֵיי מִיר זֵייעֶר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל וֶוערְן דָארְט מְנַהֵל. מֶען הָאט מִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר מְנַהֵל אִסְרוּ חַג פֶּסַח תשס"ז לִפְרָט קָטָן; אוּן גְלַייךְ וֶוען מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי מִיר דִי פָּאר יָאר - תשס"ד, תשס"ה, תשס"ו, הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז אִיךְ וֶוער מְנַהֵל אִין דִי יְשִׁיבָה, זֶענֶען אַלֶע צוּרִיק גֶעקוּמֶען

צוּ דִי יְשִׁיבָה, פְּלוּצְלִינְג אִין צְוֵויי טֶעג הָאבְּן זִיךְ אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן פוּפְצִיג בָּחוּרִים, וַוייל אַלֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין אַנְדֶערֶע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

**פַארְוָואס** זֵיי זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען, דָאס וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין; וַוייל זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ בַּאקוּמֶען צוּ זַיין אַ אִיד. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען אַלֶע קִינְדֶער וָואס קֵיינֶער הָאט אוֹיף זֵיי נִישְׁט גֶעקוּקְט, אוּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן; אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער וָואס דְרֵייעֶן אִיבֶּער דִי קְלַאס אוּן זֵיי אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן; עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער וָואס זֶענֶען עֶמְטְלִיךְ גֶעזֶעצְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן קְלַאס אַ גַאנְץ יָאר, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט זֵייעֶר מָקוֹם קָבוּעַ אִינְדְרוֹיסְן פוּן דִי כִּתָּה; אִיךְ פְּלֶעג זֵיי זֶען, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען זֵייעֶר הַארְץ, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דִי טְרֶערְן וָואס לִיגְט אוּנְטֶער דִי ווִילְדֶע שְׁטִיק, דִי וֵוייטָאג וָואס לִיגְט אוּנְטֶער זֵייעֶר שְׁמֵייכְל אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶענוּמֶען אוּן מְחַזֵק גֶעוֶוען. דֶערְפַאר, ווִי נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז זֵייעֶר אַלְטֶער מְלַמֵד וֶוערְט מְנַהֵל, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּרִיק גֶעקוּמֶען.

**דֶעם** קוּמֶענְדִיגְן יָאר שְׁנַת תשס"ח לִפְרָט קָטָן הָאט דִי יְשִׁיבָה גֶעהַאלְטְן בַּיי אַכְצִיג בָּחוּרִים, אוּן אוֹיף דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר תשס"ט זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט בָּחוּרִים. בִּשְׁעַת וָואס אַ יָאר אוּן אַ הַאלְבּ צוּרִיק אִיז קוֹים גֶעוֶוען מִנְיָן.

**לְמַעֲשֶׂה**, וֶוען זֵיי הָאבְּן מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן, הָאט מִיר מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעהֵייסְן עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה;

איך הָאבּ אָנְגֶערוּפְן די עֶלְטֶערְן פוּן אַלֶע בָּחוּרִים זָאגְן אַז איך עֶפְן אַלֵיינְס אַ יְשִׁיבָה. פַארְשְׁטֵייט זיך אַז אַלֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַיינְגֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אָבֶּער דָא הָאט זיך אָנְגֶעפַאנְגֶען די מַחְלוֹקֶת, הֱיוֹת זֵייעֶר אַסַאך פוּן די עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוֶוען חֲסִידִים פוּן דֶעם רָב פוּן די קְהִילָה וואו איך הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט, הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט אוֹיפְבּוֹיעֶן די יְשִׁיבָה פוּן זֵייעֶר קְהִילָה; פוּן דֶער אַנְדֶערֶע זַייט, די בָּחוּרִים הָאבְּן פַארְפִירְט אַז זֵיי ווילְן קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי מִיר. וָואס הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן? זֵיי הָאבְּן מִיר בַּאשְׁמוּצְט, מֶען הָאט מִיר מְבַזֶה גֶעוֶוען - וָואס עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין מְחִילָה אוֹיף מוֹצִיא שֵׁם רַע, אַזוֹי ווי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט (יְרוּשַׁלְמִי בָּבָא קַמָא, פֶּרֶק ח, הֲלָכָה ז): "הַמּוֹצִיא שֵׁם רָע אֵין לוֹ מְחִילָה", מֶען הָאט אָנְגֶערוּפְן אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוָואלְט שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ טוּמְל.

**מוֹהֲרַא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו איך זָאל עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה; מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין די בְּרִיוו אַז עֶס דַארְף נִישְׁט טְרָאגְן דֶעם נָאמֶען "בְּרֶסְלֶב", וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט מֶען זָאל רֶעדְן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה מִיט מֶענְטְשְׁן נִישְׁט אִין זַיין נָאמֶען: "וָואס גֵייט מִיר אָן אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּכַוָּנָה, וֶוען עֶר וֶועט נִישְׁט ווִיסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר", - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט.

**אַזוֹי** הָאבּ איך גֶעטוּן; איך הָאבּ גֶעעֶפֶנְט די יְשִׁיבָה מִיטְ'ן נָאמֶען "תִּפְאֶרֶת צְבִי" אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּנֶעם ... רֶבִּי

זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וַוייל קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְדִינְגֶען אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ גֵיין. קוֹדֶם זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַאל וואוּ מֶען מַאכְט שִׂמְחוֹת, מִיר הָאבְּן צֶעטֵיילְט דִי זַאל מִיט דִי מְחִיצוֹת אוֹיף כִּיתּוֹת אוּן אַזוֹי גֶעלֶערְנְט, נָאךְ אַ וָואךְ, הָאט אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז מַסְכִּים אַרַיין צוּ נֶעמֶען דִי יְשִׁיבָה בִּתְנַאי זִיךְ צוּ בּוֹיעֶן אַ חֲסִידוּת; אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ, "אוּדַאי" - הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט, "דֶער עִיקָר לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, דִי בָּחוּרִים זָאלְן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין"; דָאס פְּלֶעג אִיךְ הֶערְן טָאג אוּן נַאכְט פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "לֵייג אַרַיין אִין דִי בָּחוּרִים לִימוּד מִשְׁנָיוֹת, דִי בָּחוּרִים זָאלְן זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין".

**נָאךְ** אַפָּאר וָואכְן אִיז מֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם רָב אוּן מֶען הָאט אִים גֶעסְטְרַאשֶׁעט אַז מֶען גֵייט אִים בַּאשְׁמוּצְן מִיט כִּתְבֵי פְּלַסְתֵּר וְכוּ'; עֶר הָאט זִיךְ דֶערשְׁרָאקְן אוּן אוּנְז אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן אוּן אַרָאפּ גֶענוּמֶען דֶעם נָאמֶען "תִּפְאֶרֶת צְבִי"; הָאט מוֹהֲרָא"שׁ מִיר גֶעזָאגְט: "גֶעבּ דִי נָאמֶען 'תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה'", אָבֶער עֶס הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט גֶעהֵייסְן בְּרֶסְלֶב. אוּן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים וָואס אִיךְ פְלֶעג גֶעבְן אִין יְשִׁיבָה הָאבּ אִיךְ גֶערֶעדְט נִישְׁט בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן, נָאר: "עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים...", "צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט..." אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְגֶעזָאגְט בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דִי בָּחוּרִים

הָאבְּן נִיטְאַמָאל גֶעוואוּסְט וֶוער מוֹהֲרָא"ש אִיז, אוּן וֶוער רֶבִּי נָתָן אִיז וְכוּ'.

**נָאכְדֶעם** הָאבְּן זֵיי מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן; מֶען הָאט מְפַרְסֵם גְעוֶועןאַז אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אוּן אִיךְ מַאךְ מַיינֶע תַּלְמִידִים פַאר בְּרֶסְלֶב'עֶר; מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אַנְטְקֶעגְן מִיר, אַז אִיךְ בִּין פַארְכַאפְּט אִין בְּרֶסְלֶב אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר סַכָּנָה'דִיג וַוייל אִיךְ מַאךְ דִי בָּחוּרִים פַאר בְּרֶסְלֶב'עֶר. דֶעמָאלְט הָאב אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַז עֶס אִיז יָא אַזוֹי, אַז מֶען שְׁרַייבְּט אוֹיף מִיר אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר, פַארְוָואס זָאל אִיךְ מִיר פַארְשְׁטֶעקְן? בֶּעסֶער גֶעזָאגְט פוּן וֶועמֶען זָאל אִיךְ מִיר פַארְשְׁטֶעקְן?' הָאבְּן מִיר גֶעטוֹישְׁט דִי נָאמֶען פוּן דִי יְשִׁיבָה: "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב".

**דָאס** אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָנְקוּקְן מִיט אַ זִלְזוּל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִינְגֶערְמַאן וָואס עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶר זוּכְט אַרוֹיס צוּ שְׁטַארְן, וֶוען אוּנְטֶער דָאס וָואס עֶר שְׁטַארְט אַרוֹיס לִיגְט אַסַאךְ פַארְגָאסֶענֶע בְּלוּט; וִויפִיל אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן וָואס עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, אוּן וָואס פַאר אַ בִּזְיוֹנוֹת אִיךְ הָאב גֶעלִיטְן, וֶועסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גְלֵייבְּן וָואס אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד גֵייט אַרִיבֶּער וֶוען עֶר קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן; ווִי דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה נֶעמְט זִיךְ אוֹיף אִים, מֶען הֵייבְּט אִים אָן רוֹדְפְ'ן, מֶען הוֹיבְּט אָן טְרִינְקֶען זַיין בְּלוּט שְׁטִילֶערְהֵייט, בִּשְׁעַת דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער טוּעֶן וָואס זֵיי ווִילְן וְכוּ'.

**מוֹהַרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן בַּיי דִי פוּפְצְן יָאר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר זִיךְ אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאכְדֶעם וָואס מוֹהַרָא"שׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט, אִיז גֶעקוּמֶען אַ פֶּעטֶער פוּן זַיין וַוייבְּ'ס זַייט, עֶר אִיז גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן אַז מוֹהַרָא"שׁ לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעשְׁוואוּירְן אַז עֶר גֵייט אִים אַוֶועק נֶעמֶען פוּן בְּרֶסְלֶב; עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רוֹדְפְ'ן מוֹהַרָא"שׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן, בִּיז מוֹהַרָא"שׁ הָאט גֶעזֶען אַז עֶס רִירְט אָן זַיין שְׁלוֹם בַּיִת, הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעטוּן אַ זַאךְ, מוֹהַרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ ווילְדֶע זַאךְ, עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט אַלֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן, אוּן אוּנְטְן וואוּ מֶען שְׁרַייבְּט: "נִדְפַּס עַל יְדֵי..." הָאט מוֹהַרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן: "נִדְפַּס עַל יְדֵי ר' אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בְּרֶסְלֶב'עֶר נ"ו" (מִיר הָאבְּן נָאךְ דָא אִין יְשִׁיבָה פוּן דִי אַלְטֶע סְפָרִים וואוּ מֶען קֶען דָאס זֶען), מוֹהַרָא"שׁ הָאט אִים גֶעוָואלְט זָאגְן מִיט דֶעם, אַז מִיר קֶענְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען פוּן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז מַיין לֶעבְּן, אוּן דָאס אִיז מַיין נָאמֶען; דֶעמָאלְט הָאט דֶער פֶּעטֶער גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן.

**דָאס** אַלֶעס שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט ווִיסְן אַז נִישְׁט אַלֶעס וֵוייסְטוּ, אוּן וֶוען דוּ זֶעסְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אוּן קוּמְט, אוּן עֶס זֶעט אוֹיס כְּאִילוּ עֶר זוּכְט צוּ מַאכְן מַחְלוֹקֶת, זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז אוּנְטֶער דִי "אַרוֹיס שְׁטַארְן" - ווִי דוּ רוּפְסְט דָאס, לִיגְט אַסַאךְ רְדִיפוֹת.

**דֶערְפַּאר** אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי צוּ מַאכְן מַחְלוֹקֶת וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב, אוּן אַז מֶען קֶען עֶס בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער כְּדַאי, אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זַיין חוֹלֵק, וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען קְרִיגְן אוֹיף אִים: "אוֹיב וֶועט עֶר מִיר לָאזְן אַ וֶועג פוּן דֶער זַייט וֶועל אִיךְ אִים גָארְנִישְׁט טוּן, אָבֶער אַז עֶר וֶועט מִיר אִינְגַאנְצְן שְׁטֶערְן וֶועל אִיךְ אִים צֶעשְׁנַיידְן אוֹיף שְׁטִיקֶער"; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדֶע מְקוּרָב, אוֹיב קֶען מֶען לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בְּהַצְנֵעַ לֶכֶת, מֶען קֶען מְקַיֵים זַיין אַלֶעס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט אָן קַיין מַחְלוֹקֶת - מַה טוֹב וּמַה נָעִים, אָבֶער אַז מֶען זֶעט אַז מֶען גֵייט פַארְלִירְן דֶעם רֶבִּי'ן וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְווייטְן, עֶס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן חַיֶיךָ קוֹדְמִין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# צה

## וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, מַאכְט מֶען אַ גֶעהֶערִיגֶע סִיוּם? פַּרְשַׁת נְשִׂיאִים סְגוּלָה לְזִוּוּג הָגוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

נָאכְן אָפְּגֶעבְּן דֶעם רִיכְטִיגְן כָּבוֹד פַאר'ן גֶעעֶרְטֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה ווִיל אִיךְ פַארְלֵייגְן מַיין שְׁאֵלָה; הֱיוֹת אִין דִי גָאר נָאנְטֶע טֶעג גֵיי אִיךְ מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מְסַיֵים זַיין מַסֶּכֶת קִידּוּשִׁין פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי, וָואס

איך האב דורכגעזאגט אויף דעם סדר דרך הלימוד וואס דער ראש ישיבה האט אויסגעלערנט, וויל איך פרעגן אויב אין אזא פאל מאכט מען א געהעריגע סיום, דאס הייסט זאגן קדיש דרבנן וכו'?

צווייטנס, לגבי וואס דער ראש ישיבה זאגט אז עס איז א סגולה צו זאגן די פרשת הנשיאים צו טרעפן א שידוך; וואס פונקטליך דארף מען זאגן און וואו שטייט עס?

א גרויסן יישר כח.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד, רַק הָאֲמִירָה לְבַד; לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וֶוען מֶען לֶערְנְט, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּם סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין, "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל, רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד, וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז

מֶען וויל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן, אוּן מֶען וֶועט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵוייטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵוייטְן מָאל, אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען לֶערְנְט.

**וזאוֹיל** אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט מְסַיים גֶעוֶוען אַ מַסֶכְתָּא; מִיט יֶעדֶע סִיּוּם וָואס מֶען מַאכְט פַארְבְּרֶענְט מֶען דֶעם ס"מ. עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער ס"מ הָאט זֵייעֶר פַיינְט וֶוען מֶען

מַאכְט אַ סִיוּם, וַוייל דָאס פַארְבְּרֶענְט אִים אִינְגַאנְצְן, אוּן דָאס אִיז טַאקֶע מְרוּמָז אִין זַיין נָאמֶען - סמא"ל אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: "סִ'יוּם מַ'סֶּכֶת אֵ'ין לַ'עֲשׂוֹת", עֶר ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף אַ מַסֶכְתָּא.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ מְסַיֵּים זַיין מַסֶּכֶת קִידוּשִׁין פוּן תַּלְמוּד בַּבְלִי אוּן דוּ ווִילְסְט ווִיסְן צִי דוּ זָאלְסְט מַאכְן אַ סִיוּם; אַוַדַאי זָאלְסְטוּ מַאכְן אַ סִיוּם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) אַבַּיֵי הָאט גֶעזָאגְט: "תֵּיתֵי לִי, דְּכִי חֲזֵינָא צוּרְבָא מֵרַבָּנָן דְּשָׁלִים מַסֶכְתֵּיהּ, עֲבִידְנָא יוֹמָא טָבָא לְרַבָּנָן", רַשִׁ"י זָאגְט דָארְט, אַז אַבַּיֵי אִיז גֶעוֶועְן אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן יֶעדֶעס מָאל אַ תַּלְמִיד הָאט מְסַיים גֶעוֶועְן אַ מַסֶכְתָּא הָאט אַבַּיֵי גֶעמַאכְט אַ סְעוּדָה; אַבַּיֵי הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם, אוּן גֶעזָאגְט: "תֵּיתֵי לִי", זָאל מִיר קוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ פְלֶעג זִיךְ מִיט פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע סִיוּם.

דֶערְפַאר, זֶע צוּ מַאכְן אַ סִיוּם אוּן רוּף דַיינֶע עֶלְטֶערְן; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם - וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי פְלַייסִיג מֶען לֶערְנְט.

מֶען קֶען זָאגְן קַדִישׁ דְּרַבָּנָן אֲפִילוּ מֶען הָאט גוֹרֵם גֶעוֶועְן דִי גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא; קוּק אַרַיין אִין מִשְׁנָה בְּרוּרָה (אוֹרַח חַיִּים סִימָן נד, סְעִיף קָטָן ט) פַארְוָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן נָאךְ אַ שִׁיעוּר אָדֶער נָאךְ אַ דְרָשָׁה דִי מִשְׁנָה (מַכּוֹת ג, טז): "רַבִּי חֲנַנְיָא בֶּן עֲקַשְׁיָא אוֹמֵר".

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ;

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַחִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ זָאל זָאגְן אַסַאךְ דִי "קָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", פוּן (בַּמִּדְבָּר ז, א): "וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת הַמִּשְׁכָּן", בִּיז'ן סוֹף, וָואס דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה. עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, קְרִיאָה לַחֲנֻכָּה; נָאכְדֶעם וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט דָאס זָאגְן בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיוּוּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפָאלְגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיוּוּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַ פְּלַג גּוּף, אוּן עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְן וְכוּ' וְכוּ'".

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז נָאר סְגוּלוֹת וָואס צַדִּיקִים הָאבְן אוּנְז גֶעגֶעבְן הָאבְן אַ קְרַאפְט, דִי אַלֶע סְגוּלוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן פַארְקוֹיפְן וְכוּ' וְכוּ' הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הַאפְט, עֶס אִיז סְתָם אַ קָאפּ פַארְדְרֵייעֶנִישׁ. אָבֶּער סְגוּלוֹת וָואס צַדִּיקִים הָאבְן אוּנְז גֶעגֶעבְן, דָאס הֶעלְפְט; מֶען דַארְף גְלֵייבְן אִין דֶעם אוּן אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט נָאךְ גוּטֶע סְגוּלוֹת פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּךְ (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת הַחִתּוּן,

סִימָן ב): "קִדּוּשׁ לְבָנָה סְגֻלָּה שֶׁיִּמְצָא אָדָם אֶת זִווּגוֹ"; דֶערְפַאר דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין צוּ מַאכְן קִידוּשׁ לְבָנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ, און וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט קִידוּשׁ לְבָנָה בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ בִּזְכוּת וָואס מֶען הָאט גֶעמַאכְט קִידוּשׁ לְבָנָה.

דֶער עִיקָר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ און וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג און נָאךְ אַ טָאג, און עֶס רִיקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט; דוּ טְרַאכְסְט כָּל מִינֵי מַחְשָׁבוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ שׁוֹין אַזוֹי בְּלַייבְן?' 'וֶוער וֶועט מִיר נֶעמֶען?' - דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אַלֶע בָּחוּרִים. אַלֶע בָּחוּרִים טְרַאכְטְן דָאס פַּאר זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ, אָבֶּער זָאלְסְט נִישְׁט טְרַאכְטְן אַזוֹי; טְרַאכְט גוּט, און וַוארְט אוֹיס פַּאר דַיין יְשׁוּעָה. טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן, פָּאלְג דֶעם רֶבִּי'ן און זֵיי מְקַיֵּים אַלֶע עֵצוֹת וָואס עֶר זָאגְט, וֶועסְטוּ בְּוַדַּאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# צו

## שִׁיקְן אִינְגְלֶעךְ נָאךְ חֵדֶר צוּ לֶערְנֶען מוּזִיק?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ צְוֵויי גְרוֹיסֶע אִינְגְלֶעךְ וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַלְץ וָואס צוּ טוּן נָאךְ חֵדֶר. הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט זֵיי צוּ שִׁיקְן צוּ אַ הֵיימִישֶׁע קוּרְס פַּאר קִינְדֶער זִיךְ צוּ לֶערְנֶען שְׁפִּילְן אוֹיף אַ קִיבָּארְד אִין אַ גִיטַאר. אִיז עֶס אַ גוּטֶע זַאךְ?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**קִינְדֶער**, וֶוען זֵיי קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר, זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל אָפְּגֶעמוּטְשֶׁעט, זֵיי הָאבְּן אַ גַאנְצְן טָאג גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעדַאוֶועגְט, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה אַרוֹיפְצוּלֵייגְן אוֹיפְ'ן קָאפּ נָאךְ לִימוּדִים; זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זוּכְן דִי עֶלְטֶערְן דָאס צוּ טוּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער - נִישְׁט אַזוֹי וַוייט וַוייל זֵיי ווִילְן דִי קִינְדֶער זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין, נָאר מֶען זוּכְט ווִי מֶען קֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי קִינְדֶער פַאר נָאךְ אַ שָׁעָה. קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, אוּן קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן צַייט צוּ שְׁפִּילְן אוּן

זיך אויסלויפטערן; קינדער זענען נישט קיין מאשינען וואס דארפן ארויסגעבן סחורה פיר און צוואנציג שעה.

עס איז נישט קיין שלעכטע זאך אויסצולערנען פאר א קינד שפילן מוזיק וכו', אבער דאס ווענדט זיך שוין אינעם קינד, יעדע קינד איז א וועלט פאר זיך; עס זענען דא קינדער וואס האבן זייער ליב צו ליינען מעשיות, זיי קענען זיצן שעות אויף שעות און ליינען מעשה ביכלעך, נאכדעם זענען דא קינדער וואס האבן נישט קיין געדולד צו ליינען וכו', זיי האבן מער הנאה פון ארום טאנצן און ארום לויפן - דאס וואס עלטערן האבן נישט ליב וכו'; ווען עלטערן זעען ווי זייער קינד לעבט, שפרינגט און טאנצט, ווערן זיי נערוועז, מען טראכט אז עס פעלט פאר'ן קינד וואס צו טון און מען שיקט אים צו א נאכט כולל, אדער צו טיטשערס לערנען וכו', אדער שלעפט מען אים איין מיט מעדעצין - מען מאכט אים פאר א קעיס און ער ווערט א גאנצע רחמנות, אבי די עלטערן זאלן נישט האבן ארום זיך א לעבעדיגע קינד, וואס באמת איז דער קינד געזונט און שטארק, עס פעלט אים גארנישט, ער וויל שפרינגען און טאנצן, אזוי ווי א געזונט קינד וכו'.

נאכדעם זענען דא קינדער וואס פארלאנגען דאס; זיי ווילן זיך לערנען מוזיק, שרייבן, מאלן, אזעלכע קינדער איז נישט קיין שום פראבלעם זיי דאס אויס צו לערנען. (פארשטייט זיך מען דארף וויסן ווער דער טיטשער איז, צי

עֶר לֶערְנְט נָאר אוּיס שְׁפִּילְן, אָדֶער עֶר לֵייגְט אוֹיךְ אַרַיין זַיין הַשְׁקָפָה אִין דִי קִינְדֶער, וָואס דָאס קֶען זַיין זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ).

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; מֶען הָאט אַמָאל גֶעבֶּעטְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, גוּטֶע קִינְדֶער רֵייסְט מֶען אַרָאפּ פוּנֶעם בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעוֵוינְט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן מִיט מַיינֶע טְרֶערְן הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעוִוישְׁט מַיין פָּנִים, אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ קִינְדֶער וָואס דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען".

**דָאס** שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַז דוּ זָאלְסְט וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דוּ מִיט דַיין וַוייבּ - אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ בָּנִים וּבְנֵי בָנִים עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה וּבְמִצְוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי, אוּן עֶס וֶועט מְקוּיָם וֶוערְן בַּיי דִיר (תְּהִלִּים קכח, ג): "בָּנֶיךָ כִּשְׁתִלֵי זֵיתִים סָבִיב לְשֻׁלְחָנֶךָ", אָמֵן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## צז

**דִי קִינְדֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים טְשֶׁעפֶּען מַיינֶע קִינְדֶער.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים אוּן פַאר דִי אַלֶע עֵצוֹת ווִי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעמוּפְט בָּרוּךְ ה' צוּ אַ נֵייעֶ גְרֶעסֶערֶע דִירָה. בַּיי דִי אַלְטֶע דִירָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ סַאךְ שְׁכֵנִים פַאר דִי קִינְדֶער צוּ שְׁפִּילְן, אוּן דָא אִיז דָא אַסַאךְ שְׁכֵנִים. מִיר הָאבְּן גֶעהָאפְט אַז דָא וֶועלְן דִי קִינְדֶער הָאבְּן מִיט וֶועם צוּ שְׁפִּילְן, לְמַעֲשֶׂה אִיז אָבֶער דָא אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז דִי שְׁכֵנִים שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אִין אַ מוֹסָד וִוי מֶען הַאלְט נִישְׁט פוּן דִי מוֹסָד וואוּ מַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען, אִין דִי קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט אוֹיף צוּ שְׁלָאגְן אוּן טְשֶׁעפֶּען מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זֵיי שְׁרֵייעֶן זֵיי נָאךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע נֶעמֶען.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן אָבֶער עֶס הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן, וָואס נָאךְ קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו אוּן אִיךְ פַארְשְׁטֵיי גָאר גוּט דִי וֵוייטָאג וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַז דִי שְׁכֵנִים טְשֶׁעפֶּען**

דַיינֶע קִינְדֶער; אִיךְ בִּין דָאס אַרִיבֶּער וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶנְט דִי יְשִׁיבָה בִּשְׁנַת תשס"ט לִפְרַט קָטָן. דֶעמָאלְט הָאבְּן מַיינֶע קִינְדֶער מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין שְׁפִּילְן אִינְדְרוֹיסְן וַוייל קִינְדֶער פְלֶעגְן זֵיי נָאךְ שְׁרֵייעֶן מִיט אַלֶע מִיאוּס'ע וֶוערְטֶער. דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִיךְ פְלֶעג טְרַאכְטְן צוּ מִיר: 'דָאס אַז מֶען שְׁרֵייט מִיר אָן גֵייט מִיר נִישְׁט אַזוֹי אָן וִוי דָאס אַז מֶען רוֹדְפְ'ט מַיינֶע קִינְדֶער צוּלִיבּ זֵייעֶר טַאטֶע וְכוּ'"; וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִין דִי בִּנְיָן וואוּ אִיךְ וואוֹין, בִּין אִיךְ אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן גֶערֶעדְט צוּ זֵיי שֵׁיינֶערְהֵייט, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: "וויסְן זָאלְט אִיר אַז אַייעֶר זוּן טְשֶׁעפֶּעט מַיינֶע קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט אַייךְ רֶעדְט צוּ אִים", גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶס הָאט זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶּער מִיט דִי קִינְדֶער פוּן דִי גַאס וְכוּ' - זֵיי הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּשְׁטֶעלְן, זֵיי פְלֶעגְן מִיר מַאכְן אַ בַּאגְלֵייטְן יֶעדְן טָאג מִיט 'קַאצְן מוּזִיק', צֶוענְדְלִיגֶער קִינְדֶער פְלֶעגְן מִיר נָאכְפָארְן מִיט דִי בֵּייקְס אוּן בַּאזִינְגֶען: "פוּי!" "שֵׁיגֶעץ!" דֶעמָאלְט פְלֶעג אִיךְ אוֹיסְרֶעכֶבֶענֶען אַהֵיימְצוּקוּמֶען אִין דִי צַייט וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אִין גַאס וְכוּ'. מַיינֶע קִינְדֶער הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעשִׁיקְט אִין פַּארְק שְׁפִּילְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעהַאלְטְן מִיט מִיר וְכוּ'.

**עֶס** אִיז דָא וֶועגְן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס אָפְּשְׁטֶעלְן; לְמָשָׁל, מֶען קוֹיפְט פַארְ'ן קִינְד אַ סָארְט בֵּייק וָואס קֵיינֶער פוּן דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן נִישְׁט, אוּן אַלֶע קוּקְן דָאס אַרוֹיף, וֶועלְן זֵיי נָאכְלוֹיפְן דַיין קִינְד צִי מֶען קֶען עֶס בָּארְגְן וְכוּ'. אָדֶער מֶען

קוּיפְט אַ שְׁפִּילְצֵייג וָואס אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן אִים נָאכְלוֹיפְן צוּ וֶועלְן שְׁפִּילְן מִיט אִים.

**אָבֶער** דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג אִיז, מֶען דַארְף אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט זֵיי; אוּן אוֹיב זֵיי זֶעעֶן ווִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף זֵייעֶרֶע בֵּיינֶער, זָאלְן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן אָן רַחְמָנוּת, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין נְקָמָה, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: 'סֶעלְף דִיפֶּענְס', דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ הֲלָכָה (סַנְהֶדְרִין עב.): "הַבָּא לְהָרְגְךָ, הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ"; וֶוען אֵיינֶער ווִיל דִיר הַרְגְ'נֶען, זָאלְסְטוּ אִים קוֹדֶם הַרְגְ'נֶען; דָאס דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר קִינְדֶער וֶוען זֵיי בַּאקְלָאגְן זִיךְ אַז קִינְדֶער טְשֶׁעפֶּען זֵיי, מֶען זָאל זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן צֶעקְלַאפְּן.

**מֶען** דַארְף אוֹיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען אַז נְקָמָה אִיז אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה; נְקָמָה מֵיינְט אַז וֶוען אֵיינֶער הָאט דִיר גֶעטוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ טָארְסְטוּ נִישְׁט צוּרִיק טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס, אָבֶער וֶוען אֵיינֶער נֶעמְט זִיךְ אוֹיף מַיינֶע בֵּיינֶער אוּן ווִיל מִיךְ אוֹיסְרַייסְן, דֶעמָאלְט אִיז דָא אַן אַנְדֶערֶע הֲלָכָה - "הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ".

**אַ** בָּחוּר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן צֶען יָאר אַלְט אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען נִישְׁט קַיין דַאר קִינְד בִּכְלַל וְכוּ', אִיז עֶר אַמָאל אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בֶּעטְן אַ בְּרָכָה עֶר זָאל וֶוערְן דַאר; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָא גֵייט פָאר, אַ קִינְד וָואס קוּמְט

בֶּעטְן אַ בְּרָכָה עֶר זָאל זַיין דַאר, אִיז נָאר וַוייל מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אִין חֵדֶר, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אַזַא סָארְט בְּרָכָה, הָאט אִים מוֹהַרָא"שׁ גֶעזָאגְט: "דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט זַיין דַאר, עֶס פֶּעלְט דִיר גָארְנִישְׁט, דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵייליךְ; אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט דִיר אַז דוּ בִּיסְט גְרָאבּ, זָאלְסְטוּ אִים צוּרִיק גֶעבְּן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין". דֶער בָּחוּר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זַייט דֶעמָאלְט הָאט זִיךְ בַּיי אִים אַלֶעס גֶעטוֹישְׁט, עֶר אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען אִין חֵדֶר, אוּן וֶוען אַ קִינְד הָאט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אִים הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן מָנָה אַחַת אַפַּיִם, בִּיז אַפָּאר טֶעג אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער הֶעלְד צְווִישְׁן דִי קִינְדֶער, אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן מִיט דֶער צַייט זֶעלְבְּסְט-זִיכֶער מִיט זִיךְ, אוּן עֶר אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ.

**אַ** מְלַמֵד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְט מִיר, עֶר אִיז אַ מְלַמֵד אִין כִּתָּה ב', אוּן אַ יָאר צוּרִיק הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין דֶער זַייט, אַיינְזַאם, מִיט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל אוּן קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער. דֶער מְלַמֵד הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן בַּיים מְלַמֵד פוּן כִּתָּה א', וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם קִינְד וְכוּ', הָאט אִים דֶער מְלַמֵד גֶעזָאגְט: "דֶער קִינְד?" - מִיט אַ בִּיטוּל - "אִים פְלֶעג אִיךְ יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמֶען פַאר אַלֶע קִינְדֶער, וַוייל עֶר נֶעמְט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל וִוי אַ בֶּעיבִּי"; דֶער מְלַמֵד הָאט אִים יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמְט בָּרַבִּים

רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶר פְּלֶעגְט שְׁפֶּעטְן פוּן אִים אִין כִּתָּה: "קוּקְט קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן אַ בֶּעיבִּי אִין כִּתָּה א' מִיט זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל", אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר יֶעדְן טָאג טוּן.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, וַוייל דֶער קִינְד אִיז וַוייטֶער גֶעזִיצְן מִיטְ'ן פִינְגֶער אִין מוֹיל, נָאר אֵיין זַאךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעטוּן אַז דֶער קִינְד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין חֲבֵרִים, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים, עֶר אִיז נָאר גֶעבְּלִיבְּן מִיט אֵיין חָבֵר - זַיין פִינְגֶער...

דֶער מְלַמֵד אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן צוּ הֶערְן ווִי דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער מְלַמֵד הָאט יֶעדְן טָאג פַארְשֶׁעמְט דֶעם קִינְד, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים אַרַיינְשִׁיינֶען אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן מִיט דֶעם קִינְד, ווִי אַזוֹי עֶר קֶען הֶעלְפְן אַז דֶער קִינְד זָאל וֶוערְן צוּרִיק אַ חֵלֶק פוּן דִי כִּתָּה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן עֶר הָאט גֶעהַאט יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם קִינְד: "אִיךְ הָאבּ נָאכְגֶעקוּקְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עַל פִּי הַלָכָה מֶעג מֶען נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל", אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי קִינְדֶער חוֹזֶק מַאכְן פוּן דֶעם, הָאט עֶר גֶעזָאגְט הוֹיךְ פַאר אַלֶע קִינְדֶער אַז מֶען מֶעג נֶעמֶען דִי פִינְגֶער אִין מוֹיל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֲבֵירָה, אוּן פְּלְאֵי פְלָאִים עֶס אִיז אַרִיבֶּער צְוֵויי דְרֵיי וָואכְן, דֶער קִינְד הָאט אָפְּגֶעלָאזְט זַיין אַלְטֶע חָבֵר - זַיין פִינְגֶער אוּן הָאט

מֶער נִישְׁט גֶענוּמֶען זַיין פִינְגֶער אִין מוֹיל, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען נַייעֶ חֲבֵרִים אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעוָוארְן אַ חֵלֶק פוּן זַיין כִּתָּה.

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם ווִי וַוייט מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן וֶוען אֵיינֶער מַאכְט זֵיי אַוֶועק אוּן וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט זֵיי.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אַזוֹי שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעקְלַאפְּט אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַזוֹי זִיכֶער מִיט זִיךְ, אַז וֶוען עֶר זֶעט ווִי אֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, זָאל עֶר זָאגְן צוּ זִיךְ: 'דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט? דַארְף אִיךְ דִיר נִישְׁט טוֹיזְנְט מָאל מֶער!"

**וְעַל** כּוּלָם הָאבְּן מִיר אַן עֵצָה פוּן תְּפִילָה; וַויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען דַיינֶע קִינְדֶער. בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן יִרְאֵי ה', זֵיי זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער אוּן זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# צח

## מֶעג מֶען זִיךְ לֶערְנֶען עֶנְגְלִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם צוּ לֶערְנֶען פְרֶעמְדֶע שְׁפְּרַאכְן; מֶעג מֶען זִיךְ לֶערְנֶען דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ? אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַז רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶע'אֲסֶר'ט צוּ לֶערְנֶען פְרֶעמְדֶע שְׁפְּרַאכְן, אִיז דָאס רִיכְטִיג?

מִיט דַאנְק פוּן פָארְאוֹיס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶה.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב, ד' אֲלָפִים, קס"ח) פַאר אֵיינֶעם וָואס פְרֶעגְט אִים אָן אָט דִי שְׁאֵלָה, צִי מֶען מֶעג לֶערְנֶען דִי עֶנְגְלִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען קַיין לְשׁוֹנוֹת שֶׁל גוֹיִם; עֶנְטְפֶערְט אִים מוֹהֲרָא"שׁ אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען לְשׁוֹנוֹת הַגּוֹיִם, דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט דָארְט

וואו ער וואוינט (אַזוי אויך ענגליש וואס דאס איז היינט צו טאגס די שפּראך פון די וועלט), נאר דאס איז געווען ווייל די גוים האבן געוואלט אז מען זאל לערנען זייער שפּראך און לערנען זייערע חכמות וואס איז אנגעפולט מיט כּפירות ואפּיקורסות.

**דער** רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן יט): ווען א מענטש איז זוכה צו רעדן לשון קודש איז ער זוכה צו תּיקון הבּרית; דאס מיינט מען נישט דוקא לשון הקודש, נאר סיי וועלכע שפּראך א מענטש רעדט, אויב רעדט ער א הייליגע שפּראך, דאס הייסט ער רעדט נישט קיין ניבול פּה, דעמאלט איז ער זוכה צו תּיקון הבּרית. אבער אז א מענטש רעדט לשון הקודש, און ער איז מנבל זיין מויל מיט אלע מיאוס'ע ווערטער, וועט ער נישט זוכה זיין צו תּיקון הבּרית, פארקערט ער וועט באקומען א גרויסער עונש, עיין שם; זעט מען פון דעם אז יעדע שפּראך וואס מען רעדט - אויב רעדט מען איידל און הייליג, איז די שפּראך לשון הקודש.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט מצליח זיין אין אלע אייערע וועגן.

# צט

## בַּיים בֶּענְטְשְׁן, מֶעג מֶען דַאנְקֶען אוֹיף אִידִישׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גָאר אַ גוּטֶע פְּרִישְׁטָאג לְדֻגְמָא, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וִויל בַּאדַאנְקֶען דֶעם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם מֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן לַהֲלָכָה עֶס צוּ זָאגְן בִּשְׁעַתְ'ן בֶּענְטְשְׁן אִין אִידִישׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען דַארְף בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן מִיט דִי נוּסַח וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵּן גֶעוֶוען [הֲגַם עַל פִּי הַלָכָה אִיז בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בְּכָל לָשׁוֹן; (עַיֵּין מִשְׁנָה בְּרוּרָה, סִימָן קפה, סְעִיף קָטָן א)] ווייל "אִם לֹא הִזְכִּיר בְּבִרְכַּת הָאָרֶץ בְּרִית וְתוֹרָה - מַחֲזִירִין אוֹתוֹ (סִימָן קפז, סְעִיף ג)", אוֹיבּ מֶען דֶערְמַאנְט נִישְׁט אִין בִּרְכַּת הַמָּזוֹן "עַל בְּרִיתְךָ שֶׁחָתַמְתָּ בִּבְשָׂרֵנוּ, וְעַל תּוֹרָתְךָ שֶׁלִּמַּדְתָּנוּ" הָאט מֶען נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען בִּרְכַּת הַמָּזוֹן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער; דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה זָאגְט (סִימָן קפה, סְעִיף קָטָן א): "וְהַמְדַקְדֵּק יִזָּהֵר לְבָרֵךְ לְכַתְּחִילָּה תּוֹךְ הַסֵּפֶר וְלֹא בַּעַל פֶּה",

מֶען זָאל מְדַקְדֵק זַיין צוּ בֶּענְטְשְׁן פוּן אִינֶעוֵוייניג אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער און נִישְׁט אוֹיף אוֹיסְנְוֵוייניג.

**דֶער** מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אַ מַעֲשֶׂה פוּן סֵפֶר חֲסִידִים, אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים און אִים גֶעזָאגְט: "יֶעדְן טָאג גֵיי אִיךְ אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּענְטְשְׁט צוּ בֶּענְטְשְׁן מִיט כַּוָונָה".

**מוֹהֲרַא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מְעוֹרֵר זַיין אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן דַוְקָא אִין אַ בֶּענְטְשֶׁער. מוֹהֲרַא"ש פְלֶעגְט זָאגְן אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה פַאר עֲשִׁירוּת, און דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין גְרוֹיסֶע עֲשִׁירוּת, אִיז נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט נָאךְ פוּן אַלְס בָּחוּר צוּ בֶּענְטְשְׁן אִינֶעוֵוייניג.

**דֶערְפַאר**, זֵיי נִישְׁט קַיין אִיבֶּער חָכָם; קוּם נִישְׁט מִיט קַיין נַייעֶ זַאכְן אַז מֶען זָאל בֶּענְטְשְׁן אִין אִידִישׁ. דוּ בֶּענְטְשׁ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אַזוֹי ווִי דִי חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען, און אַז דוּ ווִילְסְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי פֵיינֶע עֶסְן, זָאלְסְטוּ טוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רלז), דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְנְט מִיט דִי נָאךְ בְּרָכָה, נָאר עֶר פְלֶעגְט שׁוֹין אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ פַאר אַלֶע עֶסְן וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעסְן בִּפְרָטִיוּת, אַזוֹי ווִי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט דָארְט, אַז דֶער

רֶבִּי הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיף דִי רֶעטֶעךְ, אוֹיף דִי לֶעקֶעךְ - דָאס זָאלְסְטוּ נָאכְמַאכְן; זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף בֶּענְטְשְׁן, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן נָאכ'ן בֶּענְטְשְׁן זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶר גֶעבְּט דִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נ.): "מִבִּרְכוֹתָיו שֶׁל אָדָם נִיכָּר, אִם תַּלְמִיד חָכָם הוּא, אִם לָאו", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט בְּרָכוֹת אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זֶעט מֶען אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת אֲכִילָה, חֵלֶק ב', סִימָן ג): "עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם"; אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. עֶר פְלֶעגְט גֶעבְּן צוּ עֶסְן פַאר אַלֶע גוֹיִם בְּחִינָם, אוּן וֶוען מֶען אִיז אִים גֶעקוּמֶען זָאגְן יְיַשֶׁר כֹּחַ, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: "נִישְׁט פַאר מִיר קוּמְט דֶעם יְיַשֶׁר כֹּחַ, דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט מִיט דִי גוּטֶע עֶסְן", הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אַלֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט (עַיֵּין מִדְרָשׁ בְּרֵאשִׁית רַבָּה מג, ז). דָאס זָאגְט דֶער רֶבִּי: "עַל יְדֵי בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, נִתְוַדַּע הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בָּעוֹלָם", אַז מֶען עֶסְט אוּן מֶען בֶּענְטְשְׁט, דוּרךְ דֶעם וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְרוֹיס אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# ק

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מְסַדֵר זַיין מַיין טָאג?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

רֵאשִׁית כָּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּארְ'ן חָשׁוּבְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַּאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע חֶסֶד און גֶעטְרֵיישַׁאפְט צוּ עֶנְטְפֶערְן פַּאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיינֶע פַארְשִׁידֶענֶע שְׁאֵלוֹת, ווייל יֶעדֶער הָאט דָאךְ עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס בַּאדֶערְט אִים. אִיר הָאט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָה צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. יְשַׁלֵּם לָכֶם ה' פָּעָלְכֶם וִיהִי מַשְׂכּוּרְתְּכֶם שְׁלֵימָה מֵעִם ה'.

אַצִינְד ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה. אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס אַרְבֶּעט בְּעֶרֶךְ 8-9 שָׁעָה אַ טָאג, און אִיךְ ווייס דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת און מִצְוָה פוּן לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, און אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ הָאב דֶעם חֵשֶׁק דֶערְצוּ וְכוּ', און אִיךְ הָאב שִׁיעוּרִים צוּפְרִי און בַּיינַאכְט. אָבֶער אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין מְסוּדָר'דִיגֶער מֶענְטְשׁ, מְמֵילָא הוֹיב אִיךְ אָן כְּסֵדֶר פוּן פְרִישׁ און עֶס אַרְבֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס, פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעדוּלְד, ווייל מְ'קוּמְט נִישְׁט אָן מִיט גָארְנִישְׁט.

דֶערִיבֶּער אוֹיב אִיז מֶעגְלִיךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר שְׁרַייבְּן אַ סֵדֶר זִיךְ צוּ הַאלְטְן דֶערְצוּ און אָנְקוּמֶען בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ צוּ לֶערְנֶען און קוֹנֶה זַיין תּוֹרָה מִיט אַן אֱמֶת וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לְהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ.

יְיַשֵׁר כֹּחַ גָּדוֹל וְתִזְכּוּ לְהַמְשִׁיךְ לַעֲזוֹר לַכֹּל, וּשְׂכַרְכֶם הַרְבֵּה מְאוֹד וְתִזְכּוּ לְכָל טוּב סֶלָה.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**רַבִּי** אַבְרָהָם בֶּן רַבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל גֶעבְּן הַנְהָגוֹת, פְלֶעגְט עֶר עֶנְטְפֶערְן אַזוֹי: "מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַנְהָגוֹת פַאר אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אֵיין הַנְהָגָה קֶען מֶען גֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען קֶען אִים מְעוֹדֵד זַיין עֶר זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן"; וֶוען מֶען פְרֶעגְט אַן הַנְהָגָה, אַ סֵדֶר הַיּוֹם, קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס צוּ טוּן, ווייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ וֶועלְט פַאר זִיךְ; עֶס קֶען זַיין אַ הַנְהָגָה וָואס בַּיי אֵיינֶעם אִיז דָאס אַ גוּטֶע הַנְהָגָה, אָבֶּער פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאס נִישְׁט גוּט, אָבֶּער אֵיין זַאךְ קֶען מֶען מְעוֹדֵד זַיין אַ מֶענְטְשׁ - אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען זָאל יֶעדֶע זַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף אַסאַךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ; מוֹהַרְא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט כְּסֵדֶר אַרָאפּ בְּרֶענְגֶען דֶעם מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (תַּנְחוּמָא שְׁמִינִי, ח): "לְפִי שֶׁאֵין הַשִּׂמְחָה מַמְתֶּנֶת לְאָדָם, לֹא כָּל מִי שֶׁשָּׂמֵחַ הַיּוֹם שָׂמֵחַ לְמָחָר"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין וָואס עֶס וֶועט זַיין מָארְגְן וְכוּ', נָאר טְרַאכְטְן פוּנֶעם הַיינְט, לֶעבְּן מִיטְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג אוּן זוּכְן דָאס גוּטְס פוּנֶעם טָאג.

**דֶערְפַּאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְּרֵייליךְ, אוּן אֵיינְמָאל מֶען אִיז פְּרֵייליךְ אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י): "מַה שֶּׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת", פַארְוָואס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת צוּ טְרַאכְטְן וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית בְּזֶה הָעוֹלָם, וָואס הָאט מֶען פוּן אַלֶע תַּאֲווֹת וְכוּ', עֶס בְּלַייבְּט דָאךְ גָארְנִישְׁט אִיבֶּער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר דָאס בִּיסְל עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַרַיין בְּזֶה הָעוֹלָם; אוּן ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִשּׁוּב הַדַּעַת, מֶען זָאל ווִיסְן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן דָא אוֹיף דֶער ווֶעלְט? זָאגְט דֶער רֶבִּי: "אַךְ דַּע, שֶׁעַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה, אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז דֶעפְּרֶעסְט אִיז אִים זֵייעֶר שְׁווֶער צוּ טְרַאכְטְן נָארְמַאל וְכוּ', וַוייל דֶער מֹחַ אִיז אִים מְצוּמְצָם, "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אָבֶּער ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְּרֵייליךְ, דֶעמָאלְט קֶען עֶר טְרַאכְטְן וְכוּ', וַוייל ווֶען מֶען אִיז פְּרֵייליךְ אִיז דֶער מֹחַ בְּרֵייט אָפְן אוּן נִישְׁט מְצוּמְצָם.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ ווִילְסְט זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת"; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ, אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן מֶער, אַ צְווֵייטֶער אִיז אִים גֶענוּג צוּ שְׁלָאפְן

ווייניג. דער רבי האט געהאט א תלמיד רבי בער זכרונו לברכה פון מעדוועדיווקע, ער פלעגט זיך זייער מוטשען אויפצושטיין חצות; יעדע נאכט איז ער געבליבן שלאפן - מיט אנדערע תירוצים, אבער עס פלעגט אים זייער וויי טון אז ער פארשלאפט זיינע טעג און יארן. איז ער אויפגעקומען מיט א פלאן, ער האט געדינגען א גוי זאל אים קומען יעדע נאכט וועקן בײ חצות, דער גוי פלעגט קומען צוועלף אזייגער קלאפן אויף זיין פענסטער, ער האט געקלאפט און געקלאפט ביז רבי בער איז אויפגעשטאנען, אבער אזוי ווי ער איז געווען א שוואכער כאראקטער, פלעגט ער נאך זיין זייער מיד, און נאכדעם וואס דער גוי האט אים אויפגעוועקט, האט ער געטראכט צו זיך: 'איך לייג זיך צוריק נאר פאר אפאר מינוט'. פארשטייט זיך אז ער איז געבליבן שלאפן ביז'ן טאג אריין; אזוי איז געווען נאכט נאך נאכט, ווען ער האט געזען אז די עצה העלפט נישט און ער פארשלאפט יעדע נאכט, איז ער געווארן זייער צעבראכן, האט ער געטראכט א צווייטע עצה - ער האט געבעטן דעם גוי אז ער זאל נישט אוועק גיין פון דארט ביז ער קומט ארויס, פון דעמאלט און ווייטער, ווען דער גוי איז געקומען קלאפן אים אויפוועקן און רבי בער האט אים געזאגט אז ער איז שוין אויף און ער קען שוין אהיים גיין, האט אים דער גוי געזאגט: "איך גיי נישט אוועק ביז דו טוסט זיך אן דיינע קליידער, און דו קומסט ארויס - אזוי ווי מיר האבן אפגעשמועסט". דער גוי איז נישט אוועק פון דארט ביז ווי

לַאנְג עֶר אִיז אַרוּים גֶעקוּמֶען, פְלֶעגְט עֶר טַאקֶע אוּיפְשְׁטֵיין וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, אָבֶּער עֶר פְלֶעגְט הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ וֵוייטָאג, בִּיז עֶר אִיז שִׁיעוּר מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן.

וָוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ אוּיסְגֶעגָאסְן זַיין הַארְץ, עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר מִיד וְכוּ', הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "שְׁלָאף אוּן עֶס, נָאר הִיט דִי צַייט", שְׁפֶּעטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דַיין חֲצוֹת וֶועט זַיין דְרַיי אַזֵייגֶער".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן; אֵיינֶער דַארְף שְׁלָאפְן מֶער אוּן אֵיינֶער קֶען שְׁלָאפְן ווֵוינִיגֶער. דֶער עִיקָר דַארְף מֶען הִיטְן דִי צַייט אוּן זִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְשְׁטְרֶענְגֶען. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן פד): "תִּקּוּן הַגּוּף קוֹדֵם תִּקּוּן הַנֶּפֶשׁ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז קוֹדֶם זָאל זַיין גוּף זַיין רוּאִיג אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּיף זַיין נֶפֶשׁ; וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וֶועם עֶר קֶען נִישְׁט בַּייקוּמֶען - דֶער מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ זֵייעֶר עֶרְלִיךְ, קוּמְט עֶר צוּם מֶענְטְשׁ ווִי אַ פְרוּמֶער, עֶר מַאכְט אִים שְׁפִּירְן אַז עֶר טוּט נִישְׁט גֶענוּג, אוּן עֶר פַארְדְרֵייט אִים דֶעם קָאפּ אַז עֶר זָאל פַאסְטְן אוּן טוּן סִיגוּפִים וְכוּ' וְכוּ'. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דֶעם, פַאלְט עֶר אַרָאפּ אוּן עֶר וֶוערְט שְׁוַואךְ, עֶר בְּלַייבְּט לִיגְן אִין בֶּעט אָן

קַיין כֹּחַ, עֶר קֶען נִישְׁט דַאוֶועֶנֶען אוּן נִישְׁט לֶערְנֶען, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעכַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין זַיין פַּאסְטְקֶע.

**דֶערְפַאר** דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן צוּ דֶער זֶעט אוּן שְׁלָאפְן גֶענוּג - וִויפִיל דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף; עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ וִויפִיל שָׁעָה עֶר דַארְף שְׁלָאפְן, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַנְדֶערְשׁ.

**מוֹהַרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט אַסַאךְ קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה גֶעבְּן דְרָשׁוֹת פַאר דִי בָּחוּרִים, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים אַז מֶען זָאל עֶסְן אַסַאךְ, וַוייל אַ בָּחוּר דַארְף עֶסְן צוּ דֶער זֶעט, נָאר דֶער עִיקָר זָאל מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן, אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן: "מְעַט גַם כֵּן טוֹב", אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט; פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען. וַוייל אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט נָאכְמַאכְן אַ צְוֵוייטְן, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיינֶע כּוֹחוֹת, דֶעמָאלְט אִיז עֶר מַצְלִיחַ.

**מוֹהַרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז מֶען זָאל זָאגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן. מוֹהַרָא"ש זָאגְט אַז רוֹב מָאל לֵייגְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ שְׁלָאפְן נָאךְ חֲצוֹת, דֶערְפַאר זָאל מֶען זָאגְן חֲצוֹת נָאךְ קְרִיאַת שְׁמַע, פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

**מֶען** הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיף מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲנוֹת אִיז גֶעוֶוען דָאס, אַז הַיתָּכֵן מוֹהַרָא"ש

זָאגְט מֶען זָאל זָאגְן חֲצוֹת פַאר מֶען לֵייגְט זִיךְ, וֶוען דֶער רֶבִּי זָאגְט בְּפֵירוּשׁ מֶען זָאל 'אוֹיפְשְׁטֵיין' זָאגְן חֲצוֹת (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן שא), אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קֶען אוֹיפְשְׁטֵיין זָאגְן חֲצוֹת - אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן דָאס ווִיל דֶער רֶבִּי, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנִּי שֶׁלֹּא יַטְעֶה אֶתְכֶם הָעוֹלָם, כִּי הָעוֹלָם מַטְעֶה מְאֹד", דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר: דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ, לָאזְט אַייךְ נִישְׁט נַארְן; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נַאכְט נָאךְ נַאכְט אוּן עֶר בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן, זָאל עֶר כָאטְשׁ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת פַאר עֶר גֵייט שְׁלָאפְן. דֶערְפַאר פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְן מֶען זָאל זָאגְן חֲצוֹת פַאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ ווִיסְן אַז מֶען קֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת אַ גַאנְצֶע נַאכְט - בִּיזְ'ן עֲלוֹת הַשַּׁחַר; יֶעצְט ווִינְטֶער וֶוען דִי עֲלוֹת אִיז זַייעֶר שְׁפֶּעט, קֶען מֶען זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף. אִיךְ גֵיי אֵיינְמָאל אַ וָואךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער צוּ קִבְרֵי צַדִּיקִים פַּארְטָאגְס, מִיר זָאגְן דָארְט תִּיקוּן חֲצוֹת, אוּן נָאכְדֶעם זֶעגֶען מִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ טוּ דָאס מִיט זֵיי, ווַייל אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אוּן אִיךְ פְלֶעג פָארְן מִיט מַיין זֵיידֶע קַיין מִירוֹן, מַיין זֵיידֶע הָאט מִיר שׁוֹין אוֹיפְגֶעוֶועקְט צְוֵויי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, אוּן מִיר פְלֶעגְן אַרוֹיפְגֵיין פַארְטָאגְס צוּ דִי מְעָרָה לֶערְנֶען דָארְט אַ גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז וָותִיקִין. פְלֶעג אִיךְ דָארְט זֶען עֶרְלִיכֶע בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים זִיצְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת מִיט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת,

און דָאס איז מיר אַריין אין מַיינֶע בֵּיינֶער; איך וויל אַז מַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן דָאס אויך נָאך מַאכְן, זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**שְׁטַארְק** זיך און בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דו זָאלְסְט זַיין מְסוּדָר, נִישְׁט טוּישְׁן יֶעדְן טָאג צו אַ צְוֵוייטֶע עֲבוֹדָה, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צו אַלֶעם גוּטְס.

## קא

### וֶועלְכֶער סָארְט בָּחוּר זָאל אִיך זוּכְן פַאר מַיין טָאכְטֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף דִי הַאטְלַיין, און אַ דַאנְק דֶעם הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נֵייעֶ וֶועלְט בָּרוּךְ ה'!

מַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ ה' אִין שִׁידוּכִים, זִי אִיז זֵייעֶר גֶערָאטְן בָּרוּךְ ה' און מְ'טְרָאגְט אָן זֵייעֶר גוּטֶע שִׁידוּכִים. מַיין וַוייבּ וויל לְכַתְּחִילָה דַוְקָא אַ בָּחוּר וָואס וֶועט זִיצְן לְכָל הַפָּחוֹת פִינְף יָאר אִין כּוֹלֵל און דֶער מְחוּתָּן זָאל זֵיי אויסְהַאלְטְן, אַזוֹי ווִי רוֹב פון מַיינֶע שְׁוָואגֶערְס. אָבֶּער אִיךְ מֵיין אַז אֵיין יָאר אִיז גֶענוּג, אִיךְ בִּין אויךְ נִישְׁט גֶעוֶוען אִין כּוֹלֵל מֶער פון אַ יָאר, נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן.

בִּכְלַל וויל אִיךְ ווִיסְן ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן וֶועלְכֶער בָּחוּר אִיז טַאקֶע אַ תַּלְמִיד חָכָם? יֶעדֶער שַׁדְכָן פְּרוּבִּירְט צו זָאגְן דִי בֶּעסְטֶע.

אוּנְז וַוארְטְן צו הֶערְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט זָאגְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, י״ב מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען מֶען הֶערְט אוֹיס שִׁידוּכִים דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דִי צַייט לוֹיפְט, אוּן מֶען קֶען פַארְשְׁפִּילְן דִי צַייט; ווִי גֶעלוּנְגֶען אַייעֶר טָאכְטֶער זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, אוּן אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט ווֶען שַׁדְכָנִים לוֹיפְן אַייךְ נָאךְ וְכוּ׳, דַארְפְט אִיר ווִיסְן אַז דָאס הַאלְט נִישְׁט אָן פַאר צוּ לַאנְג. מֶען זֶעט נֶעבֶעךְ זֵייעֶר אַסַאךְ עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ ווָאס ווֶערְן עֶלְטֶער אוּן עֶלְטֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט חַתוּנָה - נָאר ווַייל זֵיי זֶענֶען גֶעווֶען זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶעווֶועלְט אוּן גֶעווֶועלְט, אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְווֶועלְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג.): ״נְחוֹת דַּרְגָּא וּנְסִיב אִיתְּתָא״, גֵיי אַרָאפּ אַ טְרֶעפְּל אוּן הָאבּ חֲתוּנָה; אוֹיבּ אִיז מֶען זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶען דַארְף מֶען אַרָאפּ גֵיין אַ טְרֶעפְּל, דָאס הֵייסְט מֶען זָאל נֶעמֶען אַ שִׁידוּךְ אֲפִילוּ עֶס אִיז ווֵיינִיגֶער חָשׁוּב וְכוּ׳. אִיךְ ווֵייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעשְׁמַאק צוּ הֶערְן, אוּן יֶעדֶער טְרַאכְט: ׳אִיךְ הָאבּ דִי גֶעלוּנְגֶענְסְטֶע׳, ׳אִיךְ הָאבּ דִי בֶּעסְטֶע סְחוֹרָה צוּ פַארְקוֹיפְן׳; זֵייעֶר פֵיין, זֵייעֶר חָשׁוּב, עֶלְטֶערְן זֶענֶען בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הַאלְטְן פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן זִיךְ גְרוֹיסְן מִיט זֵיי, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף צוּ הַאלְטְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ - אֲפִילוּ פַאר אֵיין טָאג.

דֶערְפַאר, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט זֵייעֶר אַ גֶערָאטֶענֶע טָאכְטֶער, אוּן מֶען טְרָאגְט אָן שִׁידוּכִים, זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּ יָאגְן אוּן נִישְׁט זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): "הָאוֹהֵב אֶת אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ, וְהַמְכַבְּדָהּ יוֹתֵר מִגּוּפוֹ, וְהַמַּדְרִיךְ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו בְּדֶרֶךְ יְשָׁרָה, 'וְהַמַּשִּׂיאָן סָמוּךְ לְפִרְקָן', עָלָיו הַכָּתוּב אוֹמֵר (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ"; וֶוער עֶס הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי זִיךְ אַלֵיין, עֶר אִיז מְכַבֵּד זַיין וַוייבּ מֶער וִוי עֶר אִיז זִיךְ אַלֵיינְס מְכַבֵּד. עֶר אִיז מְחַנֵּךְ זַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפִירְן אַזוֹי וִוי מֶען דַארְף אוּן עֶר מַאכְט זֵיי חֲתוּנָה יוּנְגֶערְהֵייט, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב ה, כד): "וְיָדַעְתָּ כִּי שָׁלוֹם אָהֳלֶךָ, וּפָקַדְתָּ נָוְךָ, וְלֹא תֶחֱטָא"; אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן חֲזַ"ל (סַנְהֶדְרִין ק:): "בַּת לְאָבִיהָ מַטְמוֹנֶת שָׁוְא, מִפַּחְדָּהּ לֹא יִשַׁן בַּלַּיְלָה, בְּקַטְנוּתָהּ שֶׁמָּא תִתְפַּתֶּה, בְּנַעֲרוּתָהּ שֶׁמָּא תִּזְנֶה, בָּגְרָה שֶׁמָּא לֹא תִנָּשֵׂא"; דֶערְפַאר טָאר מֶען נִישְׁט זַיין קְלוֹיבֶּערִישׁ, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט פַארְשְׁפִּילְן דִי צַייט.

וֶוען מֶען זוּכְט אַ בָּחוּר צוּ נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם דַארְף מֶען בְּעִיקָר קוּקְן אוֹיף צְוֵויי נְקוּדוֹת, דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען קוּקְן צִי עֶר הָאט גוּטֶע מִידוֹת - דָאס קוּמְט פַאר אַלֶעס, אוּן דָאס אִיז ווִיכְטִיגֶער פוּן אַלֶעס. נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זֶען צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם; מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען אַ בָּחוּר צִי עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי דֶער בָּחוּר דַאוֶוענְט. אַ בָּחוּר מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם דַאוֶוענְט אִין אַ סִידוּר אוֹיף אֵיין

פְּלַאץ, מַה שֶׁאֵין כֵּן אַ בָּחוּר וָואס הָאט נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם זֶעט מֶען גְלַייךְ ווִי אַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט; עֶר דַאוֶוענְט אָן אַ סִידוּר, דְרֵייְדְט זִיךְ פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְווייטְן, לוֹיפְט אַהִין אוּן צוּרִיק וְכוּ'. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט ווִיסְן צִי דֶער בָּחוּר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, וֶוער גֶעווּאוֹיר ווִי אַזוֹי דֶער בָּחוּר דַאוֶוענְט, גֵיי אַהִין אוּן בַּאטְרַאכְט ווִי אַזוֹי עֶר דַאוֶוענְט, וֶועסְטוּ שׁוֹין אַלֶעס זֶען.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז דֶער עִיקָּר פּוּנֶעם מֶענְטְשׁ אִיז דִי מִידוֹת; יָא לֶערְנֶען נִישְׁט לֶערְנֶען - דָאס קֶען מֶען זִיךְ טוֹישְׁן. מֶען זֶעט זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעלָאזְט דָאס לֶערְנֶען, אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט אַזוֹי פְלַייסִיג אַלְס בָּחוּר, אוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען; זֵיי הָאבְּן גוּט חֲתוּנָה גֶעהַאט, זֵייעֶרֶע ווַייבֶּער הָאבְּן זֵיי מְחַזֵּק גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן אַ שִׁיעוּר, צוּ הָאבְּן אַ רָב וְכוּ', אוּן זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן נִתְהַפֵּךְ גֶעוָוארְן לְטוֹב. אָבֶּער מִידוֹת - דָאס אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ טוֹישְׁן; אוֹיבּ הָאט דֶער בָּחוּר נִישְׁט קַיין גוּטֶע מִידוֹת, קוּמְט אַרוֹיס דֶער גַאנְצֶער אֱמֶת נָאכְדֶעם וָואס דִי שֶׁבַע בְּרָכוֹת עֶנְדִיגְט זִיךְ, מֶען טְרֶעפְט זִיךְ מִיט אַ חַיָּה אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה.

**דֶערְפַאר** פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט דִי שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט מִיר - אֵיין יָאר כּוֹלֵל, צְווֵיי יָאר כּוֹלֵל, פִינְף יָאר כּוֹלֵל; דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיף וָואס מֶען דַארְף קוּקְן,

מִמָּה נַפְשָׁךְ - אִיז עֶר אַ מַתְמִיד, עֶר אִיז מַצְלִיחַ אִין לֶערְנֶען, פַארְוָואס זָאל עֶר נָאר לֶערְנֶען פִינְף יָאר אִין כּוֹלֵל, זָאל עֶר מַמְשִׁיךְ זַיין אַ גַאנְץ לֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה וְכוּ', הַאלְט עֶר נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען - טָאר עֶר נִישְׁט זִיצְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג אִין כּוֹלֵל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן י): "אִישׁ בָּטֵל שֶׁאֵין עוֹסֵק בְּשׁוּם עֵסֶק, עַל יְדֵי זֶה תַּאֲוָותוֹ מְרֻבָּה וְכוּ', וּמְדַבֵּר דִּבְרֵי טִינוּף תָּמִיד", וֶוער עֶס גֵייט לֵיידִיג, עֶר טוּט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, זֶעגֶען זַיינֶע תַּאֲווֹת זֵייעֶר גְרוֹיס וְכוּ', אוּן עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג שְׁמוּצִיג; דָאס זֶעט מֶען לַיידֶער בַּיי אִינְגֶעלֵייט וָואס הַאלְטְן נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען אוּן גֵייעֶן לֵיידִיג, זֵיי וָואלְטְן גֶערְן גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן, נָאר זֵיי הָאבְּן מוֹרָא וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זָאגְן וְכוּ', מְמֵילָא זִיצְן זֵיי אִין כּוֹלֵל אוּן טוּעֶן גָארְנִישְׁט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת נט:): "הַבַּטָּלָה מְבִיאָה לִידֵי שִׁעֲמוּם", גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל מְשׁוּגָע וֶוערְן, "לִידֵי זִמָּה", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים צוּ טוּן עֲבֵירוֹת; דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ קוּקְסְט אוֹיף אֵיין יָאר כּוֹלֵל, צְוֵויי יָאר כּוֹלֵל, דְרֵיי יָאר כּוֹלֵל; דֶער עִיקָר דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף גוּטֶע מִידוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אָן תְּפִילָּה אִיז גָארְנִישְׁט דָא; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן פַאר דַיין טָאכְטֶער אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, אַ בַּעַל מִידוֹת טוֹבוֹת,

ווייל שִׁידוּכִים הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג): "מָצִינוּ בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי תּוֹרָה אוּן נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

**נָאר** דוּרְךְ תְּפִילָה וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ חֲתוּנָה מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת רַחֲמָנוּת, סִימָן יא): "עַל יְדֵי בַּקָּשַׁת רַחֲמִים, זוֹכֶה לַעֲשׂוֹת שִׁידּוּכִים טוֹבִים וְהֲגוּנִים", דוּרְךְ תְּפִילָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ טוּן גוּטֶע שִׁידוּכִים; זֶעט מֶען אַז נָאר תְּפִילָה אִיז דִי עֵצָה צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ - סַיי פַאר זִיךְ אוּן סַיי פַאר דִי קִינְדֶער. קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְן יוּנְג אוּן גְרִינְג, וֶועסְטוּ זֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קב

## איך הָאב אַ שְׁווערֶע אַרְבֶּעט, און מֶען צָאלְט מִיר וֵויינִיג.

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, אִיךְ מִיט מַיינֶע חֲבֵרִים הֶערְן דָאס אוֹיס כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, און מִיר זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה דֶערְמִיט.

מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ ה' אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, און מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדֶע וָואךְ דִי חוּמָשׁ. אוֹיךְ לֵיין אִיךְ דִי בְּרִיוְון, און אַסַאךְ בְּרִיוְון זֶענֶען מַמָּשׁ ווִי גֶעשְׁרִיבְּן פַאר מִיר.

אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אַרְבֶּעטְן גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה, און מַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט 11 דָאלֶער אַ שָׁעָה, און נָאךְ אַ יָאר אִיז עֶר אַרוֹיף צוּ 12 דָאלֶער אַ שָׁעָה, אָבֶּער אֲפִילוּ נָאךְ צְוֵויי יָאר ווִיל עֶר נִישְׁט גֶעבְּן מֶער, אוֹיךְ הַאלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן שְׁרַייעֶן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ, און דִי אַרְבֶּעט אִיז מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער צוּ דֶעלִיוֶוערְן בַּאקְסֶעס.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיסְגֵיין אָבֶּער אִיךְ צִיטֶער אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין דְזָשאבּ, און נִישְׁט קֶענֶען צָאלְן דִי רֶענְט. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ מוֹרָא אַז מַיין ווַייבּ און מַיין מִשְׁפָּחָה וֶועלְן מִיר אָנְקוּקְן ווִי אַ שְׁלִימַזְל וָואס טוֹישְׁט יֶעדְן טָאג צוּ אַ נַייעֶ אַרְבֶּעט. אִיךְ פִיל מַמָּשׁ ווִי אִיךְ וֶוער דֶערְשְׁטִיקְט און אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט אַ עֵצָה גֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז דָא אַ דִיבּוּר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "אַ פַּרְנָסָה טָאר מֶען נִישְׁט אַוֶועק וַוארְפְן, נָאר דִי פַּרְנָסָה זָאל דִיר אַוֶועק וַוארְפְן"; דָאס מֵיינְט מֶען נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת וָואס שְׁרַייט אוּן פַארְשֶׁעמְט זַיין אַרְבֶּעטֶער אַז מֶען אִיז מְחוּיָּב צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי אִים אַ גַאנְץ לֶעבְּן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת פִּירְט זִיךְ אוֹיף שֵׁיין צוּ אִים, אוֹיבּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת שְׁרַייט אוּן פַארְשֶׁעמְט, אִיז זִיכֶער כְּדַאי צוּ טוֹישְׁן צוּ אַ צְוֵוייטֶע אַרְבֶּעט.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עַיֵּין קִידּוּשִׁין כב:): "פַארְוָואס בָּארְט מֶען דִי אוֹיעֶר פוּן אַן עֶבֶד עִבְרִי, וַוייל מֶען ווִיל אִים זָאגְן מִיט דֶעם, אֹזֶן שֶׁשָּׁמְעָה עַל הַר סִינַי (וַיִּקְרָא כה, נה): כִּי לִי בְנֵי יִשְׂרָאֵל עֲבָדִים, וְלֹא עֲבָדִים לַעֲבָדִים, וְהָלַךְ וְקָנָה אָדוֹן לְעַצְמוֹ, תֵּרָצַע", דֶער אוֹיעֶר וָואס הָאט גֶעהֶערְט: 'צוּ מִיר זֶענֶען דִי אִידְן קְנֶעכְט, אוּן נִישְׁט קְנֶעכְט פַאר קְנֶעכְט', מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען פַארְדִינְגֶען פַאר אַ קְנֶעכְט צוּם קְנֶעכְט - זָאל מֶען בָּארְן זַיין אוֹיעֶר.

**אַ** אִיד אִיז אַן עֶבֶד נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַוַדאי דַארְף מֶען בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, מֶען נֶעמְט אַן אַרְבֶּעט וְכוּ', אָבֶער

אוֹיבּ יֶעֶנֶער נוּצְט דִיר פַּאר אַ קְנֶעכְט - דָאס שׁוֹין נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַן עֶבֶד נָאר פַּארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): דְרַיי שְׁלִיסְלֶעךְ לִיגְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, דִי שְׁלִיסְל פוּן קִינְדֶער אוּן דִי שְׁלִיסְל פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "בְּמַעֲרָבָא אָמְרֵי אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען: אוֹיךְ דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה; זֶעט מֶען פוּן דָא אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, טָאר עֶר זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ קְלַאפְּן אוּן וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, טְרַאכְטְנְדִיג: 'אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל', 'אִיךְ טוֹיג אוֹיף גָארְנִישְׁט', וַוייל פַּרְנָסָה הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ, פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן אַ צְוֵויטְן אֲפִילוּ אֵיין פְּרוּטָה, נָאר יֶעדֶע זַאךְ קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי אַלֶע וָואס לֶעבְּן מִיט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי אַרָאפּ קוּקְן, זֶענֶען בֶּאֱמֶת אַרָאפּ גֶעקוּקְט בַּיי זִיךְ אַלֵיינְס; אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק, עֶר וֵויסְט אַז עֶר טוּט גוּט. עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער - אַזַא מֶענְטְשׁ אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף אִים.

דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ אַלֵיין, דֶערְפַאר טְרַאכְסְטוּ: 'אֶפְשָׁר וֶועט מַיין וַוייבּ מִיךְ אַרָאפּ קוּקְן?' 'אֶפְשָׁר וֶועט מִיךְ מַיין מִשְׁפָּחָה אַרָאפְּקוּקְן?' 'וָואס וֶועט דֶער זָאגְן אוֹיף מִיר?' 'וָואס וֶועט יֶענֶער טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?' וְכַדוֹמֶה; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, אַז עֶס זָאל אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס אַ צְוֵוייטֶער זָאגְט אוֹיף אִים אוּן טְרַאכְט אוֹיף אִים.

מוֹהַרָא"שׁ פְּלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן דִי פָאלְגֶענְדֶע מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט פֶּסַח בַּיינַאכְט וִוי אַ פְּשׁוּטֶ'ער אִיד וֵויינְט בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "תָּם מָה הוּא אוֹמֵר?" עֶר הָאט עֶס אִיבֶּער גֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָא צוּ וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִיךְ זֶע אִין דִי הַגָּדָה אַז דֶער חָכָם זָאגְט עֶפֶּעס, דֶער רָשָׁע זָאגְט עֶפֶּעס, וָואס גֵייט מִיר אָן וָואס דֶער חָכָם זָאגְט אוֹיף מִיר, וָואס דֶער רָשָׁע הַאלְט פוּן מִיר, אָבֶּער "תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר"? עֶר וַוייזְט מִיטְ'ן פִינְגֶער אַרוֹיף אוֹיבְן, וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר אוֹיבְן אִין הִימְל, (אוֹיף רוּסִישׁ זָאגְט מֶען 'דָארְט' - תָּם), דֶערְפַאר וֵויינְט עֶר: "'תָּם, מָה הוּא אוֹמֵר?' וָואס זָאגְט מֶען אוֹיבְן אוֹיף מִיר; דֶער הַאלְט אַז אִיךְ בִּין אַ בַּטְלָן, דֶער

הַאלְט אַז אִיךְ בִּין אַ שְׁלִימַזָל, אָבֶּער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הַאלְסְטוּ פוּן מִיר? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וַוייז מִיר אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, וַוייז מִיר אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ".

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶעם יָאר בִּין אִיךְ אַרַיין אִינֶעם צֶענְטְן יָאר פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ יְשִׁיבָה; מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר כְּסֵדֶר: "וִוי אַזוֹי הָאסְטוּ גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין אֵיינֶער אַלֵיין, בִּשְׁעַת יֶעדֶער הָאט גֶעלַאכְט פוּן דִיר, מֶען הָאט גֶעמַאכְט הַפְגָּנוֹת אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף דַיין וַוייבּ, מֶען הָאט גֶעוָוארְפְן פַאשְׁקֶעוִוילְן, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מְסִירוֹת וְכוּ'"; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר דָאס, אָבֶּער אִיךְ פַארְשְׁטֵיי בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דִי קַשְׁיָא אִיז, וָואס אִיז דִי גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אָנְצוּגֵיין וֶוען מֶען לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, וואוּ קוּמְט בִּכְלָל אַרַיין אַ צְוֵוייטֶער אִינֶעם בִּילְד? עֶס הָאט מִיר בִּכְלָל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף מִיר - לְטוֹב צִי לְרָעָה, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'וָואס הָאבּ אִיךְ מִיט יֶענֶעם?' 'וֶוער אִיז דֶער יֶענֶער?' 'דֶער יֶענֶער פַארְוֶועם אִיךְ שְׁטֶעל מִיךְ אַהֶער קֶען מִיר בִּכְלַל הֶעלְפְן?' 'אִיךְ זָאל טוּישְׁן מַיין לֶעבְּן צוּלִיבּ אַ צְוֵוייטְן?'

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ קִינְד בִּין אִיךְ אַמָאל גֶעוֶוען מִיט מַיין טַאטֶע אִין אַ פַארְם; גֶעדֶענְק אִיךְ וִוי אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי קוּעֶן אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן שְׁטְרוֹי, אַזוֹי שְׁטֵייעֶנְדִיג דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט מַיין טַאטֶע: "וָואס טְרַאכְט דֶער קוּ וֶוען

ער קוּקְט מִיט זַיְינֶע קֶעלְבֶּערְנֶע אוֹיגְן?" הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט: "טְרַאכְט נִישְׁט 'וָואס טְרַאכְט אַ קוּ', וַוייל עֶר טְרַאכְט נִישְׁט"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן טְרַאכְטְן: 'וָואס וֶועט מַיין מִשְׁפָּחָה טְרַאכְטְן אוֹיף מִיר?' קוֹדֶם כֹּל, וֶוער הָאט צַייט צוּ טְרַאכְטְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, יֶעדֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיין אֵייגֶענֶע חַיִּים טוֹבִים, אוּן אֲפִילוּ יֶענֶער זָאל יָא טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט אַ בַּטְלָן, וָואס הָאסְטוּ מִיט יֶענֶעם.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיין וַוייב; זִי וֶועט דִיר אָנְקוּקְן ווִי אַזוֹי דוּ וֶועסְט זִיךְ אַהֶער שְׁטֶעלְן; בִּיסְטוּ אַ בַּטְלָן - וֶועט זִי דִיר אָנְקוּקְן ווִי אַ בַּטְלָן, בִּיסְטוּ נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, נָאר דוּ הָאסְט גֶענוּמֶען אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה וַוייל דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער, עֶר שְׁרֵייט אוֹיף דִי אַרְבֶּעטֶער - וואוּ קוּמְט אַרַיין דָא בַּטְלָן? זִי וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט אַ פַּרְנָסָה וואוּ מֶען שְׁרֵייט נִישְׁט אוֹיף דִיר, זִי וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן הָאט אַ פַּרְנָסָה וואוּ מֶען אִיז אִים מַחְשִׁיב.

**עֶס** אִיז שְׁוֶוער צוּ עֶנְטְפֶערְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת וֶוען אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט פֶּערְזֶענְלִיךְ וְכוּ', אָבֶּער מְחַזֵּק זַיין אַ צְוֵוייטְן - אֲפִילוּ מֶען קֶען אִים נִישְׁט - דָאס קֶען מֶען יָא; דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ דִיר מְחַזֵּק זַיין. אָחִי הַיָּקָר, שְׁטַארְק זִיךְ, גֵיי אַרַיין אִין אֱמוּנָה, חַזֵּר דִיר דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן אוֹיף דִי וֶועלְט - נָאר דֶער אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז עֶר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אִיז אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, אַלֶעס אִיז נָאר עֶצֶם עַצְמִיּוּת הַחִיּוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ. ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הַזֶר'ט אֱמוּנָה וֶוערְט עֶר מֶער אוּן מֶער אוֹיפְגֶעבּוֹיט, מֶען וֶוערְט זֶעלְבְּסְט שְׁטֶענְדִיג אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ זֶעלְבְּסְט זִיכֶערְקֵייט.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז פַאר מֶען טוּט אַ זַאךְ דַארְף מֶען זִיךְ דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוֹיב דוּ וֵוייסְט נִישְׁט צִי דוּ זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה אָדֶער דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן בַּיי דַיין אַלְטֶע פְּלַאץ, שְׁמוּעֶס דִיר אוֹיס דַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם ווִיסְן וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין פַאר אֵיינֶער וָואס הָאט נָאךְ נִישְׁט טוֹעֵם גֶעוֶוען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, וָואס מֶען שְׁפִּירְט וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, ווִי אַזוֹי מֶען בַּאקוּמְט צוּרִיק תְּשׁוּבוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אִים, ווִי אַלֶעס אִיז אַזוֹי קְלָאר, מֶען וֵוייסְט אַז וָואס מֶען טוּט אִיז גוּט, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט צוּרִיק, מֶען עֶסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף דָאס הַארְץ מִיטְ'ן טְרַאכְטְן: 'אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעדַארְפְט טוּן', 'אִיךְ הָאבּ אַהֶער גֶעדַארְפְט טוּן', נָאר מֶען אִיז זִיכֶער מִיט זִיךְ וַוייל מֶען הָאט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט פַארְדֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קג

## "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" הֶעלְפְט נָאר פַאר שׁוֹגֵג? ווִי אַזוֹי פַארְרֶעכְט מֶען אַ מֵזִיד?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, 16 יָאר אַלְט, אִיךְ הֵייס ...., אִיךְ וואוֹין אִין ... אוּן אִיךְ לֶערְן דָארְט אִין יְשִׁיבָה. אִיךְ הָאבּ זִיךְ אֵייבִּיג זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לֵיידֶער זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל מוֹצִיא גֶעוֶוען זֶרַע לְבַטָּלָה, עֶס בַּאדֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אָבֶער אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג גֶעווּאוּסְט אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן, הָאבּ אִיךְ דִי "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אוּן אִיךְ קֶען מְתַקֵּן זַיין וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט דִי "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" נָאר פַאר מִקְרֶה לַיְלָה, נִישְׁט וֶוען מֶען צִיט אַלֵיינְס אַרוֹיס דִי זֶרַע, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דִי הַארְבְּקֵייט פוּן טוּן דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעטוּן אַזוֹי סַאךְ, עֶס עֶסְט מִיר אוֹיף דָאס גֶעזוּנְט וַוייל אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

נָארְמַאל וֵוייס אִיךְ אַז מֶען קֶען פָּשׁוּט בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער: "זַיי מִיר מוֹחֵל", אָבֶער בַּיי דִי עֲבֵירָה וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ מֶען קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, בִּיטֶע זָאגְט מִיר ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹי סַאךְ זַאכְן וָואס אִיךְ ווִיל זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אַייךְ, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ טַייפְּן אַזוֹי לַאנְג. בִּיטֶע זָאגְט מִיר וָואס אִיךְ קֶען טוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהאַלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**דֶער** זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (וַיְחִי ריט:): "אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה, און עֶר וֶועט נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ, עֶס אִיז מַמָשׁ אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ הַרְגֶ'עט אוֹיס זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּיב מִיתָה; "רֶבִּי יִצְחָק וְרֶבִּי אַמִי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים", רֶבִּי יִצְחָק און רֶבִּי אַמִי זָאגְן, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה און שְׁפִיכַת דָמִים. "רַב אַסִי אָמַר כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אָבֶּער** זָאלְסְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן, ווייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר און אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הוֹיבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, מִיט זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ; אִיךְ זָאג - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית". דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן פַאר דִי עֲבֵירָה - דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי": דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען (קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים דַארְף גָארְנִישְׁט זָארְגְן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז אַסַאךְ צַדִיקִים הָאבְּן גֶעוָואלְט מַשִׂיג זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט מַשִׂיג זַיין; אַ טֵייל זֶענֶען אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט פַאר זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן, אוּן אַ טֵייל צַדִיקִים הָאבְּן יָא אָנְגֶעהוֹיבְּן מַשִׂיג צוּ זַיין דֶעם תִּיקוּן, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִפְטָר גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן, אָבֶּער מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאב גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין דֶעם תִּיקוּן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי נָאךְ תְּפִילַת שַׁחֲרִית, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעם וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אַרֵיין לֵייגְן אִין אָנְהוֹיב פוּן דִי תְּהִילִים וָואס עֶר הָאט גֶעדְרוּקְט (דֶער תְּהִלִים מִיט'ן פֵּירוּשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ) אַלֶע מִזְמוֹרִים פוּן תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוּן שְׁרַייבְּן דָארְט אַז דָאס אִיז אַ סְגוּלָה אוּן אַ תִּיקוּן פַאר

פְּגַם הַבְּרִית, כְּדֵי אַז אַלֶע זָאלְן ווִיסְן דִי עֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים פוּנֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. וַוייל אַז מֶען זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ אִיז מֶען פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען הָאט מְתַקֵּן גֶעוֶוען וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אִיז אַ תִּיקּוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית - סַיי בְּשׁוֹגֵג אוּן סַיי בְּמֵזִיד, סַיי בְּאוֹנֵס אוּן סַיי בְּרָצוֹן, סַיי בְּדִיבּוּר אוּן סַיי בְּמַעֲשֶׂה, סַיי בְּהִרְהוּר, סַיי בְּמַחֲשָׁבָה אוּן סַיי בִּרְאִיָּה; דֶער רֶבִּי הָאט בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס, אוּן וֶוער עֶס זָאגְט יֶעדְן טָאג דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי וֶועט זִיכֶער אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין. מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים, גְלֵייבְּן אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעזָאגְט אוּן אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע תִּקּוּנִים.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין שְׁטַארְק, וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים:

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; עֶר זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ ווּאוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, ווִי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן ווִיפִיל מָאל עֶר ווִיל זַיין גוּט פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק.

**דֶערְפַאר** אָחִי הַיָקָר, טַייעֶרער בְּרוּדֶער, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן יֶעדְן טָאג זָאלְסְט אַהִינְגֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, אוּן ווִי עֶר וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעווָאוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיס צוּ רַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן. גֶעבּ מִיר רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוּוִים, שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפֶּס. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נִאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ רֶעד זִיךְ אַיין אַז דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ קֶען

שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן". אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער וואוּ דוּ לִיגְסְט.

**וזיסְן** זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט בַּיי אִים אוֹיסְגֶעלָאשְׁן זַיין אֱמוּנָה, עֶר הֵייבְּט אָן הָאבְּן סְפֵיקוֹת מִיט בִּלְבּוּלִים, עֶר גֵייט אַרוּם זֵייעֶר דֶעפְּרֶעסְט, עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ אַז קֵיינֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן לא): בְּרִית מִיט אֱמוּנָה גֵייט צוּזַאמֶען, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פט, כט): "וּבְרִיתִי נֶאֱמֶנֶת לוֹ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן פְּגַם הַבְּרִית; עֶר הִיט זַיינֶע אוֹיגְן אוּן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט, מֶען נִישְׁטֶערְט אִין שְׁמוּץ, מֶען קוּקְט עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט דִי אֱמוּנָה אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אוּן מֶען וֶוערְט אַ דֶעפְּרֶעסְטֶער מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ פוּן יֶעצְט זַיין שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע וָוארְט וָואס דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים אוּן עֶר הָאט דִיר לִיבּ.

**זֶע** צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ, דָאס אִיז אַ תִּיקוּן פַאר פְּגַם הַבְּרִית,

אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן יט) **אַז** שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם אִיז אַ תִּיקּוּן הַבְּרִית; אוֹיבּ זֶעסְטוּ אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַפָּאר מִינוּט לֵייג אוֹיךְ צוּ רַשִׁ"י.

**זֶע** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, וַוייל מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה"; וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנַיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶּה אִינְגַאנְצְן אוּן עֶר וֶוערְט רֵיין. מִשְׁנַיוֹת שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז מִשְׁנָה אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת (תְּהִילִים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי", אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחֲמָנָא לִצְלָן אַרַיינְגֶעפַאלְן.

**אוֹיבּ** דוּ קֶענְסְט זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן לוֹיטֶער, עֶס גֶעבְּט צוּרִיק דֶעם מֹחַ פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶעריסְן זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, וַוייל דִי זֶרַע קוּמְט פוּנֶעם מֹחַ, אוּן אַז מֶען זִינְדִיגְט וֶוערְט דֶער מֹחַ אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט וְכוּ', אוּן וֶוען מֶען זָאגְט אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק אַ קְלָארֶע מֹחַ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קד

## פַארְוָואס אִיז דֶער נֵייעֶר בִּנְיָן אִין אוּמַאן אַזוֹי וַוייט פוּן צִיּוּן?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם וִויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שֵׁיינֶע נֵייעֶ שִׁיעוּרִים פוּן גְּמָרָא און נַ"ךְ וָואס מֶען הָאט לֶעצְטְנְ'ס אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב". בִּשְׁעַת'ן אַרְבֶּעטְן הֶער אִיךְ דָאס אוֹיף מַיינֶע עִיר פָּאוּנְס. אַמָאל פְלֶעג אִיךְ אוֹיסְהֶערְן יֶעדֶע דְרָשָׁה/שִׁיעוּר, הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא בָּרוּךְ ה' אַזוֹי סַאךְ שִׁיעוּרִים אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְיָאגְן אוֹיסְצוּהֶערְן אַלֶע שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם בְּרִיוו פוּן יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ [ב] וואו דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אַז עֶר גֵייט אַרַיין אִין חוֹבוֹת אַלֶעם פַאר אוּנְז (תַּלְמִידִים), און דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁרַייבְּט אַז עֶר אִיז אַנְטוֹישְׁט אַז מֶען הֶעלְפְּט אִים נִישְׁט אַרוֹיס.

---

ב. אוֹיסְצוּג פוּן אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, דַאטִירְט: יוֹם א' פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, ב' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן:

אִיךְ שְׁלֶעפּ אַ בַּארְג חוֹבוֹת, און אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ דֶערְצוּ; אִיךְ בִּין יֶעצְט אַרַיין אִין טִיפֶע חוֹבוֹת מִיט דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז וֶוען אִיךְ וֶועל בֶּעטְן מַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן מִיר הֶעלְפְן, וֶועלְן אַלֶע קוּמֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט מִיר צוּ הֶעלְפְן וְכוּ', דֶערְוַוייל זֶע אִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, בְּלוֹיז גֶעצֵיילְטֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט גֶעלְט, רוֹב מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג און אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אִין חוֹבוֹת. יֶעצְט קוּמְט ווינְטֶער און אִיךְ מוּז עֶנְדִיגְן גִיסְן דִי צֶעמֶענְט, ווייל אַז אִיךְ וֶועל עֶס לָאזְן שְׁטֵיין אַזוֹי ווִי עֶס אִיז, וֶועט עֶס מִיר קָאסְטְן נָאכְדֶעם אַסַאךְ מֶער, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט גִיסְן וַוייטֶער דִי צֶעמֶענְט ווייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ מֶער אוֹיף חוֹבוֹת.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואוּ צוּ גֵיין בֶּעטְן גֶעלְט - נָאר פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים; פַאר יֶעדֶע צְוֶועק קֶען מֶען אַרוּם גֵיין אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט בֶּעטְן גֶעלְט און יֶעדֶער וֶועט גֶעבְּן, אָבֶּער פַאר בְּרֶסְלֶב - בִּפְרַט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ - וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבְּן, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פוּן וֶועם אִיךְ קֶען בֶּעטְן: "הֶעלְפְט מִיר" - זֶענֶען מַיינֶע תַּלְמִידִים. וֶוען אַלֶע תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה וָואלְטְן צוּגֶעלֵייגְט אַ פְלֵייצֶע צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן וָואס אִיךְ בּוֹי פַאר עֶנְק, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אַרַיינְגֵיין דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן, אָבֶּער לְעֵת עַתָּה זֶעט נִישְׁט אוֹיס אַז עֶס זָאל אַזוֹי שְׁנֶעל פַארְטִיג וֶוערְן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס אִיז דָא וָואס גֶעבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר'ן נֵייעֶם בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז וַוייל דֶער נֵייעֶר בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיז זֵייעֶר אַרוֹיס פוּן גֶעגְנְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט אַז עֶס אִיז מֶער פוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט אַוֶועק פוּן פֶּעדֶערְ'ס, עֶס אִיז צוּ וַוייט (וֶוען עֶס אִיז מֶערְסְטְנְס פִינְף-צֶען מִינוּט אַוֶועק פוּן פֶּעדֶערְ'ס וָואלְט מֶען עֶנְדֶערְשׁ גֶעגֶעבְּן) אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן ווִילְן זַיין נֶענְטֶער צוּם צִיוֹן, מֶען זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם צִיוֹן וֶוען מֶען ווִיל.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט זִיכֶער אַ סִיבָּה פַארְוָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען דִי פְּלַאץ אַזוֹי וַוייט, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעטְן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר עֶנְטְפֶערְן פַארְוָואס מֶען הָאט גֶענוּמֶען אַזוֹי וַוייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ גֶעבְּן מֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

---

אִיךְ וֶוענְד זִיךְ צוּ מַיינֶע טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים שֶׁיִּחְיוּ: הֶעלְפְט מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן; הֶעלְפְט מִיר מִיט דִי סְקוּל אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן הָאבְּן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ לֶערְנֶען. אוּן וֶוער עֶס וֶועט מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן דִי מוֹסָד וֶועט הָאבְּן נַחַת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט; אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אַלֶע וֶועלְן מִיר הֶעלְפְן, בִּיז דֶערְוַוייל שְׁטֵיי אִיךְ אִין חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען נָאר פַאר עֶנְק. גְלֵייבּ מִיר, פַאר מִיר נֶעם אִיךְ גָארְנִישְׁט פוּן דִי יְשִׁיבָה; דֶעם זְמַן הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי צֶענְטֶע יָאר פוּן וֶוען דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין גֶעהַאלְט פוּן דִי יְשִׁיבָה פוּן וֶוען דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט, אִיךְ נֶעם נִישְׁט פַאר מִיר גָארְנִישְׁט, צֶען יָאר בִּין אִיךְ רֹאשׁ יְשִׁיבָה נָאר פַאר עֶנְק, אוּן אִיךְ נֶעם נִישְׁט קַיין גֶעהַאלְט וְכוּ'. גְעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הֶעלְפְט מִיר יֶעדְן טָאג אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַלֶע מַיינֶע חוֹבוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ אִיז נָאר פַאר דִי יְשִׁיבָה, פַאר דִי חֵדֶר, פַאר דִי מֵיידְל סְקוּל, פַאר קֶעמְפּ, אוּן יֶעצְט פַאר דֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן אִין אוּמַאן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט אַ גְרוֹיסֶע טָאוֹול אִין יְשִׁיבָה צוּ מְפַרְסֵם זַיין אַלֶע תַּלְמִידִים וָואס הֶעלְפְן מִיט דֶעם בִּנְיָן אוּן אוּמַאן, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז עֶס וֶועט זִיךְ גְלַייךְ אָנְפוּלְן, דֶערְוַוייל אִיז עֶס לֵיידִיג; דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל דִיר קֶענֶען הֶעלְפְן. אַז דוּ וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי מוֹסָד וֶועסְטוּ הֲנָאָה פוּן דֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרִיבֶּער גֶעצוֹיגְן קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם צִי עֶס אִיז דָא אַ גוּטֶע פְּלַאץ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת וואוּ מֶען קֶען זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט יֶענֶער גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז עֶס אִיז דָא זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאץ בַּיים עֶק שְׁטָאט, אַ שֵׁיינֶער הֵייל, אָבֶּער עֶס אִיז זֵייעֶר וַוייט אַהִין צוּ גֵיין, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וַוייט? וִוי וַוייט אִיז פוּן מוֹיל בִּיזְ'ן הַארְץ?" דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיס בְּרֶענְגֶען אַז מֶען קֶען שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן טְרִיט וָואס מֶען גֵייט אַהִין, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ צוּרִיק, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן וַוייט? וִוי וַוייט אִיז פוּנֶעם מוֹיל בִּיזְ'ן הַארְץ.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר גֵייעֶן שׁוֹין עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן וָואס מִיר בּוֹיעֶן אִין אוּמַאן, מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע ווינְקֶעלֶע, רֵיינֶע ד' אַמּוֹת, וואוּ מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אָן קַיין דְרֵיידְלֶעךְ אוּן אָן קַיין פְּשֶׁעטְלֶעךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פָאְרן מִיר קַיין אוּמַאן - אָן קַיין פְּשֶׁעטְלֶעךְ; דֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי אִיז אִין "הַר צִיּוֹן", דֶער זָאגְט דֶער רֶבִּי

אִיז אִין "מִירוֹן" - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע דִמְיוֹנוֹת, אָבֶּער בָּרוּךְ ה' מִיר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶעם עֶרְשְׁטְן נָאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה פִיר אִיךְ אַרִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מֶענְטְשְׁן"; דֶערְפַאר פָארְן מִיר קַיין אוּמַאן, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט קַיין אוּמַאן דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז כְּדֵי צוּ זַיין פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן דַארְף מֶען פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, מֶען דַארְף לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

וְזִיסְן זָאלְסְטוּ אַז צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד דַארְף מֶען לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד", אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט תּוֹרָה קֶען נִישְׁט זַיין קַיין חָסִיד; אַזוֹי אוֹיךְ אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וִוי אַזוֹי קֶען עֶר זִיךְ פַארְרוּפְן אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד?

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִיבּוּץ בַּיים רֶבִּי'ן וֶוערְט גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער - כֵּן יִרְבּוּ; וֶוער עֶס קֶען גוּט רֶעכֶענֶען זֶעט אַז בִּיז אַפָּאר יָאר וֶועט זִיךְ טָאפְּלֶען אוּן טְרִיפְּלֶען דִי צָאל מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל מִיט קַארְגֶע צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק זֶענֶען

גֶעוֶוען קוים צְוֵויי טוֹיזְנְט אִידְן, בָּרוּךְ ה' עֶס הָאט זִיךְ גֶעטָאפְּלְט און גֶעטְרִיפְּלְט, אוּן בִּיז אַפָּאר יָאר וֶועלְן זַיין דָארְט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן. מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע זְמַנִים - יֶעדֶער אִיז צֶעבְּרָאכְן, יֶעדֶער אִיז צֶעקְלַאפְּט, אַלֶע לֶעבְּן נָאךְ אַבִּיסְל חִיזוּק, "אוּן אִיךְ הֵייל זֵי" - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס); דֶער רֶבִּי הָאט חִיזוּק פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדֶע מַצָּב וָואס עֶר זָאל נָאר אַרִיבֶּער גֵיין, דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַריין אַזָא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין אוּנְז, אַז מֶען לֶעבְּט ווי אִין אַן אַנְדֶערֶע וֶועלְט, מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ און מֶען הָאט כֹּחַ אַרִיבֶּער צוּ טְרָאגְן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ זַיין סָמוּךְ וְנִרְאָה צוּם צִיוּן; בַּייטָאכְט קֶען מֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן ווילַאנְג דִי 'נַאכְט פוֹיגְלֶעךְ' זֶענֶען אוֹיף, ווידֶער צוּפְרִי שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אוֹיף דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן און עֶס הֵייבְּן זִיךְ אָן מִנְיָנִים סְלִיחוֹת פוּן גָאר פְּרִי בְּקוֹלֵי קוֹלוֹת אַז עֶס קוּמְט אוֹיס פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ שְׁלָאפְן בְּקוֹשִׁי צְוֵויי שָׁעָה אַ נַאכְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא כ:): "וְלֹא הָיְתָה קְרִיאַת הַגֶּבֶר מַגַּעַת עַד שֶׁהָיְתָה עֲזָרָה מְלֵאָה מִיִּשְׂרָאֵל"; דָאס קֶען מֶען זֶען אִין אוּמַאן ווי פַארְטָאגְס אִיז שׁוֹין דִי גַאנְצֶע גַאס אוּן דִי שׁוּלְן פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶס הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי מִנְיָנִים מִיט דִי שׁוֹפְרוֹת, דֶערְפַאר זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אַבִּיסְל אַרוֹיס פוּנֶעם גַאנְצְן גֶעפִּילְדֶער.

**בָּרוּךְ** הַשֵּׁם אַז מִיר קוּמֶען נִישְׁט קַיין אוּמַאן זִיךְ אַרוּם צוּ דְרֵייעֶן אוֹיף דִי גַאסְן, מִיר קוּמֶען נִישְׁט צוּ פְּלוֹנִי אוּן נִישְׁט צוּ אַלְמוֹנִי, מִיר קוּמֶען קַיין אוּמַאן ווייל דֶער רֶבִּי הָאט

גֶעהַייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן. אֱמֶת, עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט אַזוֹי נָאנְט צוּם צִיוּן, אָבֶּער מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, דִי פָּאר טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אוֹיךְ מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב נֶעמְט מֶען אַ טֶעקְסִי, עֶס נֶעמְט צְוֵויי מִינוּט פוּן אוּנְזֶער פְּלַאץ בִּיז אוּנְטְן וואו דִי בָּאסֶעס קוּמֶען אָן, דָארְט בִּיסְטוּ מַמָּשׁ בַּיים צִיוּן. יוֹם טוֹב אַלֵיינְס, מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל מָאל גֵייט מֶען יוֹם טוֹב צוּם צִיוּן, אוֹיב מֶען שְׁטֵייט אוֹיף בַּיים עֲלוֹת קוּמְט אוֹיס צוּ גֵיין אֵיין מָאל אַ טָאג צוּם צִיוּן, ווַייל אַכְט אַזֵייגֶער שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ שׁוֹין דַאווְענֶען בִּיז צְוֵויי אַזֵייגֶער, נָאכְדֶעם אִיז דִי סְעוּדָה, נָאךְ דִי סְעוּדָה אִיז מִנְחָה אוּן אַ דְרָשָׁה, אוּן דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער.

**אִיךְ** גֵיי יֶעדֶע שַׁבָּת פוּן מַיין שְׁטוּב בִּיז דִי יְשִׁיבָה, אַ וֶועג פוּן פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג מִינוּט; מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן מִיר: 'פַארְוָואס צִיסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַרִיבֶּער נֶעבְּן דִי יְשִׁיבָה? דוּ גֵייסְט אַזַא ווַייטֶע וֶועג', אָבֶּער בֶּאֱמֶת בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה, אִיךְ קֶען זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז מַיין בֶּעסְטֶע צַייט אִין טָאג - וֶוען אִיךְ גֵיי צוּ יְשִׁיבָה אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים, דֶעמָאלְט קֶען אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶערְפַאר** אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז מִיר הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם פְּלַאץ אַרוֹיס פוּן דִי גַאנְצֶע טַארַאראַם, ווַייל פַאר יוֹם טוֹב אוּן נָאךְ יוֹם טוֹב קֶען מֶען גֵיין צוּם צִיוּן מִיט אַ קַאר, אוּן יוֹם טוֹב קֶען מֶען כַאפְּן אַ שְׁטִיקְל שְׁפַּאצִיר אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דֶעם גַאנְצְן וֶועג בִּיז צוּם צִיוּן - סֵיי אַהִין אוּן סֵיי אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין גֶעלְט וְכוּ';

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן בִּיז יֶעצְט וֶועט מִיר וַוייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן אוּן עֶר וֶועט מִיר וַוייטֶער הֶעלְפְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרֵייעֶ תַּלְמִידִים וָואס הֶעלְפְן מִיר מִיט דָאס גְרֶעסְטֶע מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס אִיז שַׁיָיךְ; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי תַּלְמִידִים וָואס הֶעלְפְן מִיר הַאלְטְן מִיר אוֹיף אַ וֶועג מִיטְ'ן בִּנְיָן, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן דֶעם בְּרִיוו פַאר דִי וָואס הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ גֶעבְּן אוּן אִין דֶעם זְכוּת וֶועלְן זֵיי הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## קה

### אִיךְ זָאג קוֹים מִשְׁנָיוֹת, זָאל אִיךְ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ לֶעצְטְנְס שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעלֵייגְט נָאנְט צוּ וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א לְאוֹרֶךְ יָמִים בַּעֲבוֹדָתוֹ הַגְּדוֹלָה מְאֹד וְקָדוֹשׁ.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס אִיר זָאגְט וֶועגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, פַאר אֵיינֶעם וָואס הַאלְט קוֹים בַּיים זָאגְן מִשְׁנָיוֹת, נָאר וֶוען אִיךְ קֶען פְּרוּבִּיר

אִיךְ צוּ מַאכְן אַבִּיסְל צַייט; אִיז וָואס אִיז וֶועגְן תִּיקּוּן חֲצוֹת, וָואס מוֹהַרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט אַזוֹי סַאךְ פוּן דֶעם, זָאל אִיךְ עֶס טוּן?

אִיךְ הָאף זַייעֶר צוּ בַּאקוּמֶען אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף דֶעם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וְוִי לַאנְג מֵיינְסְטוּ נֶעמְט צוּ זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת"? אֲפִילוּ מֶען זָאל עֶס זָאגְן מִיט אַלֶע פִינְף קִינוֹת, נֶעמְט עֶס נִישְׁט מֶער וִוי אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה. אוֹיבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין צַייט, זָאגְט מֶען נָאר דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים פוּן תִּיקּוּן רָחֵל אוּן תִּיקּוּן לֵאָה, דָאס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן זֶעקְס מִינוּט, דָאס קֶען יֶעדֶער אֵיינֶער טוּן.

מֶענְטְשְׁן הַאלְטְן זִיךְ צוּרִיק פוּן זָאגְן "תִּיקּוּן חֲצוֹת" ווַייל מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ לֵייגְן אַרָאפּ "תִּיקּוּן חֲצוֹת" כְּאִילוּ דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאךְ, 'מֶען צִינְדְט אָן אַ לִיכְט אוּן מֶען זִיצְט אוֹיף דֶער עֶרְד מִיט אַ זַאק וְכוּ'', וֶוען קִינְדֶער הֶערְן וִוי מֶען לֵייגְט דָאס אַרָאפּ אַזוֹי דְרַאמַאטִישׁ, וֶוערְט

דָאס אַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִין מֹחַ אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט זֵיי, דָאס אִיז נָאר פַּאר צַדִיקִים וָואס זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס וְכוּ'. אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, "תִּיקוּן חֲצוֹת" דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער זָאגְן, דָאס אִיז אַן הֲלָכָה אִינֶעם עֶרְשְׁטְן סִימָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן א, סָעִיף ב) אוּן אַזוֹי טוּעֶן אַלֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים, מֶען זָאגְט יֶעדֶע נַאכְט תִּיקוּן חֲצוֹת.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט אַז מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת פַּאר מֶען גֵייט שְׁלָאפְן; אַז מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן זֶעט מֶען אַז עֶס קוּמְט אוֹיס רוֹב מָאל צוּ גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי חֲצוֹת, דֶערְפַאר זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז מֶען זָאל דֶעמָאלְט זָאגְן דֶעם תִּיקוּן חֲצוֹת; מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן מֶען זָאגְט נָאכְדֶעם תִּיקוּן חֲצוֹת.

**תִּיקוּן רָחֵל** אִיז צְוֵויי קַאפִּיטְלֶעךְ: **עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל** (קַאפִּיטְל קלז) אוּן **מִזְמוֹר לְאָסָף** (קַאפִּיטְל עט). דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען: **זְכוֹר ה' מֶה הָיָה לָנוּ** (אֵיכָה קַאפִּיטְל ה), דֶערְנָאךְ זָאגְט מֶען **תִּיקוּן לֵאָה: לְדָוִד מִזְמוֹר** (קַאפִּיטְל כד), **כְּאַיָּל תַּעֲרֹג** (קַאפִּיטְל מב), **שָׁפְטֵנִי** (קַאפִּיטְל מג), **יַעַנְךָ ה'** (קַאפִּיטְל כ), **לַמְנַצֵּחַ בִּנְגִינוֹת** (קַאפִּיטְל סז), **אוֹדֶה ה'** (קַאפִּיטְל קיא), **בְּבֹא עָלָיו נָתָן הַנָּבִיא** (קַאפִּיטְל נא) אוּן **שִׁיר הַמַּעֲלוֹת** (קַאפִּיטְל קכו); **שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב** אוּן וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן, זָאגְט מֶען נִישְׁט תִּיקוּן רָחֵל, נָאר דִי זֶעקְס קַאפִּיטְלֶעךְ[ג] פוּן תִּיקוּן לֵאָה.

---

ג. וַוייל שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב אוּן וֶוען מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן לָאזְט מֶען אוֹיס קַאפִּיטְל כ אוּן נא.

**פְרֶעג** אִיךְ דִיר, וִוי לַאנְג נֶעמְט צוּ זָאגְן דִי פָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים אוֹיף דֶעם סֵדֶר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען? ווארל אִיז דִיר אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת יֶעדֶע נַאכְט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעם גוּטְס.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קו

### אִיר רֶעדְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פוּן גֶעלְט, הָאט אִיר דִי רַייכְסְטֶע יְשִׁיבָה?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל אַייךְ נָאכְאַמָאל בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייעֶרע הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּט מִיר לֶעבְּן מִיט חִיזוּק אוּן מַאכְט אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין.

אִיךְ הָאבּ פּוּנְקְט יֶעצְט גֶעלֵיינְט (מִכְתָּב קד) וִוי אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע חוֹבוֹת, וָואס דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי, ווייל אִיר טוּט דָאךְ אוֹיף פַאר אַזוֹי סַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס אִיר קֶענְט אֲפִילוּ נִישְׁט (אַזוֹי וִוי אִיךְ), אוּן אִיר דֶערְמַאנְט נִישְׁט קַיין וָוארְט קֵיינְמָאל אַז דֶער וָואס וִויל קֶען אַרוֹיס הֶעלְפְן מִיט אַ קְלֵיינֶע נְדָבָה.

בַּיי יֶעדֶע אַנְדֶערֶע פְּלַאץ, אִיז אֵיינֶע פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאכְן: "אֶפְשָׁר קֶענְט אִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס גֶעלְט פַאר דִי מוֹסְדוֹת?" אוּן דָא וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אוֹיסְגֶעהֶערְט אַלֶע שִׁיעוּרִים, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהֶערְט אִיר זָאלְט דֶערְמַאנֶען

אַ וָוארְט וֶועגְן גֶעלְט, מֶען קֶען מֵיינֶען אַז דָאס אִיז דִי רַייכְסְטֶע יְשִׁיבָה אוֹיף דֶער וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ אוֹיבּ אִיר קֶענְט בִּיטֶע מוֹדִיעַ זַיין וואוּ מֶען קֶען רוּפְן אִיבֶּער צוּ גֶעבְּן נְדָבוֹת פַאר דִי מוֹסְדוֹת.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם, מִיט קַיין שׁוּם גֶעלְט אִין דִי וֶועלְט קֶען אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְדְרִיקְן מַיין דַאנְקְבַּארְקֵייט פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

אַ גֶעזוּנְטְן ווינְטֶער.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, בְּעִיקָר אֵיין עֵצָה וָואס הֶעלְפְט אוֹיף יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע פְּרָאבְּלֶעם - 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אוֹיסְצוּרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קי.) אַז קֹרַח הָאט גֶעהַאט דְרֵיי הוּנְדֶערְט אֵייזֶלֶען וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן בְּלוֹיז דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פוּן זַיינֶע אוֹצְרוֹת, אַזוֹי רַייךְ אִיז קֹרַח גֶעוֶוען; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער פְּשַׁט אוֹיף דֶעם מַאֲמַר חַזַ"ל, שְׁלִיסְלֶעךְ זֶענֶען אַזוֹי ווִי עֵצוֹת.

װען מֶען הָאט אַ פַאַרְמַאכְטֶע פְּלַאץ, מֶען אִיז אִין אַ מַצָּב וָואס מֶען װייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיז אַן עֵצָה אַזוֹי וִוי אַ שְׁלִיסְל וָואס מֶען קֶען זִיךְ אַרַיין בַּאקוּמֶען אִין יֶעדֶע סָארְט פַאַרְמַאכְטֶע פְּלַאץ. קֹרַח הָאט גֶעהַאט דְרֵייא הוּנְדֶערְט עֵצוֹת, פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם הָאט עֶר גֶעהַאט אַן אַנְדֶערֶע דִמְיוֹן, אָבֶער משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט אֵיין מֵייסְטֶער שְׁלִיסְל - "תְּפִילָה"; מִיט דֶעם שְׁלִיסְל קֶען מֶען אַרוֹיס גֵיין פוּן יֶעדֶע פַאַרְמַאכְטֶע צָרָה.

װֶען אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִים בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְף עֶר נִישְׁט קַיין דְרֵייא הוּנְדֶערְט אֵייזְלֶען וְכוּ', עֶר הָאט אֵיין שְׁלִיסְל 'הִתְבּוֹדְדוּת', וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי אַ מֵייסְטֶער שְׁלִיסְל, מֶען קֶען אַרַיין גֵיין וואוּ מֶען וִויל, אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וָואס מֶען זָאל נָאר הָאבְּן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעמֵיינְט אַז מִיר זֶענֶען דִי רַייכְסְטֶע קְהִילָה וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר זֶענֶען טַאקֶע דִי רַייכְסְטֶע קְהִלָּה. אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ לֶערְנֶען אַלֶע, נִישְׁט קַיין חִילוּק יוּנְג אָדֶער אַלְט, יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג, מִקְרָא, מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא. סַיי קִינְדֶער, סַיי בָּחוּרִים אוּן סַיי אִינְגֶעלַייט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): "אָמַר רַב הוּנָא בַּר יְהוּדָה אָמַר רַבִּי אַמִּי, לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר, מַאֲרִיכִים לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו", װער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדֶע וָואךְ הָאט אֲרִיכוּת יָמִים; אִין הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אִיז

יֶעדְן טָאג אַ טָאג, מֶען הָאט אֲרִיכוּת יָמִים - אַסַאךְ טֶעג, מֶען זוּכְט נִישְׁט קַיין תֵּירוּצִים אוֹיף נִישְׁט צוּ לֶערְנֶען, "הַיינְט אִיז עֶרֶב"; "מָארְגְן אִיז מוֹצָאֵי"; "אִיבֶּערְמָארְגְן אִיז פַּארְוָואלְקְנְט"; "אֵייעֶר נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ שִׂמְחָה"; נָאר מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן טָאג, יֶעדְן טָאג אִיז אַ טָאג, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל מִקְרָא, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מֶען הָאט מַמָּשׁ אֲרִיכוּת יָמִים.

**נָאךְ** זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שַׁבָּת קכ.): "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה - זֶה שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד", וֶוער אִיז אַן אָרֶעמַאן? אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִקְרָא, עֶר לֶערְנְט נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, אוּן נִישְׁט קַיין גְּמָרָא; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית, מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת וָואס רוּפְט זִיךְ "גּוֹסֵס", עֶס אִיז דָא אַ מְצִיאוּת וְוי אַ "בֵּית הַקְּבָרוֹת", דָארְט נֶעמְט מֶען מִיט נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט; תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ זֶענֶען גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים, יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְסַיֵּם זַיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תַּלְמוּד בַּבְלִי, תַּלְמוּד יְרוּשַׁלְמִי, שִׁשָּׁה סִדְרֵי תּוֹסֶפְתָּא, רַמְבַּ"ם, טוּר, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מֶדְרָשׁ רַבָּה, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וְתִיקּוּנִים, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת וְכוּ' וְכוּ'; דָאס אִיז אַן אֵייבִּיגֶע עֲשִׁירוּת.

**רֶבִּי** נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ שְׁרַייבּ מַיינֶע סְפָרִים נָאר פַּאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס טְרַאכְט: 'אֵיין טָאג

װעל איך זײַן אַ גוֹסֵס און אַ נִפְטָר, איך װעל ליגן אויף דער ערד מיט די פִּיס צום טיר׳, אײנער װאס טראכט נישט אַז אײן טאג װעט ער שטאַרבן און ליגן אויף דער ערד מיט די פיס צום טיר - איז בײַ מיר חָשׁוּב אַזוי װי אַ בְּהֵמָה, װאס לעבט, עסט, שלאָפט, און װײסט נישט װאס דער סוֹף איז״.

**מוֹהַרְאַ״שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה איז אַמאָל געפאָרן צו אַ שִׂמְחָה, אויפ׳ן װעג פאַרנדיג אַהין, האָט דער דרײַװער אָנגעצינדן פאַר מוֹהַרְאַ״שׁ דעם ניגון: ״מיט װאס? מיט װאס? מיט װאס װעט מען קומען אויף יענע װעלט...״ (עס איז דאָ אַ ברעסלעב׳ע קאַסעטע װאס האָט דערויף דעם ניגון), דער ניגון גײט װײַטער: ״נישט קײן חֲצוֹת, נישט קײן תְּפִלָּה בְּכֹחַ, נישט קײן תִּיקוּן הַבְּרִית - מיט װאס װעסטו קומען אויף יענע װעלט...״ יענע װאך בײַם שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי האָט מוֹהַרְאַ״שׁ געזינגען דעם ניגון און אויסגעפירט: ״מיט װאס? מיט װאס? מיט װאס װעט מען קומען אויף יענע װעלט; מיט מײַנע פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, מיט מײַנע דַפִּים גְמָרָא, מיט מײַנע דִיבּוּרִים װאס איך רעד יעדן טאג צום אײבערשטן, מיט שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, מיט דעם װעל איך קומען אויף יענע װעלט״.

**דערפאַר,** זע דו אויך אויס צו ניצן דײַנע טעג און יאָרן, אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן זינגען אויף דער עלטער דעם צעבראָכענעם ניגון: ״מיט װאס װעל קומען אויף יענע װעלט״.

**לַיידֶער** מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן, אַז אֲפִילוּ אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיין רֶעדְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט פוּן תַּכְלִית, אַז מֶען זָאל יֶעדְן טָאג אַרַיין כַאפְּן מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וְכוּ', בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כח): "רָאוּי לְאָדָם שֶׁיַּעֲבוֹר וְיֵלֵךְ בָּזֶה הָעוֹלָם בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, וְלִלְמֹד כּוּלָם כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה בְּכָל מָקוֹם", אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים וָואס עֶס זֶענֶען פַארְהַאן, עֶר זָאל זַיין בַּאקַאנְט אִיבֶּערָאל, "כְּמוֹ שֶׁנִּמְצָא הַשָּׂרִים הַגְּדוֹלִים שֶׁהוֹלְכִים וְעוֹבְרִים בַּמְּדִינוֹת, וּמוֹצִיאִים הוֹצָאוֹת רַבּוֹת עַל זֶה כְּדֵי שֶׁיּוּכַל אַחַר כֵּן לְהִתְפָּאֵר וְלוֹמַר שֶׁהָיָה בַּמְּדִינוֹת", אַזוֹי ווִי מִיר זֶעעֶן, אַז מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן אוֹיס אַסַאךְ גֶעלְט אַרוּם צוּ פָארְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, כְּדֵי זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען נָאכְדֶעם בַּארִימֶען: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָא אוּן דָארְט", "כְּמוֹ כֵּן, רָאוּי שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּכָל מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הַתּוֹרָה, כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְהִתְפָּאֵר בָּעוֹלָם הַבָּא שֶׁהָיָה בְּכָל מָקוֹם, דְהַיְינוּ בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים", אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי, זָאל אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים, כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען בַּארִימֶען אוֹיבְן אִין הִימְל: "אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִיבֶּערָאל", "וּלְעָתִיד בָּעוֹלָם הַבָּא מַזְכִּירִין אוֹתוֹ כָּל מַה שֶּׁלָּמַד בָּעוֹלָם הַזֶּה", אוּן אוֹיבְן אִין הִימְל לֶערְנְט מֶען מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען בָּזֶה הָעוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קז

## ווי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט מַיין ווייב?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייב פִּילְט אַז אִיךְ לוֹיף אִיר נָאךְ צוּ שְׁטַארְק, אִיךְ בִּין צוּ שְׁטַארְק תָלוּי אִין אִיר. ווָאס אִיז דִי עֵצָה פַאר דֶעם? זָאל אִיךְ אִיר גֶעבְּן ווייניגֶער לִיבְּשַׁאפְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חַיֵי שָׂרָה, י"ט מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ פְּרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט; עֶס זֶעט אוֹיס ווִי קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט מַדְרִיךְ גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, וַוייל אֵיינְס פוּן דִי יְסוֹדוֹת ווָאס אַ אִינְגֶערְמַאן דַארְף ווִיסְן ווֶען עֶר הָאט חֲתוּנָה אִיז, אַז דוּרְךְ נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייב וְכוּ' גֶעבְּט מֶען נִישְׁט קַיין לִיבְּשַׁאפְט, נָאר דָאס מֵיינְט אַז מֶען נֶעמְט פַאר זִיךְ לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ'.

אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט אַז ווֶען חַוָה הָאט גֶעפָאלְגְט דֶעם שְׁלַאנְג אוּן גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

אִיר גֶעגֶעבְּן אַן עוֹנֶש (בְּרֵאשִׁית ג, טז): "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ, וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", אַז דִי פְרוֹי וֶועט גְלִיסְטְן נָאךְ אִיר מַאן, אוּן דֶער מַאן וֶועט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אִיר (עַיֵּין שָׁם בְּפֵירוּשׁ רַשִׁ"י); מוֹהַרָא"שׁ זָאגְט, אַז דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן גֶעקְנִיפְּט אוּן גֶעבִּינְדְן, אוֹיבּ עֶס אִיז "וְאֶל אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ", וֶוען זִי לוֹיפְט נָאךְ אִיר מַאן, דֶעמָאלְט אִיז "וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ", אִיז דֶער מַאן דֶער וָואס גֶעוֶועלְטִיגְט וְכוּ', אָבֶער וֶוען עֶס אִיז פַארְקֶערְט, דֶער מַאן לוֹיפְט נָאךְ זַיין וַוייבּ וְכוּ', עֶס אִיז "וְאֶל אִשָּׁה תְּשֻׁקָתְךָ", דֶעמָאלְט דְרֵייט זִיךְ אוּים דֶער פָּסוּק אוֹיפְ'ן מַאן, עֶס וֶוערְט: "וְהִיא (מִיט אַ יוּד) יִמְשָׁל בָּךְ", זִי הֵייבְּט אָן גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיפְ'ן מַאן. ווִי מֶער מֶען לוֹיפְט נָאךְ דִי וַוייבּ וְכוּ' וֶוערְט דֶער מַאן זַייעֶר אַרָאפּ גֶעקוּקְט אִין אִירֶע אוֹיגְן, נָאכְלוֹיפְן דִי וַוייבּ אִיז נִישְׁט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, נָאר דָאס אִיז נֶעמֶען לִיבְּשַׁאפְט.

דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זָאגְט (סוֹף פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, דִיבּוּר הַמַתְחִיל וַיְבִיאֶהָ יִצְחָק) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כד, סז): "וַיְבִיאֶהָ יִצְחָק וְגוֹ', וַתְּהִי לוֹ לְאִשָּׁה וַיֶּאֱהָבֶהָ", וָואס ווִיל דִי תּוֹרָה זָאגְן מִיט דֶעם אַז יִצְחָק הָאט לִיבּ גֶעהַאט רִבְקָה? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס זָאגְט עֶר הָאט לִיבּ זַיין וַוייבּ, אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ, עֶר דַארְף אִיר נָאר פַאר זַיינֶע גֶעבְּרוֹיכְן, זִי זָאל אִים בַּאדִינֶען, זִי זָאל אִים קָאכְן אוּן בַּאקְן אוּן זַיין גְרֵייט פַאר אִים וְכוּ' - דֶער הָאט בִּכְלָל נִישְׁט לִיבּ זַיין וַוייבּ, עֶר הָאט זִיךְ לִיבּ; נָאכְדֶעם אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט טַאקֶע לִיבּ זַיין וַוייבּ, עֶר זוּכְט ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן,

ער טְרַאכְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג, עֶר לוֹיפְט נִישְׁט נָאךְ זַיין וַוייבּ טָאג אוּן נַאכְט, עֶר רֶעכְנְט זִיךְ מִיט אִירֶע גֶעפִילְן, עֶר הֶעלְפְט אִיר אָן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת - דֶער הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ זַיין וַוייבּ. דָאס זָאגְט דִי תּוֹרָה "וַיֶאֱהָבֶהָ", יִצְחָק אָבִינוּ הָאט בֶּאֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט זַיין וַוייבּ; עֶס אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן דֶעם גַאנְצְן שְׁטִיקְל.

**אַ** וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּנַארְן; דִי וֶועלְט זָאגְט אַז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס אִיז אַ מֵבִין אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז דִי וַוייבּ. דִי וַוייבּ וֵוייסְט פּוּנְקְטְלִיךְ אִיר סְחוֹרָה וָואס זִי הָאט בַּאקוּמֶען; וֶוען אַ פְרוֹי זֶעט ווִי אִיר מַאן רֶעכְנְט זִיךְ מִיט אִיר, עֶר הֶעלְפְט אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ אָן קֵיין חֶשְׁבּוֹנוֹת צוּ קֶענֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְלַאנְגֶען עֶפֶּעס פוּן אִיר, נָאר עֶר הֶעלְפְט אִיר וַוייל עֶר הָאט אַ גֶעפִיל פַאר אִיר, עֶר גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶר רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִיר, דָאס הֵייסְט גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, אוּן אַז מֶען לֶעבְּט אוֹיף דֶעם אוֹפֶן אִיז דֶער מַאן זֵייעֶר אַרוֹיף גֶעקוּקְט אִין אִירֶע אוֹיגְן, זִי וֶועט טוּן פַאר אִים אַלֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, זִי וֶועט אֵייבִּיג זַיין גְרֵייט פַאר אִיר מַאן וְכוּ', אָבֶּער וֶוען דִי פְרוֹי שְׁפִּירְט אַז דֶער מַאן לוֹיפְט אִיר נָאךְ וְכוּ' דֶעמָאלְט אִיז נִישְׁט גוּט.

**מִיר** מַאכְן יֶעדְן טָאג אַ בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי אִשָּׁה"; לִכְאוֹרָה, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם בְּרָכָה - יְיַשֵׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין פְרוֹי, דִי וֶועלְט קֶען דָאךְ נִישְׁט אָנְגֵיין אָן פְרוֹיעֶן, אוֹיף וָואס דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? (אַגַב,

מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז דִי בְּרָכָה וָואס דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן "שֶׁעָשַׂנִי כִּרְצוֹנוֹ", אִיז סַאךְ אַ שֶׁעֱנֶערֶע בְּרָכָה, וַוייל זֵיי גֶעבְּן זִיךְ אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן), זָאגְט מוֹהֲרַא"שׁ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן מַאן אוּן וַוייבּ מִיט דֶעם נַאטוּר אַז דֶער מַאן זָאל זַיין דֶער מַשְׁפִּיעַ - דֶער וָואס גֶעבְּט, אוּן דִי פְרוֹי אִיז דִי מְקַבֵּל - זִי נֶעמְט, דַאנְקֶען מִיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין מְקַבֵּל, נָאר מִיר זֶענֶען דִי וָואס גֶעבְּן פַאר יֶענֶעם. דֶערְוַוייל שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גָאר דִי וָואס זֶענֶען מְקַבֵּל, אַנְשְׁטָאט זֵיי זָאלְן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט וְכוּ', זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט דִי וַוייבּ, זֶענֶען זֵיי דָא נָאר פַאר זִיךְ, מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד אַז מִיר הָאבְּן לִיבּ דִי וַוייבּ.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן צוּ נֶעמֶען לִיבְּשַׁאפְט, נָאר אַנְשְׁטָאט הוֹיבּ אָן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט, וֶועסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי מְזַלְזֵל אִין אִירֶע אוֹיגְן.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אִין שְׁטוּבּ, וֶועט דַיין וַוייבּ דִיךְ זֵייעֶר מַחְשִׁיב זַיין; אַ פְרוֹי הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ זֶען ווִי אִיר מַאן לֶערְנְט. וֶוען אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג - דַיְקָא אִין שְׁטוּבּ - דִי הֵיילִיגֶע תוֹרָה, וֶועט עֶר וֶוערְן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט בַּיי זַיין וַוייבּ. אַנְשְׁטָאט אַרוֹיס צוּ לוֹיפְן יֶעדֶע נַאכְט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט כְּלוֹמַר'ישֶׁע חֲבֵרִים, מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד: "אִיךְ גֵיי אִין כּוֹלֵל", "אִיךְ גֵיי לֶערְנֶען"; בְּלַייבּ עֶנְדֶערְשׁ אִין שְׁטוּבּ לֶערְנֶען. בִּשְׁעַת דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען

וֶועט דַיין וַוייבּ עֶנְדִיגְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, זִי וֶועט הֶערְן דֶעם זִיסְן גְמָרָא נִיגוּן, דוּרְכְדֶעם וֶועט זִיךְ אַלֶעם טוּישְׁן לְטוֹבָה.

**אִיךְ** שְׁרַייבּ דִיר נָאר עֵצוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; דִי עֵצוֹת זֶענֶען נִישְׁט בַּדֶּרֶךְ אֶפְשָׁר - אֶפְשָׁר וֶועט עֶס יָא הֶעלְפְן אוּן אֶפְשָׁר נִישְׁט, דָאס זֶענֶען זִיכֶערֶע עֵצוֹת; עֵצוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ז): "הָעֵצוֹת שֶׁל הַצַּדִּיק הֵם כּוּלוֹ זֶרַע אֱמֶת"; מִיט דִי עֵצוֹת וָואלְט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ גֶעקֶענְט הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת א, ה): "כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה, גּוֹרֵם רָעָה לְעַצְמוֹ, וּבוֹטֵל מִדִּבְרֵי תוֹרָה, וְסוֹפוֹ יוֹרֵשׁ גֵיהִנָּם"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ זַיין וַוייבּ וְכוּ', בְּרֶענְגְט עֶר אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶר בַּאקוּמְט גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט. מַה שֶׁאֵין כֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִימוּד, אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שׁוֹין אוֹיף דִי וֶועלְט אִין 'גַן עֶדֶן', עֶר דַארְף נִישְׁט קַיין כּוֹלֵל עֶרֶב, קַיין כּוֹלֵל בּוֹקֶר, וַוייל וואוּ עֶר אִיז - דָארְט אִיז זַיין כּוֹלֵל, עֶר זִיצְט אִין שְׁטוּבּ פַארְטָאגְס אוּן בַּיינַאכְט אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן - מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, מִדְרָשׁ אוּן הֲלָכָה וְכוּ', זַיין וַוייבּ קוּקְט אִים אַרוֹיף, אַזוֹי אוֹיךְ עֶר אַלֵיינְס פַאר זִיךְ שְׁפִּירְט זִיךְ גוּט, וַוייל תּוֹרָה מַאכְט פְרֵיילִיךְ אַ מֶענְטְשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁפִּירְט עֶר אַ טַעַם אִין זַיין לֶעבְּן.

**אִיךְ** קֶען נִישְׁט צוּפִיל מַאֲרִיךְ זַיין אִין דְבָרִים שֶׁבֵּינוֹ לְבֵינָהּ מִפְּנֵי הַצְנִיעוּת, אִיךְ הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קח

## מֶען זָאגְט מִיר אַז צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין פַּרְנָסָה דַארְף אִיךְ מַסֶר'ן

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ אַרְבֶּעט אִין קָאנְסְטְרָאקְשְׁן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ בַּאקוּמֶען גְרוֹיסֶע דְזְשַׁאבְּס. דֶעם חוֹדֶשׁ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִינְוָואלְוְד אִין אַ דְזְשַׁאבּ אִין מָאנְסִי, אוּן אַן אַנְדֶערֶער קָאנְטְרַאקְטֶער הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דָארְט גֵייט עֶס אַזוֹי אַז וֶוער עֶס גֵייט מֶער מַסֶרְ'ן דֶעם צְווֵייטְן אִיז מֶער מַצְלִיחַ, רוֹב קָאנְטְרַאקְטֶערְס זִיצְן בַּיי דִי טַאוּן אוּן מֶען מַסֶר'ט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס אֵיינֶער דֶעם צְווֵייטְן. עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, אָבֶּער עֶר זָאגְט מִיר אַז דָאס אִיז דֶער וֶועג דָא, אוֹיבּ מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין.

בִּין אִיךְ מְחוּיָב אוֹיפְצוּגֶעבְּן אוֹיף גוּטֶע דְזְשַׁאבְּס, נִישְׁט צוּ דַארְפְן מַסֶר'ן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה, כ"א מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וָואס** אִיז דַיין שְׁאֵלָה, צִי דוּ זָאלְסְט גֵיין מַסֶר'ן אַ צְוֵוייטְן אִיד? קוּק וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט, סִימָן שפח) וָואס מֶען דַארְף טוּן מִיט אַ מָסוּר; קוּק וָואס דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ג' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה יב): אֵיינֶער וָואס מַסֶר'ט אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶר מַאכְט אִים נָאר גֶעלְט שָׁאדְן - "אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", עַיֵּין שָׁם. דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלָל נִישְׁט דַיין שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט צוּ נֶעמֶען וָואס עֶס דַארְף קוּמֶען צוּ דִיר. אַזוֹי זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ, וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךָ, וּמִשֶּׁלְּךָ יִתְּנוּ לְךָ; אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בַּמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ, וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בַּחֲבֶרְתָּהּ, אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא"; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן אַ צְוֵוייטְן אֲפִילוּ אַ פְּרוּטָה; יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (תַּעֲנִית ב.): "אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן: ג' מַפְתְּחוֹת בְּיָדוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", רַבִּי יוֹחָנָן זָאגְט, דְרֵיי שְׁלִיסְלֶען זֶענֶען נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מַפְתֵּחַ שֶׁל גְּשָׁמִים, מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה, וּמַפְתֵּחַ שֶׁל תְּחִיַּית הַמֵּתִים", דִי שְׁלִיסְל פוּן רֶעגְן, קִינְדֶער אוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים, "בְּמַעֲרָבָא

אָמְרֵי אַף מַפְתֵּחַ שֶׁל פַּרְנָסָה", אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאגְט מֶען: אוֹיךְ דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה. זֶעט מֶען אַז פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (מְכִילְתָּא, פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח): "מִי שֶׁבָּרָא יוֹם - בָּרָא פַּרְנָסָתוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם טָאג, הָאט אָנְגֶעגְרֵייט פַּרְנָסָה פַאר דֶעם טָאג.

**דָאס** וָואס דוּ זָאגְסְט, אַז דִי קָאנְטְרַאקְטֶערְס זָאגְן דִיר אַז נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין; אִיךְ וָואלְט דִיר גֶעזָאגְט זָאלְסְט זִיךְ טְרֶעפְן בֶּעסֶערֶע יוֹעֲצִים, בֶּעסֶערֶע חֲבֵרִים, זוּךְ דִיר חֲבֵרִים וָואס וֶועלְן דִיר זָאגְן אַז נָאר אוֹיבּ מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין. אִיךְ וֵוייס פוּן קָאנְטְרַאקְטֶערְס וָואס זֵיי זֶענֶען מַצְלִיחַ נָאר דוּרְךְ תְּפִלָּה; זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי, זֵיי וֵוייסְן נָאכְנִישְׁט פוּן וואוּ צוּ נֶעמֶען פַּרְנָסָה, זֵיי גֵייעֶן דַאוֶונֶען אוּן גִיסְן זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, זֵיי בֶּעטְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה", אוּן עֶס צוּקְלִינְגְט זִיךְ זֵייעֶר טֶעלֶעפָאן, זֵיי בַּאקוּמֶען גְרוֹיסֶע דְזְשַׁאבְּ'ס וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח, בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה.

**אַ** גוּט שַׁבָּת.

# קט

## אִיךְ דַארְף שׁוֹין מַיין שִׁידוּךְ, און ווִי אַזוֹי הַאנְדְלְט מֶען וֶועגְן גֶעלְט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס אַ בָּחוּר דַארְף און קֶען טוּן אַלְץ הִשְׁתַּדְלוּת צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז דִי אַלֶע סְגוּלוֹת און תְּפִלּוֹת זָאלְן אַרְבֶּעטְן ווִי שְׁנֶעלֶער? וַוייל אִיךְ הַאלְט עֶס שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיס.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר קְלָאר מַאכְן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן גֶעלְט, וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישְׁן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט וַוייל מֶען אִיז אַ בַּטְלָן, און דָאס אַז מֶען דַארְף גְלֵייבְּן מִיט אֱמוּנָה און בִּטָחוֹן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז אִיךְ זָאל יֶעצְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט, און וֶוען עֶר וֶועט ווֶעלְן וֶועט עֶר מִיר שׁוֹין גֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וָוען דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן דֶעם בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען מִיט צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן וָואס דָארְט שְׁטֵייט, נָאךְ פַאר אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ שׁוֹין**

פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דַיין בַקָשָׁה אִיז; וַוייל וָואס דַארְף דֶען אַ בָּחוּר, וָואס אִיז דִי וֶוייטָאג פוּן יֶעדְן בָּחוּר? אַ בָּחוּר דַארְף אֵיין זַאךְ - אַ שִׁידוּךְ, וִוי לַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, וָואס מֶען וֶועט נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ צוּ מַאכְן אִיז עֶס אַלֶעס נָאר לְפָנִים, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ נָאר אַז מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדֻשַּׁת הַבְּרִית, ווִידֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית וֶוערְט עֶר זֵייעֶר בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה.

**דֶערְפַאר** טֵייעֶרעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת, וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט וִוי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ יָאר נָאךְ אַ יָאר אוּן דוּ טְרֶעפְסְט נִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעמֵיינְט פוּן לַאנְג צוּרִיק אַז דוּ וֶועסְט שׁוֹין זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט וְכוּ'. קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער, עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַזַא צַעַר וִוי דִי צַעַר פוּן אַ בָּחוּר, וַוייל מֶען הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפּ פַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, דָאס מַאכְט נָאכְדֶעם זֵייעֶר בְּעַצְבוּת וּבְמָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן וִויפִיל מֶען וִויל אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם הַאלְט מֶען אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן.

**אָבֶער** טֵייעֶרעֶר בְּרוּדֶער, וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַאר דִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ שִׁידוּךְ אוּן דוּ וֶועסְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב מַמָּשׁ; דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער טוּן אַלֶע סְגוּלוֹת וָואס דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים הָאבְן אוּנְז גֶעגֶעבְן, בִּפְרָט

די סְגוּלוֹת וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, דָאס זָאלְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ב): "קִידּוּשׁ לְבָנָה סְגֻלָּה שֶׁיִּמְצָא אָדָם אֶת זִוּוּגוֹ", דֶערְפַאר דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין צוּ מַאכְן קִידּוּשׁ לְבָנָה יֶעדְן חוֹדֶשׁ, און וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט קִידּוּשׁ לְבָנָה בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דִי רִיכְטִיגֶע שִׁידוּךְ בִּזְכוּת קִידּוּשׁ לְבָנָה.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת חִתּוּן, סִימָן ו): "מִי שֶׁקָּשֶׁה לוֹ לִמְצֹא זִוּוּגוֹ, יַרְגִּיל אֶת עַצְמוֹ לִקְרוֹת בְּקָרְבְּנוֹת הַנְּשִׂיאִים", וֶועם עֶס גֵייט שְׁוֶוער צוּ טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ, זָאל עֶר זָאגְן "קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים"; דָאס אִיז דִי קְרִיאָה וָואס מֶען לֵיינְט חֲנוּכָּה, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין יֶעדֶע סִידּוּר בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, קְרִיאָה לַחֲנוּכָּה. נָאכְדֶעם זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - יֶעדֶער אֵיינֶער אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ: - "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיוּוּג בִּזְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אַז מֶען זָאל זָאגְן דִי קָרְבָּנוֹת הַנְּשִׂיאִים; הֶעלְף מִיר בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן מַיין זִיוּוּג, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ זַיין עֶרְלִיךְ וֶוען אִיךְ בִּין אַלֵיינְס, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן וְכוּ' וְכוּ'".

וְזִיסְן זָאלְסְטוּ אַז נָאר סְגוּלוֹת וָואס צַדִּיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן דָאס הָאט אַ קְרַאפְט, דִי אַלֶע סְגוּלוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן פַארְקוֹיפְן וְכוּ' וְכוּ' הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הַאפְט, עֶס אִיז סְתַם

אַ קָאפּ פַּארְדְרֵייעֶנִישׁ, אָבֶער סְגוּלוֹת וָואס צַדִיקִים הָאבְּן אוּנְז גֶעגֶעבְּן דָאס הֶעלְפְט, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם אוּן אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קְרִיגְן דִי יְשׁוּעָה.

**שְׁטַארְק** זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט ווי עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג, אָבֶער עֶס רִיקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט. דוּ טְרַאכְסְט כָּל מִינֵי מַחְשָׁבוֹת: 'וָואס וֶועט זַיין?' 'אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אַן אַלְטֶער בָּחוּר, אִיךְ וֶועל בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אֵיינֶער אַלֵיין?' 'וֶוער וֶועט מִיר נֶעמֶען וְכוּ'?' דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת קוּמְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי סָארְט מַחְשָׁבוֹת אִין אַלֶע בָּחוּרִים, אַלֶע בָּחוּרִים טְרַאכְטְן דָאס פַּאר זֵיי טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, טְרַאכְט נִישְׁט אַזוֹי, דוּ טְרַאכְט גוּט, טוּ וָואס דוּ הָאסְט צוּ טוּן אוּן וַוארְט אוֹיס אוֹיף דַיין יְשׁוּעָה, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זֵיי מְקַיֵים אַלֶע עֵצוֹת וָואס עֶר זָאגְט, וֶועסְטוּ בְּוַדַאי גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בְּקָרוֹב מַמָשׁ.

**בְּנוֹגֵעַ** דַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ'; אַז מֶען בָּארְגְט גֶעלְט דַארְף מֶען בַּאצָאלְן, אוֹיב מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט אִיז מֶען אַ גַנָב. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דָאס אִיז פַּאר זִיךְ, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בַּאצָאלְן דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה, מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט גֶעהֵייסְן בַּאצָאלְן, דָארְט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט מְחַזֵק זַיין אוּן זָאגְן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וְכוּ', דֶעמָאלְט דַארְף מֶען הָאבְּן אֱמוּנָה אִין גְלֵייבְּן אַז אוֹיב מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט וֶועט מֶען נָאכְאַמָאל מְגוּלְגָל וֶוערְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין סה:): "בִּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אָדָם נִיכָּר בְּכוֹסוֹ וּבְכִיסוֹ וּבְכַעֲסוֹ", מֶען קֶען דֶערקֶענֶען אַ מֶענְטְש צִי עֶר אִיז עֶרְלִיךְ דוּרְךְ דְרֵיי זַאכְן, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז וִוי עֶרְלִיךְ עֶר אִיז בַּיים הַאנְדְלֶען מִיט מֶענְטְשְׁן, אַסַאךְ מָאל קֶען מֶען זֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶעעֶן אוֹיס זֵייעֶר גוּט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דַארְף מֶען אָבֶער וִויסְן אַז דָארְט קֶען מֶען נָאךְ נִישְׁט זֶען דֶעם אֱמֶת, וֶוען מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בְּדִינֵי מָמוֹנוֹת, עֶר גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גֶעלְט וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין שׁוּלְדִיג קֵיין אֵיין פְּרוּטָה פַאר אַ צְוֵויטְן; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן מו): "מִי שֶׁרוֹצֶה לָשׁוּב, יִזָּהֵר מִלִּהְיוֹת בַּעַל חוֹב", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין קֵיין בְּעַל חוֹב; גֶעב אַכְטוּנְג אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט זַיין קֵיין (תְּהִלִּים לז, כא): "לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם", אַ רָשָׁע וָואס בָּארְגְט אוּן בַּאצָאלְט נִישְׁט; עֶס אִיז אַ בּוּשָׁה אוּן אַ בִּזָיוֹן צוּ הֶערְן אַז אִינְגֶעלַייט זֶענֶען שׁוּלְדִיג פַאר אַ צְוֵויטְן גֶעלְט אוּן זֵיי מַאכְן זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קי

## מֶען רֶעדְט אַסאךְ צוּ מִיר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, אִיךְ דַארְף חִיזוּק.

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וֵויים נִישְׁט אוֹיב דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעדֶענְקְט מִיר, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּיי אַייךְ פַארְגַאנְגֶענֶע יָאר מִיט מַיין וַוייבּ, זִי הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פְּחָדִים, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ תְּפִלָּה, זִי הָאט כְּסֵדֶר גֶעזָאגְט דִי תְּפִלָּה, אוּן בָּרוּךְ ה' אַז זִי הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט פוּן דֶעם, אָן קַיין מֶעדֶעצִין אוּן אָן קַיין טֶערֶעפִּי וְכוּ'. דָאס אִיז מַמָּשׁ אַ מוֹפֵת, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ דַאנְקֶען, סַיי אוֹיף דֶעם אוּן סַיי אוֹיף דִי דְרָשׁוֹת וָואס מִיר הֶערְן כְּסֵדֶר, דָאס אִיז אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּם צוּ זַיין בִּיז דִי פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר גַאנְץ תַּנַ"ךְ, גַאנְץ שַׁ"ס, ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, מֶדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה דִי 36'סְטֶע מָאל. אוֹיסֶער דֶעם הָאבּ אִיךְ שִׁיעוּרִים אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין כִּמְעַט גֶעעֶנְדִיגְט דִי סְפָרִים.

לֶעצְטְנְס הָאט מַיין מִשְׁפָּחָה אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ מִיר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב; זֵיי ווִילְן מִיר וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי אִיךְ דַארְף זִיךְ פִירְן, זֵיי רֶעדְן אַלֶע סָארְט לָשׁוֹן הָרַע, רְכִילוּת אוּן נִיבּוּל פֶּה אוֹיף בְּרֶסְלֶב. זֵיי טַעֲנָה'ן אַז רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ מְסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶב'עֶ סְפָרִים, זֵיי שְׁרֵייעֶן אַז דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ זֶענֶען דִי הַיינְטִיגֶע מֵסִיתִים וּמַדִּיחִים, נָאךְ עֶרְגֶער ווִי סְמַארְט פָּאוֹנְס; וֶוער עֶס זָאגְט אַז עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר מֵיינְט דָאס אִין אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער אַז עֶר אִיז אַ פּוֹרֵק עוֹל רַחְמָנָא לִיצְלַן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער. אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַסַאךְ חִיזּוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין.

אוּיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן װעגְן קִינְדֶער וְכוּ׳, ווייל מַיין וַוייבּ הָאט זַייעֶר מוֹרָא.

אִיךְ שִׁיק דָא מִיט גֶעלְט פַאר צְדָקָה, אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶנְדְלִיךְ הָאסְטוּ מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו וואוּ דוּ בִּיסְט מִיר מוֹדִיעַ אַז דַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, זִי אִיז אַרוֹיס פוּן אִירֶע פְּחָדִים; שׁוֹין בַּאלְד אַ הַאלְבֶּע יָאר וָואס אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס עֶס הֶערְט זִיךְ בַּיי עֶנְק, צִי אִיר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַ יְשׁוּעָה, וַוייל אִיךְ וַויים נִישְׁט וואוּ דוּ וואוֹינְסְט אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ הֶערְן פוּן דִיר וָואס עֶס טוּט זִיךְ וְכוּ׳. אִיר זֶענְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר אַ הַאלְבּ יָאר צוּרִיק, דוּ מִיט דַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶעזֶעסְן בַּיי מִיר, דַיין וַוייבּ הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט פוּן דִי אִינֶערְלִיכֶע יְסוּרִים, פְּחָדִים אוּן דִמְיוֹנוֹת וְכוּ׳ וָואס זִי גֵייט אַרִיבֶּער, אַז דִי וֶוענְט הָאבְּן מִיט גֶעוֵויינְט. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעגֶעבְּן אַ תְּפִילָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג[ד] אוּן אִיךְ הָאבּ זַייעֶר אַסַאךְ מִתְפַּלֵּל

---

ד. אוֹיסְצוּג פוּן אַ בְּרִיוו אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, דַאטִירְט: יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י״ב אִיָּיר, שְׁנַת תשע״ז לִפְרָט קָטָן:

אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַאר דַיין וַוייבּ אַז אִיךְ וֶועל אִיר שְׁרַייבְּן אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה וָואס זִי זָאל זָאגְן יֶעדְן טָאג, וֶועט זִי וֶוערְן רוּאִיגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער. אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָא אַ

## גֶעוֶועֶן פַאר אַייךְ, אִיז נִישְׁט קַיין יוֹשֶׁר צוּ לָאזְן וַוארְטְן אַזוֹי לַאנְג וְכוּ'.

קְלֵיינֶע תְּפִילָּה וָואס דוּ זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן; אָבֶער דֶער עִיקָּר זָאל זִי אַלֵיינְס אוֹיסְרֶעדְן אִיר הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְצֵיילְן פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס שְׁטֶערְט אִיר אוּן וָואס עֶס בַּאדֶערְט אִיר, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִיר הֶעלְפְן אַז זִי וֶועט וֶוערְן צוּרִיק רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אַזוֹי וִוי אַמָאל. שְׁטַארְק דִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ, אִיר דַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז אִיר הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער; גְלֵייבּ מִיר, פוּן וָואס אִיךְ הֶער נָאר אִין אֵיין טָאג וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יוּנְגֶע פָּאר-פֶעלְקֶער קֶען דֶער מֹחַ פְּלַאצְן פַאר צַעַר.

דָא הָאסְטוּ דִי תְּפִילָּה:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן; פַאר מַיין טֵייעֶרֶער מַאן וָואס אִיז אַזוֹי עֶרְלִיךְ אוּן אַזוֹי גוּט צוּ מִיר. אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט, אַזוֹי זִיס אוּן לִיבְּטִיג. אוֹיךְ דַאנְק אִיךְ דִיר פַאר אַלֶעם וָואס דוּ גֶעבְּסְט מִיר, אַז אִיךְ בִּין גֶעזוּנְט אוּן מַיין מַאן אִיז גֶעזוּנְט. יְיַשֵּׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה, מִיר מוּטְשֶׁען זִיךְ נִישְׁט אוּן מִיר הָאבְּן אַ רַחֲבוּת'דִיגֶע דִירָה.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן לֶעצְטְנְס אַז אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֶע מַיין צַעַר אוּן קוּק מַיינֶע טְרֶערְן, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ פִירְסְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן אוּן אַלֶעם אִיז פַאר מַיין טוֹבָה.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ וֶועם צוּ גֵיין, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, אוּן אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין; אִיךְ קֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, מַיינֶע פְּחָדִים אוּן פַּאנִיק אַטַאקֶעס, אָבֶער דוּ וֵויסְט דָאךְ אַלֶעס, דוּ מַאכְסְט דָאךְ אַלֶעם אוּן דוּ קֶענְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, בֶּעט אִיךְ דִיר טַאטֶע זִיסֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ זָאל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע אוּן אַ גֶעזוּנְטֶע וַוייבּ פַאר מַיין מַאן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר שְׁפִּיר אִיךְ אַזוֹי גוּט אָבֶער נָאכְדֶעם פַאל אִיךְ צוּרִיק, פְּלוּצְלִינְג בַּאפַּאלְט מִיר אָן אַ פַּחַד אַז אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט קָאנְטְרָאלִירְן, אִיךְ הֵייבּ אָן זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ וֵויינֶען אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ וִוירְטְשַׁאפְט. הֶעלְף מִיר! הֶעלְף מִיר! אִיךְ גְלֵייבּ נָאר אִין דִיר, הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אִיךְ זָאל דִיר גֶעבְּן חִיזוּק, וַוייל דַיין מִשְׁפָּחָה הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִיר לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף בְּרֶסְלֶב וְכוּ'; קוּק צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַלֶע דַיינֶע סִיוּמִים וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַאכְן אִינֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם יָאר, דוּ הָאסְט מְסַיֵּם גֶעוֶוען חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, נְבִיאִים וּכְתוּבִים, גַאנְץ שַׁ"ס בַּבְלִי, ד' חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב, זֶעקְס אִין דְרַייסִיג מָאל מִשְׁנַיּוֹת וְכוּ' וְכוּ', דָאס אַלֶעס הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ חֶשְׁקַת הַתּוֹרָה, יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין אַפָּאר קְרֶעצִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן קֶעגְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס קֵיין אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִיטְאַמָאל מְסַיֵּם גֶעוֶוען אֵיין מָאל אִין זֵייעֶר לֶעבְּן

שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה - פוּן זֵיי וֶועסְטוּ צֶעבְּרָאכְן?!

צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶוענְן, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר תְּפִלָּה אוּן זֵייעֶר עֶרְלִיכְקַייט. בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִּיק, בִּזְכוּת דָּוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִּי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב. יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

זָאג פַאר דַיין וַוייבּ אַז זִי זָאל זָאגְן דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, אוּן אֲפִילוּ אַפָּאר מָאל אַ טָאג. אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען זִי צִינְדְט אָן דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאל זִי זָאגְן דִי תְּפִלָּה אוּן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל וֶוערְן רוּאִיג. אוֹיךְ זָאל זִי זָאגְן יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְל כ"ט אִין תְּהִלִּים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַבְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט דִי קַאפִּיטְל נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

דוּ דַארְפְסְט חִיזּוּק? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אוֹיסְהֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִּיק פוּן אִיבֶּער צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, ווִי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי עוֹלָם, אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶס אִיז נָאר וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פְּגוּם בַּבְּרִית, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כא): "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט אוֹיף עֶרְלִיכֶע אִידְן צַדִּיקֵי אֱמֶת אִיז עֶס וַוייל "חִלֵּל בְּרִיתוֹ", דֶער מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין גְרֶאבֶּע עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט זֶען, פַארְקֶערְט נָאךְ, דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי כְּלוֹמֶר'ישֶׁע פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דָאךְ זֶענֶען זֵיי פַארְפוֹילְט פוּן אִינֶעווֵיינִיג. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה", וֶוער עֶס אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; ווִי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער עַזּוּת פָּנִים ווִי אֵיינֶער וָואס וַוייגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִּיקֵי אֱמֶת?!

דִי גְרֶעסְטֶע חִיזּוּק פַאר דִיר דַארְף זַיין, וֶוען דוּ קוּקְסְט זִיךְ אָן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר אוּן מִיט דַיין וַוייב תִּחְיֶ'; דֶער רֶבִּי גֶעבְּט סְחוֹרָה אִין דִי הֶענְט, מֶען עֶפְנְט אוֹיף דִי הַאנְט זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען אַדַאנְק דֶעם רֶבִּי'ן. זָאג מִיר צִי עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיינֶער אִין דַיין גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל וואוּ דוּ וואוֹינְסְט וָואס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אַזוֹי יוּנְג ווִי דִיר; דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר וָואס דוּ הָאסְט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דִי פָּאר

יָאר זַייט דוּ הֶערְסְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוֹיף "קוֹל בְּרֶסְלֶב"; נִישְׁט אִיךְ קֶען דִיר אוּן נִישְׁט דוּ קֶענְסְט מִיר, סַךְ הַכֹּל הֶערְסְטוּ אוֹיס דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה, דִיבּוּרִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְן מִיט דֶעם אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס זָאג אִיךְ נָאךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיין גְרוֹיסֶע תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; פְּרֶעג אִיךְ דִיר: "אִיז דָאס נִישְׁט גֶענוּג חִיזּוּק פַאר דִיר?!"

מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים אַז מִיר זֶענֶען טוֹיטֶע חֲסִידִים חַס וְשָׁלוֹם, וַוייל אוּנְזֶער רֶבִּי לֶעבְּט נִישְׁט אוּן מִיר פָּארְן צוּ אַ טוֹיטֶע רֶבִּי וְכוּ'; וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי לֶעבְט, זַיינֶע סְפָרִים לֶעבְּן אוּן עֶס גֶעבְּט לֶעבְּן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס לֶערְנְט דֶערִין.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכב): "וֶוער עֶס וֶועט נָאר הָאבְּן אַ שַׁייכוּת מִיט אֵיינֶע פוּן מַיינֶע תַּלְמִידִים, וֶועט שׁוֹין אוֹיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נִישְׁט נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק"; דָאס זֶעט מֶען הַיינְט מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי דִיבּוּרִים וָואס זֵיי הֶערְן פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט נָאר אָנְגֶעכַאפְּט אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז מֶען הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף דִיר אַז בְּרֶסְלֶב אִיז עֶרְגֶער ווי אַ סְמַארְט פָאוּן וְכוּ', אוּן אַז דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים; ווי קֶען מֶען אוֹיסְטְרַאכְטְן פַאלְשֶׁע מַאֲמָרִים אוֹיפְ'ן

רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר, וֶוען דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם רֶבִּי'ן אִין סֵפֶר הַקָדוֹשׁ וְיוֹאֵל מֹשֶׁה, וואוּ דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוואוּסְט בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ וָואס וֶועט זַיין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, עֶר שְׁרַייבְּט בָּזֶה הַלָשׁוֹן (מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן קנ): "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, שֶׁרָאָה מַה הִגִיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא"; אִיז וִוי קֶען מֶען אַרוּיפְלֵייגְן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן אַזֶעלְכֶע מַאֲמָרִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, וֶוען דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס בְּרֶענְגְט אַרָאפּ אִין זַיינֶע סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן צַדִיקֵי אֱמֶת, דָאס זֶענֶען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר פָּגוּם בִּבְּרִית, אַנְדֶערְשׁ וָואלְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים.

**בְּנוֹגֵעַ** קִינְדֶער וְכוּ'; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט צְוֵויי לִיבְטִיגֶע קִינְדֶער, יֶעצְט וַוארְט נָאךְ אַבִּיסְל וְכוּ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ וֶועט קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת מֶער אוּן מֶער, וֶועלְן מִיר דֶעמָאלְט רֶעדְן.

**דַאנְק** אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיינֶע צְוֵויי לִיבְטִיגֶע קִינְדֶער אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

**אַ** גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעשִׁיקְט, בִּזְכוּת מִצְוַת צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת וִישׁוּעוֹת.

# קיא

## ווי אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶרע דְרָשׁוֹת און חִיזוּק, אִיךְ זֶע עֶס יֶעדְן טָאג, עֶס מַאכְט מִיךְ גוּט, און מַיין גַאנְצֶע שְׁטוּב מַאכְט עֶס גוּט.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וֶוען זֵיי שְׁפִּילְן זָאגְן זֵיי: "אִיךְ בִּין דִי גְרֶעסְטֶע", "נֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֶעסֶער", זֵיי טְרַאכְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ גוּף און עֶר אִיז עֶרְגֶעץ, און עֶר אִיז גְרוֹיס. אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קְלֵיין הָאבּ אִיךְ אִין בֶּעט גֶעטְרַאכְט ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אוֹיס, אֶפְשָׁר אַזוֹי ווִי אַ ... (אִיךְ ווִיל נִישְׁט זָאגְן ווַייל עֶס אִיז אַ שַׁאנְדֶע פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ שְׁרַייבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט) אָבֶּער אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט, אֶפְשָׁר אַזוֹי ווִי ...

מַיין קַשְׁיָא אִיז, אֶפְשָׁר אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן אַסַאךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל קִינְדֶער מִיט זֵייעֶר קְלֵיינֶע קֶעפְּל כַאפְּן עֶס נִישְׁט גֶעהֶעריג. אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה דַארְף מֶען זֵיי דָאךְ מְחַנֵךְ זַיין, און אַסַאךְ רֶעדְן אַז אַזוֹי זָאלְן זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען זֵיי וֶוערְן גְרוֹיס, אַזוֹי ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אִין דִי דְרָשׁוֹת.

אוֹיךְ לֶערְן אִיךְ זֵיי אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער אִיךְ טְרַאכְט אַז זֵיי זֶעעֶן אַז זֵיי בֶּעטְן און זֵיי וֶוערְן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, טְרַאכְטְן זֵיי אַז עֶס אִיז אַ לִיגְנְט.

אוֹיךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קְלֵיין הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט וֶוער הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִמֵילָא טְרַאכְט אִיךְ אַז אֶפְשָׁר דַארְף מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער אַז מֶען טָאר עֶס נִישְׁט טְרַאכְטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ג מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**קִינְדֶער**, ווִי יוּנְגֶער זֵיי זֶענֶען, אִיז זֵייעֶר אֱמוּנָה אַסַאךְ שְׁטֶערְקֶער ווַייל זֵייעֶר נְשָׁמָה אִיז נָאךְ אִינְגַאנְצְן רֵיין. דֶערְפַאר זֶעט מֶען בַּיי זֵיי אַ שְׁטַארְקֶע תְּמִימוּת; זֵייעֶר דַאווֶענֶען אוּן לֶערְנֶען אִיז זֵייעֶר אֵיידְל אוּן רֵיין, ווַייל זֵייעֶר אֱמוּנָה אִיז קְלָאר. אָבֶער ווִי עֶלְטֶער מֶען ווֶערְט אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן נָאכְצוּגֵיין דֶעם יֵצֶר הָרָע, ווֶערְט דִי אֱמוּנָה אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל הָאָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה בָּאָדָם", ווֶען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט בְּרֶענְגְט דָאס אִים צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה. אָבֶער קִינְדֶער, ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה.

**ווּזאוֹיל** אִיז פַאר עֶלְטֶערְן ווָאס לֵייגְן אַרַיין אֱמוּנָה אִין זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; יֶעדֶע זַאךְ ווָאס דִי קִינְדֶער דַארְפְן, יֶעדֶע זַאךְ ווָאס זֵיי בֶּעטְן פוּן דִי עֶלְטֶערְן, זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער: "בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "דֶערְצֵייל פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן", אַזוֹי ווֶעלְן דִי קִינְדֶער אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן. ווֶען זֵיי ווֶעלְן ווֶערְן גְרֶעסֶער ווֶעט זַיין בַּיי זֵיי אַ דָבָר פָּשׁוּט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי ווֶעלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה.

**דָאס** וָואס אִיר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי וֶועלְן אַמָאל בֶּעטְן עֶפֶּעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זֵיי וֶועלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען וָואס זֵיי בֶּעטְן, וועט דָאס גוֹרֵם זַיין אַז זֵייעֶר אֱמוּנָה וֶועט וֶוערְן שְׁוַואכֶער; קוֹדֶם כָּל דַארְף מֶען וויסְן אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט מֶען וָואס מֶען בֶּעט, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן בַּיים דַאוֶוענֶען: ״בָּרוּךְ אַתָּה ה׳ שׁוֹמֵעַ תְּפִילָּה״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִילָּה וָואס אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט. דָאס וָואס מִיר זֶעעֶן אַז מֶען בֶּעט און מֶען בֶּעט און מֶען זֶעט נָאךְ נִישְׁט דִי יְשׁוּעָה, דַארְף מֶען וויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס עֶס אִיז דָאס בֶּעסְטֶע פַאר׳ן מֶענְטְשׁ. מִיר דַארְפְן הָאבְּן אֱמוּנָה און גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, אֲפִילוּ וָואס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט, אַזוֹי אוֹיךְ אַז דִי תְּפִילָּה וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן בְּלַייבְּט אוֹיבְן אִין הִימְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט דִי תְּפִילָּה און לֵייגְט דָאס אַוֶועק פַאר אַנְדֶערֶע יְשׁוּעוֹת.

**וֶוען** קִינְדֶער זָאגְן: ״מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעבֶּעטְן און מִיר וֶוערְן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן״, דַארְף מֶען זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַז דִי זַאךְ אִיז נִישְׁט גוּט פַאר אוּנְז וְכוּ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אוּנְזֶערֶע תְּפִילּוֹת און עֶר לֵייגְט דָאס אַוֶועק פַאר אַנְדֶערֶע זַאכְן, וַוייל קַיין אֵיין תְּפִילָּה וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

**דֶער** עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיב מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, ווי אַזוֹי עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען גוּטֶע קִינְדֶער אַזוֹי ווִי מֶען רַייסְט אַרָאפּ אַן עֶפְּל פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט טְרֶערְן, נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען מַיינֶע טְרֶערְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעווִישְׁט דֶעם פָּנִים מִיט דִי טְרֶערְן; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעבּ מִיר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת וְכוּ' וְכוּ'".

**דֶערְפַאר** דַארְפְן עֶלְטֶערְן גֶעדֶענְקֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ קְלֵיין, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין אוּן הֵיילִיג; דוּרְכְדֶעם וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן וֶועלְן שֶׁעפְּן פוּן זֵיי אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

# קיב

## מֶעג איך לָאזְן מַיין קִינְד בַּיים בֶּעבִּיסִיטֶער מֶער פוּן ווִיפִיל ס'פֶּעלְט אוֹיס?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זָאגְן אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק.

אַזוֹי ווִי אִיךְ אַרְבֶּעט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אוֹיסֶער דָאנֶערְשְׁטָאג, אוּן דִי אַרְבֶּעטְס פְּלַאץ שְׁטֶעלְט צוּ בֶּעיבִּי-סִיטִינְג, אוּן אַזוֹי ווִי אִיךְ ווִיל אוֹיסְנוּצְן דֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג טָאג אָנְצוּגְרֵייטְן פַאר שַׁבָּת, רֵיינִיגְן דִי הוֹיז, קָאכְן אוּן וַואשְׁן וְכוּ', הָאבּ אִיךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעטְרָאגְן מַיין בֶּעיבִּי צוּ דִי בֶּעיבִּי-סִיטֶער דָאנֶערְשְׁטָאג (וָואס מַיין קִינְד הָאט זֵייעֶר לִיב צוּ זַיין דָארְט), אָבֶער זֵייעֶנְדִיג אִינְדֶערְהֵיים טוּעֶנְדִיג דִי אַרְבֶּעט הָאבּ אִיךְ גֶעפִילְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְט, טְרַאכְטְנְדִיג אַז דִי אֵיינֶע טָאג אִין דִי וָואךְ וָואס אִיךְ הָאבּ פְרֵיי ווָאלְט אִיךְ אֶפְשַׁר עֶנְדֶערְשׁ גֶעדַארְפְט אוֹיסְנוּצְן צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט מַיין קִינְד.

ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה צִי דָאס אִיז סְתָם עֲצַת הַיֵצֶר וָואס ווִיל מִיר מַאכְן פִילְן צֶעקְלַאפְּט, אַז אִיךְ טוּ נִישְׁט גֶענוּג אַלְס אַ מַאמֶע, אָדֶער אַלְס אַ מַאמֶע מֶעג אִיךְ מִיךְ עֶרְלוֹיבְן צוּ הָאבְן דִי פָּאר שָׁעָה רוּאִיג צוּ טוּן מַיין אַרְבֶּעט, אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען קֶען מֶען גֶענוּג אוּן נָאךְ פְרַייטָאג אוּן שַׁבָּת, אוּן יֶעדְן טָאג נָאךְ דִי אַרְבֶּעט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ה מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**אוֹיבּ** אַייעֶר קִינְד אִיז צוּפְרִידְן דָארְט וואוּ עֶר גֵייט אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אִיז נִישְׁט קֵיין פְּרָאבְּלֶעם אַז מֶען שִׁיקְט אִים אַהִין אוּן מֶען רוּט זִיךְ אַבִּיסְל אָפּ, וַוייל אַז מֶען הָאט אַבִּיסְל צַייט אִינְמִיטְן טָאג זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן קֶען מֶען נָאכְדֶעם זִיךְ מֶער אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער.

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסט): "וָואס מֶען טוּט טוּט מֶען, אַבִּי מֶען טוּט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטְס"; אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן מִיט אַ שִׁילְד גֶעפִּיל אוֹיף זַיין פַארְגַאנְגֶענְהַייט, נָאר שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן"; מֶען קֶען הֶערְן וִוי מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן, "אָבֶּער בַּיי מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, אוּן

דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דֶער מֶענְטְש זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנַייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנַיי״.

מֶען זֶעט אַז דִי תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן מִיט׳ן אוֹת ׳ב׳ וָואס אִיז פַארְמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטְן, עֶס אִיז אָפְן נָאר אוֹיף פָאָרְאוֹיס; דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז אוֹיבּ מֶען וִויל מַצְלִיחַ זַיין, טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אוֹיף פָאָרְאוֹיס. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט מֶען נָאךְ פוּן צַדִיקִים, אַז דִי וַוייבּ פוּן לוֹט אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק זַאלְץ צוּלִיבּ דֶעם וָואס זִי הָאט צוּרִיק גֶעקוּקְט, אוּן וֶוען מֶען קוּקְט צוּרִיק וֶוערְט מֶען זַאלְץ, דָאס הֵייסְט מֶען וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן וִויסְן אַז צוּ גוּטֶע קִינְדֶער אִיז מֶען זוֹכֶה נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִילָה; קִינְדֶער זֶענֶען אַזוֹי וִוי פְּרוּכְט, אוֹיבּ מֶען בַּאוַואסֶערְט נִישְׁט אַ פֶעלְד וֶועט נִישְׁט אַרוֹיס קוּמֶען קַיין פֵּירוֹת אוּן תְּבוּאָה, נָאר וִוי מֶער מֶען בַּאוַואסֶערְט דָאס, אַלְץ שֶׁענֶערֶע פְּרוּכְט קוּמֶען אַרוֹיס. אַזוֹי אִיז מִיט קִינְדֶער; וִוי מֶער תְּפִילוֹת, וִוי מֶער טְרֶערְן דִי עֶלְטֶערְן לֵייגְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, אַלְץ מֶער נַחַת וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״דָאס אִיז דֶער

תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם ווִי זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג ווֵיינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע ווֶעגְן.

## קיג

### זָאל אִיךְ גֵיין צוּ קוּרְסֶעס פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן חִינוּךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין עֶטְלִיכֶע יָאר וָואס אִיךְ לֶערְן בַּיי אַ חָשׁוּבֶ'ע פְּרוּשׁ שִׁיעוּרִים וֶועגְן חִינוּךְ יְלָדִים, שָׁלוֹם בַּיִת אוּן נָאךְ כָּל מִינֵי זַאכְן ווֶעלְכֶע קֶענֶען אַרוּיס הֶעלְפְן צוּם לֶעבְן, דִי זַאכְן הָאבְן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ צוּגֶעגֶעבְן. אַלֶעס לוֹיט דִי תּוֹרָה, אָן קַיין שׁוּם מְקוֹרוֹת פוּן פְרֵייעֶ/גוֹיִים וְכוּ'.

פוּן ווֶען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען ווֵיינִיגֶער, בִּיז אִיךְ הָאבּ אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ גֵיין.

יֶעצְט נָאךְ סוּכּוֹת הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ קוּרְס פַאר אַזֶעלְכֶע וָואס ווִילְן אַלֵיינְס אִיבֶּערְגֶעבְּן שִׁיעוּרִים, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען מְקוֹרוֹת אוּן נָאךְ זַאכְן ווִי אַזוֹי צוּ אִיבֶּערְגֶעבְן אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן אוֹפָן.

מִיט דִי צַייט, וָואס מֶער אִיךְ הֶער אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ בַּיי מִיר גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ גֵיי נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אָנְגֶענוּמֶען פוּן אַייךְ אַז מִיט

תְּפִילָה, אֱמוּנָה און תְּמִימוּת וּפְּשִׁיטוּת קֶען מֶען צוּ אַלֶעם צוּקוּמֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט גֵיין לֶערְנֶען און אוֹיסְגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט אוֹיף דֶעם.

אִיךְ בִּין אָבֶער נִישְׁט זִיכֶער אַז אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט, אֶפְשֶׁר דַארְף אִיךְ יָא גֵיין לֶערְנֶען? אֶפְשֶׁר וֶועט עֶס מִיר יָא צוּגֶעבְּן צוּ מַיין לֶעבְּן? וִוי אוֹיךְ צוּ הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע?

אַזוֹי וִוי דִי גַאנְצֶע שִׁינוּי אִין מַיין מַחֲשָׁבָה אִיז גֶעוָוארְן אִין זְכוּת פוּן אַייעֶרע שִׁיעוּרִים, בֶּעט אִיךְ אַייךְ, אֶפְשֶׁר וֶועט אִיר מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַ רִיכְטִיגֶע עֵצָה/וֶועג אִין דֶעם עִנְיָן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

## וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וִויל גֵיין לֶערְנֶען בַּיי אֵיינֶעם תּוֹרָה אָדֶער הַדְרָכָה אִין לֶעבְּן וְכוּ', דַארְף עֶר קוּקְן צִי דֶער רֶבִּי/מְלַמֵד אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צִי עֶר גֵייט מִיטְ'ן שֻׁלְחָן עָרוּךְ; וִוי נָאר אֵיינֶער טְרֶעט אָפּ פוּנֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ דַארְף מֶען גְלַייךְ אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָארְט, בִּפְרָט וֶוען אֵיינֶער קוּמְט נָאךְ מִיט קַבָּלָה פְּשֶׁעטְלֶעךְ וָואס מִיט דֶעם קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג פַארְנַארְן מֶענְטְשְׁן וְכוּ'.

## עֶס אִיז בַּאווָאוּסְט דֶעם סִיפּוּר אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס עֶר הָאט מְחַדֵשׁ

גֶעוֶוען אוֹיף אַ תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אִיר קֶענְט קְנֵייטְשְׁן מַיין סֵפֶר וִוי אַזוֹי אִיר ווילְט (דָאס מֵיינְט אִיר קֶענְט זָאגְן אַלֶע פְּשָׁטִים אוֹיף מַיינֶע תּוֹרוֹת) בִּתְנַאי אַז אִיר זָאלְט נִישְׁט אָפְּטְרֶעטְן פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְחַדֵּשׁ חִידוּשִׁים בַּתּוֹרָה אָדֶער עֶר לֶערְנְט פָּאר הַדְרָכוֹת פַאר אִינְגֶעלַייט אִין שָׁלוֹם בַּיִת אָדֶער אִין חִינוּךְ, דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְפִירְט אוּן אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה - פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

**דֶערְפַאר**, אַז עֶס צִיט אַייךְ צוּ הֶערְן שִׁיעוּרִים אוּן אִיר שְׁרַייבְּט אַז זִי אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי, דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן גֵיין הֶערְן אִירֶע שִׁיעוּרִים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ד, א): "אֵיזֶהוּ חָכָם הַלּוֹמֵד מִכָּל אָדָם", וֶוער אִיז אַ חָכָם? דֶער וָואס לֶערְנְט פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם גוּטֶע זַאכְן. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִילִים קיט, צט): "מִכָּל מְלַמְּדַי הִשְׂכַּלְתִּי".

**וְזִיסְן** זָאלְט אִיר, וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע זֶעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָדֶער אַן עֶרְלִיכֶע אִידֶענֶע, וָואס עֶר אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ זֵיי אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, קוּמְט עֶר צוּם עֶרְלִיכְן אִיד מִיט אַ צְוֵוייטֶע וֶועג - עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כָּל מִינֵי בִּלְבּוּלִים אוּן סְפֵיקוֹת וְכוּ', אַזוֹי צֶעמִישְׁט עֶר אִים אִינְגַאנְצְן. 'עֲמָלֵק' בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי 'סָפֵק'. דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע קוּנְץ, צוּ נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, אִים צוּ צֶעמִישְׁן, עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְעֶסְן דָאס גֶעזוּנְט אוּן טְרַאכְטְן אַ גַאנְצְן טָאג: 'טוּ אִיךְ גוּט? 'טוּ אִיךְ רִיכְטִיג?'

**דֶערְפַאר** דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן נִישְׁט לֶעבְּן מִיט סְפֵיקוֹת וּבִלְבּוּלִים; דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִיזַ"ל זָאגְט אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (דִבְרֵי הַיָמִים-א כט, י): "וַ'יְבָרֶךְ דָ'וִד אֶ'ת יְ'" אִיז "וַדַאי"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, עֶר אִיז זִיכֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ פַארְקֶערְט, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז עֶר זוֹכֶה אַז עֶר וֶוערְט זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר טוּט גוּט אוּן אַז עֶר קֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "דֶער עֶרְשְׁטֶער תִיקוּן אִיז - נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן", ווייל דָאס אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן צִי מֶען הָאט גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט, דָאס צֶעקְלַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ זַייעֶר שְׁטַארְק.

**דֶארְפַאר** אַז אִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז עֶס וֶועט אַייךְ צוּגֶעבְּן אִין לֶעבְּן אַסַאךְ חִיזוּק, אוּן ווייזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, דַארְפְט אִיר זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין וְכוּ'; אוֹיבּ אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר וֶועט קוֹנֶה זַיין פוּן דִי שִׁיעוּרִים וָואס דִי פְּרוֹי לֶערְנְט וְכוּ', זָאלְט אִיר גֵיין אוּן הַנָאָה הָאבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק בֶּענְטְשְׁן מִיט נַחַת פוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, וִיהִי רָצוֹן שֶׁתִּשְׁרֶה שְׁכִינָה בְּמַעֲשֵׂה יְדֵיכֶם.

# קיד

## מֶעגְן קִינְדֶער זֶען דְרָשׁוֹת אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מַיין אִינְגֶל הָאט זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, עֶר פְּלֶעגְט זִיצְן שָׁעוֹת אוּן זִיךְ אַיינְהֶערְן דוּרְכְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער, עֶר הָאט בַּאקוּמֶען הִתְלַהֲבוּת צוּ לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן אוֹיךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ בַּאטָאנֶען אַז דִי קִינְדֶער זֶעעֶן קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט אִין קָאמְפְּיוּטֶער, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מָאוִוים אָדֶער קְלִיפְּס א.ד.ג., (אֲפִילוּ נִישְׁט קְלִיפְּס פוּן דִי יְשִׁיבָה) עֶס וֶוערְט נָאר גֶענוּצְט פַאר דִי אַרְבֶּעט.

אִין אֵיינֶע פוּן אַייעֶרֶע בְּרִיוְון הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז אִיר שְׁרַייבְּט אַז קִינְדֶער זָאלְן גָארְנִישְׁט זֶען אוֹיף אַ קָאמְפְּיוּטֶער [ה], הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט אִים צוּ וַוייזְן אוּן אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל הֶערְן דוּרְכְ'ן טֶעלֶעפָאן.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז וָואס אִיז בֶּעסֶער, עֶר זָאל זֶען דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער, אָדֶער בִּכְלָל נִישְׁט הֶערְן, נָאר וַוארְטְן עֶר זָאל וֶוערְן גְרֶעסֶער, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען הֶערְן.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן דַאנְק!

---

ה. צִיטִירְט פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חֵלֶק א', מִכְתָּב ז: וַוייזְן קְלִיפְּס פַאר קִינְדֶער.

שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַייךְ פַאר אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, זַייט אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ נֵייעֶר מֶענְטְשׁ, אִיךְ בַּאקוּם אַזוֹיפִיל

חִיזּוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען תּוֹרָה יֶעדְן טָאג אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַ סִיפּוּק אִין מַיין לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ זָאל וַוייזְן פַאר מַיינֶע קִינְדֶער קְלִיפְּס וִוי דִי בָּחוּרִים זִינְגֶען אִין יְשִׁיבָה וְכַדוֹמֶה, אָדֶער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ וַוייזְן ווִידִיאוֹס פַאר קִינְדֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן, ח' מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ז לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ הֶערְסְט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אוּן דוּ הָאסְט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן"; מֶען זֶעט דָאס בְּחוּשׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן עו), דַארְף עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט, וַוייל וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבֶּעריגֶע מִינוּט, נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנָיוֹת אָדֶער אַ גְמָרָא אוּן עֶר אִיז גוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי דוּ זָאלְסְט וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער קְלִיפְּס וִוי דִי בָּחוּרִים זִינְגֶען; עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי, וַוייל קִינְדֶער הָאבְּן אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן וֶוען זֵיי הֵייבְּן אָן קוּקְן קְלִיפְּס אוּן ווִידִיאָס וְכוּ' וְכוּ' נֶעמְט עֶס אַוֶועק זֵייעֶר רֵיינְקֵייט וְכוּ'.

אַמָאל הָאט מֶען גֶעווִויזְן בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד פַאר דִי קִינְדֶער וְכוּ', אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם. עֶר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו אַז מֵהַיּוֹם וְהָלְאָה זָאל אִיךְ מֶער נִישְׁט וַוייזְן פַאר קִינְדֶער קֵיין שׁוּם ווִידִיאָס אוּן קְלִיפְּס וְכוּ' וְכוּ'.

דָאס וָואס מֶען לֵייגְט אַרוֹיף דִי נִיגוּנִים אוּן דְרָשׁוֹת אוֹיף דִי כֵּלִים, דָאס אִיז אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ; הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער זִיצְן נֶעבֶּעךְ אוֹיף דִי אִינְטֶערְנֶעט טָאג אוּן נַאכְט, אוּן דָאס אִיז נָאךְ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט כְּדַאי זֵיי צוּ וַוייזְן וְכוּ'.

אַדְרַבָּה, צִינְד זֵיי אָן דִי סִידִי'ס; זָאלְן זֵיי דָאס הֶערְן אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן דָאס וֶועט אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל יֶעדֶע נִיגוּן אִיז נָאכְאַמָאל אֱמוּנָה אוּן נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה. מִיר הָאבְּן שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן צֶענְדְלִיגֶער סִידִיס פוּן תְּשׁוּבָה אוּן פוּן אֱמוּנָה וָואס דוּ קֶענְסְט זֵיי גֶעבְּן צוּ הֶערְן.

אַ גוּטְן טָאג.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ'.

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייֶער בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען וַוייזְט נִישְׁט קְלִיפְּס פַּאר קִינְדֶער; אַ קִינְדְ'ס מֹחַ פַּארְנֶעמְט גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס קוּקְן אוֹיפְ'ן סְקְרִין ווי אַן עֶרְוַואקְסֶענֶער מֶענְטְשׁ - אֲפִילוּ כָּשֵׁר'ע זַאכְן, לְמָשָׁל פָארְשְׁטֶעלוּנְגֶען וָואס הַיימִישֶׁע מוֹסְדוֹת שְׁטֶעלְן אַרוֹיס; דָאס אַלֶעס אִיז גוּט פַאר עֶרְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן, מַה שֶׁאֵין כֵּן קִינְדֶער, בְּלַייבְּן זַייעֶר פַּארְ'מֹחַ'ט אוּן פַּארְ'חָלוֹמְ'ט נָאכְ'ן קוּקְן אוֹיפְ'ן סְקְרִין. דִי אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס מִיר לֵייגְן אַרוֹיף וְכוּ' וואוּ מֶען קֶען זֶען שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה וְכוּ' דָאס אִיז נִישְׁט פַּאר קִינְדֶער.

**דֶערְפַּאר** זָאלְט אִיר ווִיסְן אַז אִיר הָאט זֵייעֶר גוּט גֶעטוּן אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וַוייזְן פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער דְרָשׁוֹת פוּן יְשִׁיבָה, וֶוען עֶר וֶועט עֶלְטֶער וֶוערְן וֶועט עֶר קֶענֶען קוּקְן דְרָשׁוֹת פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק גֶעבְּן כּוֹחוֹת צוּ מְחַנֵּךְ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶנְק זָאלְן קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

**וְעַל** כּוּלָם - תְּפִילָה, תְּפִילָה, תְּפִילָה; טְרֶערְן, טְרֶערְן, טְרֶערְן, טְרֶערְן - דָאס אִיז דֶער סוֹד פוּן גֶעזוּנְט, הַצְלָחָה, נַחַת, פַּרְנָסָה וְכוּ' וְכוּ'.

# קטו

## מַיין טַאטֶע שְׁטֵייט אַיין בַּיי מִיר און מַיין וַוייבּ אִיז בְּרוֹגֶז.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאמֶע אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן פַאר דְרֵיי יָאר צוּרִיק, מִיר זֶענֶען צְוֵויי אִין דִי מִשְׁפָּחָה, בֵּיידֶע וואוֹינֶען אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט פוּן מַיין טַאטֶע, דֶערִיבֶּער שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס אַז בְּמֶשֶׁךְ דִי יָאר אִיז מַיין טַאטֶע אַלֵיין.

אוֹיף יוֹם טוֹב סוּכּוֹת קוּמְט עֶר צוּ מִיר יֶעדֶעס יָאר, אָבֶּער יֶעצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס אַז נָאךְ סוּכּוֹת בְּלַייבְּט עֶר בַּיי מִיר פַאר צְוֵויי חֳדָשִׁים, עֶר אִיז שׁוֹין בַּיי אוּנְז פוּן פַאר סוּכּוֹת אוּן בְּלַייבְּט בִּיז דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

מַיין טַאטֶע אִיז נִישְׁט קַיין לַייכְטֶער מֶענְטְשׁ, פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען דָאךְ הָאט מַיין וַוייבּ מִיר גֶעזָאגְט פַאר צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק אַז בָּרוּךְ ה' מֶען הָאט זִיךְ גוּט אַן עֵצָה גֶעגֶעבְן. יֶעצְט אִיז שׁוֹין אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, אוּן מַיין וַוייבּ אִיז מוֹרָא'דִיג בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעלָאזְט מַיין טַאטֶע פַאר אַזוֹי לַאנְג. דֶער אֱמֶת אִיז אַז אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט, עֶר הָאט מִיר פָּשׁוּט מוֹדִיעַ גֶעוֶוען פַאר ווִי לַאנְג עֶר קוּמְט, אוּן דָאס אִיז עֶס; אִיךְ בִּין נִישְׁט מְסוּגָל אִים צוּ זָאגְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּמֶען, וַוייל עֶר וֶועט עֶס נֶעמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס וֶועט הֶעלְפְן.

לְמַעֲשֶׂה אִיז מַיין וַוייבּ זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן אַן עֵצָה וָואס צוּ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרַט קָטָן
לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**ווָאוֹיל** אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט אַרַיין גֶענוּמֶען דַיין פָּאטֶער צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן ווִי גְרוֹיס אִיז דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:): "שְׁלֹשָׁה שֻׁתָּפִין הֵן בְּאָדָם, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, אָבִיו וְאִמּוֹ, בִּזְמַן שֶׁאָדָם מְכַבֵּד אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיהֶם כְּאִילוּ דַּרְתִּי בֵּינֵיהֶם וְכִבְּדוּנִי", דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִיז דָא אִינֶעם מֶענְטְשׁ - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; ווֶען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אִיךְ קוּם וואוֹינֶען צְווִישְׁן אַייךְ, אוּן אִיךְ רֶעכְן דָאס אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט מִיר מְכַבֵּד".

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ קֶענְסְט מְקַיֵּים זַיין אַזַא גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע, בִּפְרַט ווֶען עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן אֵיינֶער אַלֵיין ה' יְרַחֵם. אִין דֶעם זְכוּת ווֶעט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז דוּ ווֶעסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווֶעט רוּעֶן בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן ווֶען עֶס אִיז דָא הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה ווֶערְט לִיכְטִיג אִין שְׁטוּבּ.

**דָאס** ווָאס דַיין וַוייבּ הָאט בַּיים אָנְהוֹיבּ זִיךְ גֶעפְרֵיידְט אוּן יֶעצְט אִיז זִי בְּרוֹגֶז וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ פְרוֹי דַארְף

גָארְנִישְׁט, אַ פְּרוֹי וויל גָארְנִישְׁט; אַ פְּרוֹי וויל אֵיין זַאךְ - אַ מַאן, אוֹיבּ הָאט זִי אַ מַאן, דָאס הֵייסְט דֶער מַאן הֶעלְפְט אִיר, דֶער מַאן גֶעבְּט אִיר גוּטֶע וֶוערְטֶער, עֶר הֶערְט אִיר אוֹיס, עֶר הָאט מִיטְלַייד מִיט אִיר, זִי שְׁפִּירְט ווִי זִי הָאט אֵיינֶעם וָואס זָארְגְט פַאר אִיר וְכוּ', דֶעמָאלְט דַארְף זִי שׁוֹין גָארְנִישְׁט, זִי אִיז גְלִיקְלִיךְ אוּן צוּפְרִידְן, זִי וֶועט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּרֶעדְן וְכוּ'. אוֹיבּ הָאט זִי נִישְׁט קַיין מַאן, דָאס הֵייסְט, זִי הָאט אַ מַאן אָבֶּער דֶער מַאן דַארְף אִיר נִישְׁט, דֶער מַאן דַארְף אִיר נָאר אוֹיף אַזוֹיפִיל אַז זַיינֶע חֲבֵרִים זָאלְן אִים נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַז עֶר אִיז אַ גְרוּשׁ וְכוּ', אָבֶּער חוּץ מִזֶּה הָאט עֶר נִישְׁט מִיט אִיר קַיין שׁוּם עֵסֶק וְכוּ', דַאן וֶועט זִי בְּרוֹגֶז וֶוערְן אוֹיף אִים יֶעדְן טָאג אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ.

עֶס אִיז דָא אַ מַעֲשֶׂה וָואס דִי וֶועלְט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַן אִישׁ מְכוּבָּד אַ גַאסְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, עֶס אִיז גֶעוֶוען שַׁבָּת רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דֶער גַאסְט אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער בַּעַל תְּפִילָה, עֶר הָאט גֶעוַוארְט מֶען זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט 'קַבָּלַת שַׁבָּת', לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען צוּגֶעשִׁיקְט אַ צְוֵוייטְן. אִים הָאט דָאס בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מִן הַסְּתָם ווילְן זֵיי מִיר צוּשִׁיקְן צוּ שַׁחֲרִית', עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם, אַז עֶר גֵייט מָארְגְן אַרָאפְּלֵייגְן אַ שֵׁיינֶעם מִמְקוֹמְךָ אוּן אַ שֵׁיינֶעם הַלֵּל, לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען אִים נִישְׁט צוּגֶעשִׁיקְט צוּ שַׁחֲרִית, קַיין עֲלִיָּה הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט בַּאקוּמֶען, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט: 'זִיכֶער וֶועט מֶען מִיר צוּשִׁיקְן צוּ מוּסָף', וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז בַּיי

מוּסָף הָאט מֶען אוֹיךְ צוּגֶעשִׁיקְט אַ צְוֵוייטְן הָאט עֶר גֶעפְּלַאצְט! עֶס קוּמְט הוֹיכֶע שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה, דֶער שָׁלִיחַ צִיבּוּר הָאט בְּטָעוּת אָנְגֶעהוֹיבְּן 'תִּכַּנְתָּ שַׁבָּת' אַנְשְׁטָאט 'אַתָּה יָצַרְתָּ', אוּן דֶער גַאסְט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "נָא! נוּ! אַתָּה יָצַרְתָּ!" אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ: 'הַלְוַאי וֶוען אִיךְ קֶען וֶוען זָאגְן וָואס לִיגְט אוּנְטֶער דָאס שְׁרַייעֶן "נוּ! נָא! אַתָּה יָצַרְתָּ"'.

וֶוען אַ פְּרוֹי בַּאקוּמְט נִישְׁט פוּן אִיר מַאן קַיין אַנֶערְקֶענוּנְג, דֶער מַאן רֶעכְנֶט זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר, עֶר רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ אִיר וְכוּ' וְכוּ', וֶוען דִי פְּרוֹי שְׁרֵייט: "נוּ! נָא!" דֶעמָאלְט וֵוייסְט מֶען גְלַייךְ אַז עֶפֶּעס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם "נוּ!" עֶפֶּעס לִיגְט אוּנְטֶער דֶעם "נָא!"

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה יז.): "אִישׁ וְאִשָּׁה - זָכוּ שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶן", וֶוען מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דִי שְׁכִינָה אִיז אִין שְׁטוּבּ, וַוייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען אִיז שָׁלוֹם (שַׁבָּת י.).

זֶע צוּ בַּאנֵייעֶן דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ; פוּן אֵיין זַייט זָאלְסְטוּ וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיין טַאטֶע אוּן אִים הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת. אוֹיךְ אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר חִינוּךְ אַז דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף מִיט אַ זֵיידֶע, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ דְרֵייְדט זִיךְ אַרוּם דֶעם זֵיידְן, מֶען הֶעלְפְט אִים, מֶען טְרָאגְט אִים אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט אִים וְכוּ'. פוּן דֶער אַנְדֶערֶער

זַייט זָאלְסְטוּ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דַיין וַוייב אִיר צוּ גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אוּן לִיבְּשַׁאפְט, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קטז

### אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער אִין קְלַאס, ווִי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מֶען הָאט מִיר אָנְגֶענוּמֶען דָאס יָאר אַלְס מְלַמֵד אִין אַ נַייעֶ תַּלְמוּד תּוֹרָה אִין כִּיתָּה ז', בָּרוּךְ ה' עֶס אִיז זֵייעֶר אַ פֵיינֶע קְלַאס מִיט קִינְדֶער פוּן חָשׁוּב'ע הַיימִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ מִיר אוּן עֶר רֶעסְפֶּעקְט מַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער אַפָּאר גֶעצֵיילְטֶע קִינְדֶער וָואס מַאכְן מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, זֵיי הֶערְן בִּכְלַל נִישְׁט צוּ וָואס אִיךְ רֶעד צוּ זֵיי, נִישְׁט פַאר שְׁלֶעכְטִיקֵייט נָאר זֵיי הֶערְן טַאקֶע נִישְׁט, זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פַארְחָלוֹמְ'ט אוּן זֵיי הֶערְן פָּשׁוּט נִישְׁט אַז מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ זֵיי, בִּיז וֶוען מֶען זָאגְט אַפָּאר מָאל וֶועקְן זֵיי זִיךְ אוֹיף.

אוֹיךְ אִיז דָא אַ קִינְד, גְרַאדֶע מִיט גַאנְץ אַ פֵיינֶעם קֶעפְּל, אָבֶּער דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן פָּארְלֶערְנֶען מַאכְט עֶר מִיט דִי הֶענְט כְּאִילוּ עֶר

שׁיסט יֶעצְט בָּאמְבֶּעס אויף אֵיינֶעם און עֶר מַאכְט דִי גֶערוּדֶער ווִי בָּאמְבֶּעס פְלִיעֶן. אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אָנְפַאנְג אַז עֶפֶּעס אִיז נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג מִיט אִים, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז עֶס פֶעלְט אִים מַמָשׁ גָארְנִישְׁט, עֶר הָאט אַ פֵיין קֶעפְּל און בַּיים שְׁפִּילְן אִיז עֶר פוּן דִי בֶּעסְטֶע, אוֹיךְ דָאס לֶערְנֶען קֶען עֶר שְׁנֶעל אוֹיפְכַאפְּן, אָבֶּער אִינְמִיטְן פָּארְלֶערְנֶען פְלִיט עֶר עֶרְגֶעץ אַוֶועק, וְאֵינֶנּוּ.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַסַאךְ מִיטְלֶען, אָבֶּער עֶס גֵייט זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶס קוּקְט אוֹיס ווִי זֵייעֶר מֹחַ אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא. דֶער מְנַהֵל זָאגְט אַז עֶס אִיז אַזוֹי בַּיי אַסַאךְ קִינְדֶער און זֵיי וַואקְסְן עֶס אוֹיס שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער מִיר שְׁטֶערְט עֶס זֵייעֶר שְׁטַארְק, אִיךְ ווִיל אַז יֶעדֶער קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין, אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל** אִיז דִיר און ווָאוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד דַרְדְּקֵי, לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט תִּינוֹקֶת שֶׁל בֵּית רַבָּן וָואס אוֹיף זֵייעֶר תּוֹרָה שְׁטֵייט דִי וֶועלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים" - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת, אַ מְלַמֵּד אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס. פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן הִימְל, אַזוֹי אוֹיךְ קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי זְכוּתִים פוּן אַ מְלַמֵּד וָואס לֵייגְט אַרַיין אִין

קִינְדֶער תּוֹרָה, תְּפִילָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק זַיין אַז דוּ הָאסְט אַזוֹיפִיל זְכוּתִים אִין הִימְל.

אַ מְלַמֵּד דַארְף גוּט עֶסְן אוּן גוּט שְׁלָאפְן אַזוֹי ווִי דִי הֲלָכָה אִיז (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סָעִיף טז): "וְאֵין לַמְלַמֵּד לִנְעוֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בַּיּוֹם לִלְמֹד, וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה", אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין אוֹיף שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט כְּדַאי עֶר זָאל נִישְׁט זַיין מִיד; ווייל אוֹיבּ אַ מְלַמֵּד אִיז מִיד, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן גֶעהֶערִיג, קֶען עֶר שְׁנֶעל וֶוערְן אוֹיפְגֶערֶעגְט חַס וְשָׁלוֹם אוּן עֶר קֶען צוּקוּמֶען צוּ שְׁלָאגְן וְכוּ', אָדֶער אַז אַ מְלַמֵּד עֶסְט נִישְׁט גֶעהֶערִיג, עֶר אִיז הוּנְגֶערִיג, קֶען עֶר חַס וְשָׁלוֹם וֶוערְן אָנְגֶעצוֹיגְן אוֹיף דִי קִינְדֶער. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין שְׁלָאפְן פְּרִי אַז דוּ זָאלְסְט זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט, וֶועט דֶער גַאנְצֶער טָאג דִיר גֵיין גְרִינְגֶער.

אִיךְ ווִיל דִיר מִיטְטֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה וָואס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען; אַ מְלַמֵּד הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר זַיינְ'ס אַ חַבֵר אַז עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם, עֶר ווייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זַיין כִּתָּה, יֶעדֶע עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וֶוערְן דִי קִינְדֶער אַזוֹי שְׁלֶעכְט צוּ אִים, זֵיי נֶעמֶען אִים מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים בִּיז עֶר שְׁלָאגְט זֵיי, "אִיךְ ווייס נִישְׁט פוּן וואוּ דִי קִינְדֶער ווייסְן וֶוען עֶס אִיז עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ; אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ אִיז אַלֶעס פֵיין אוּן וואוּיל בִּיז עֶס קוּמְט עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, דֶעמָאלְט וֶוערְן זֵיי גֶעפֶערְלִיךְ צֶעווִילְדֶעוֶועט וְכוּ'"; דֶער חַבֵר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶפֶּעס גֵייט פָאר מִיטְ'ן מְלַמֵּד אַלֵיין, נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער; פְרֶעגְט עֶר דֶעם מְלַמֵּד:

"זָאג מִיר, וָואס אִיז דַיין סֵדֶר הַיּוֹם יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ?" זָאגְט דֶער מְלַמֵּד פַאר זַיין חָבֵר: "יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ פִיר אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גָאר פְרִי אוּן אִיךְ זָאג אוֹיס תְּהִילִים, אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַן הַנְהָגָה נָאךְ פוּן אַלְס בָחוּר צוּ פַאסְטְן יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ וְכוּ'", זָאגְט אִים דֶער חָבֵר: "שׁוֹין, דַארְפְּסְט נִישְׁט מֶער רֶעדְן, הָאסְט שׁוֹין אַלֶעס דֶערְצֵיילְט; נִישְׁט דִי קִינְדֶער זֶעעֶן דִי פְּרָאבְּלֶעם, דִי קִינְדֶער זֶעעֶן טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, זָאגְסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז זֵיי זֶעעֶן וואוּיל אַ גַאנְצְן חוֹדֶשׁ, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ פַאסְט יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, אוּן אַז מֶען עֶסְט נִישְׁט וֶוערְט מֶען שְׁנֶעלֶער נֶערְוֶועז וְכוּ'. אִיךְ הָאבּ פַאר דִיר צְוֵויי עֵצוֹת, אָדֶער הֶערְסְטוּ אוֹיף צוּ פַאסְטְן אַזוֹי וִוי דִי הֲלָכָה אִיז אַז אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט פַאסְטְן, אָדֶער אוֹיבּ דוּ ווילְסְט נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דַיין מִנְהָג, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד וָואס זָאל דִיר אִיבֶּער נֶעמֶען יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ".

**אַ** מְלַמֵּד דַארְף ווִיסְן אַ כְּלַל, אֱמֶת טַאקֶע, עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ גֵיין אוֹיף שִׂמְחוֹת פוּן מִשְׁפָּחָה וְכוּ', אָבֶּער אַזוֹי ווִי יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט דָאךְ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחוֹת כֵּן יִרְבּוּ, עֶס קוּמְט אוֹיס כִּמְעַט יֶעדֶע וָואךְ שִׂמְחוֹת וְכוּ', דַארְף אַ מְלַמֵּד ווִיסְן אַז עֶר טָאר נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין כִּתָּה אוֹיבּ עֶר אִיז נִישְׁט גוּט גֶעשְׁלָאפְן, ווַייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְשֶׁעמֶען אַ קִינְד בְּלוֹיז ווַייל מֶען אִיז מִיד.

**אִיךְ** הָאבּ לֶעצְטְנְס מִיטְגֶעהַאלְטְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ מְלַמֵּד. דִי עֶלְצְטֶע כִּתָּה בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה

דַאווענְט שַׁחֲרִית און מִנְחָה צוּזַאמֶען מִיט דִי בָּחוּרִים, אֵיין טָאג זֶע אִיךְ וִוי אַ קִינְד זִיצְט און קֵייט גָאם בִּשְׁעַת'ן דַאווענֶען, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'אִיךְ וויל זֶען וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט דָא טוּן מִיטְ'ן קִינְד וְכוּ'', אִיךְ זֶע וִוי דֶער קִינְד הַאלְט אִין אֵיין קֵייעֶן דִי גָאם בִּיז דֶער מְלַמֵּד הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, דֶער מְלַמֵּד הָאט צוּגֶערוּפְן דֶעם אִינְגְל, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס קוּמְט יֶעצְט, אַ פְּרַאסְק? אַ שְׁרֵיי?' אָבֶער אִיךְ זֶע וִוי דֶער מְלַמֵּד רוּפְט אִים צוּ זֵייעֶר נָאנְט צוּ זִיךְ, עֶר בֵּייגְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין אוֹיעֶר, און זָאגְט אִים עֶפֶּעס. דֶער קִינְד גֵייט אַרוֹיס פוּן שׁוּל, עֶר קוּמְט צוּרִיק אַרַיין כְּאִילוּ לֹא הָיָה. רוּף אִיךְ צוּ דֶעם קִינְד, אִיךְ פְרֶעג אִים: "וָואס הָאט דַיין רֶבִּי דִיר גֶעזָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט?" זָאגְט דֶער קִינְד: "מַיין רֶבִּי הָאט מִיר גֶעזָאגְט, אִיךְ זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן שׁוּל אוֹיסְשְׁפֵּייעֶן מַיין גָאם און אִיךְ זָאל אָנְהוֹיבְּן דַאווענֶען".

וָוען דֶער מְלַמֵּד וָואלְט וָוען נִישְׁט גֶעשְׁלָאפְן יֶענֶע נַאכְט, וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין יִשּׁוּב הַדַעַת, נָאכְ'ן רוּפְן דֶעם קִינְד וָואלְט עֶר אִים דֶערְלַאנְגְט אַ פְּרַאסְק, אָדֶער אַ צִיפּ, אָדֶער אַ שְׁרֵיי וְכוּ', אָבֶער וִויבַּאלְד דֶער מְלַמֵּד אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶערוּט און רוּאִיג וְכוּ', הָאט עֶר שֵׁיין גֶערֶעדְט צוּם קִינְד. וָוען דֶער קִינְד גֵייט גְרֶעסֶער וֶוערְן און אוֹיפְוַואקְסְן וֶועט עֶר גֶעדֶענְקֶען אַז זַיין רֶבִּי הָאט אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר גֵייט גֶעדֶענְקֶען וִוי שֵׁיין זַיין רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים, אַז זַיין רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶערֶעכְנְט מִיט זַיינֶע גֶעפִילְן, דֶער קִינְד גֵייט בְּלַייבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. דֶערְפַאר, אַז דוּ גֵייסְט צוּ

שִׂמְחוֹת, דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטְן מְלַמֵד זָאל דִיר אִיבֶּער נֶעמֶען פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן טָאג, אָדֶער זָאלְסְטוּ אַהֵיים גֵיין פְרִי פוּן דִי שִׂמְחָה.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אַז דוּ הָאסְט אַ קִינְד אִין דַיין כִּתָּה וָואס וֶוערְט זַייעֶר פַארְטְרַאכְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, עֶר מַאכְט מִיט דִי הֶענְט כְּאִילוּ עֶר שִׁיסְט מִיט אַ גָאן וְכוּ'; דָאס קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס אָדֶער שְׁפִּילְן גֶעימְס אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ'. עֶלְטֶערְן בַּאפְּן נִישְׁט אַז וֶוען מֶען גֶעבְּט פַאר אַ קִינְד אַ קָאמְפְּיוּטֶער צוּ שְׁפִּילְן דֶערוֹיף גֶעימְס, נֶעמְט דָאס אַוֶועק דֶעם מֹחַ פוּנֶעם קִינְד. וֶוען דֶער קִינְד זִיצְט אִין חֶדֶר גֵייט דֶער קִינְד צוּרִיק צוּ זַיין קָאמְפְּיוּטֶער, עֶר וֶוערְט אַזוֹי אַרַיין גֶעטוּן אִין דֶעם אַז עֶר פַארְגֶעסְט זִיךְ וואוּ עֶר זִיצְט, עֶר הֵייבְּט אָן מַאכְן מִיט דִי הֶענְט וִוי עֶר הַאלְט אַ בִּיקְס אוּן שִׁיסְט. דָאס קוּמְט פוּן קוּקְן מָאוִויס וואוּ מֶען שִׁיסְט וְכוּ', אָדֶער פוּן גֶעימְס וָואס מֶען שְׁפִּילְט אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער.

**דֶערְפַאר**, עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן הָאבְן נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶלְטֶערְן וָואס ווִילְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּב, דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב אַ קָאמְפְּיוּטֶער א.ד.ג.; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן דִי קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, אָדֶער שְׁפִּילְן מִיט שְׁפִּילְצֵייג וְכוּ', וָואס דָאס צִיט זֵיי נִישְׁט אַוֶועק זֵייעֶר מֹחַ.

**דַיין** שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וְכוּ'; קוֹדֶם אִיז מַשְׁמַע אַז דוּ פְרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן מִיט דֶעם קִינְד וַוייל עֶר

שְׁטֶערְט דִיר וְכוּ', נָאכְדֶעם שְׁרַייבְּסְטוּ אַז עֶס טוּט דִיר וֵויי ווייל דוּ ווילְסְט אַז דֶער קִינְד זָאל מַצְלִיחַ זַיין; דָאס אִיז צְוֵויי זַאכְן - וֶוען אַ קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר אִיז פַּארְ'חָלוֹמְ'ט, דָאס אִיז אֵיין זַאךְ. נָאכְדֶעם אִיז דָא אַ קִינְד וָואס שְׁטֶערְט אַנְדֶערֶע - עֶר שְׁטֶערְט דֶעם מְלַמֵד, עֶר אִיז אַן עַזוּת פָּנִים, דָאס אִיז אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ.

**אַ** מְלַמֵד, אַ מְחַנֵךְ דַארְף וויסְן דֶעם כְּלַל, אַזוֹי וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; וֶוען אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, דֶעמָאלְט קֶען נִישְׁט דֶער מְלַמֵד וַוארְטְן ווִי לַאנְג דִי גַאנְצֶע כִּתָּה וֶועט וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט, נָאר מֶען דַארְף קַנְסְ'נֶען דֶעם קִינְד וְכוּ'. אָבֶּער וֶוען דֶער קִינְד שְׁטֶערְט נִישְׁט דִי כִּתָּה, סַךְ הַכֹּל הַאלְט עֶר נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים, אָדֶער עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט וְכוּ' - דָאס אִיז שׁוֹין אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, בַּיי דֶעם פַאל דַארְף דֶער מְלַמֵד פְּרוּבִּירְן אִים צוּ מְשַׁחֵד זַיין וְכוּ' נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, דֶער מְלַמֵד דַארְף הָאבְּן סַבְלָנוּת. אוֹיבּ הָאט דֶער מְלַמֵד שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַלֶע וֶועגְן, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם זֶעט עֶר אַז דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט מִיט דִי לִימוּדִים וְכוּ', דַארְף דֶער מְלַמֵד טוּן וָואס דִי הֲלָכָה אִיז (שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה, הִלְכוֹת מְלַמְדִים, סִימָן רמה, סְעִיף ט): "אֲפִילוּ תִּינוֹק שֶׁאֵינוֹ מֵבִין לִקְרוֹת, לֹא יְסַלְּקוּהוּ מִשָּׁם", אֲפִילוּ אַ קִינְד וָואס פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, זָאל מֶען אִים נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן, "אֶלָּא יֵשֵׁב עִם הָאֲחֵרִים, אוּלַי יָבִין", עֶר זָאל בְּלַייבְּן זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער וָואס פַארְשְׁטֵייעְן יָא, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר יָא זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**דָאס** אִיז וֶוען דֶער קִינְד הַאלְט נִישְׁט מִיט, אָבֶּער אַז אַ קִינְד שְׁטֶערְט דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיט דִי לֶערְנֶען וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְן עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן.

**גֶעוֶוענְלִיךְ** דִי קִינְדֶער וָואס מַאכְן פְּרָאבְּלֶעמֶען פַאר זַייעֶר מְלַמֵד, זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל זַייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער. קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, זֵיי בַּאקוּמֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, זוּכְן זֵיי דַאן אוֹיף אַ נִישְׁט גוּטֶע וֶועג מֶען זָאל קוּקְן אוֹיף זֵיי, דֶערְפַאר זוּכְן זֵיי צוּ שְׁטֶערְן דֶעם מְלַמֵד פוּן פָארְלֶערְנֶען, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צַייט וָואס אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וֶועלְן לַאכְן צוּ זֵיי אוּן זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען תְּשׂוּמַת לֵב. וֶוען מֶען נֶעמְט אַפִּיר דִי סָארְט קִינְדֶער, מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי פְּרִיוַואט, זֶעט מֶען אַז זֵיי זֶענֶען זַייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער, זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, זֵיי שְׁטֶערְן נִישְׁט לְהַכְעִיס, זֵיי טוּעֶן דָאס אוּמְוֶועלְנְדִיג נָאר כְּדֵי צוּ גֶעווָאוּנֶען אַבִּיסְל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט.

**אַ** קְלוּגֶער מְלַמֵד נֶעמְט דִי קִינְדֶער וָואס זֶענֶען חֶבְרָה לַייט אַז זֵיי זָאלְן אִים הֶעלְפְן, אַזוֹי שְׁפָּארְט עֶר זִיךְ אַיין אַסַאךְ קָאפּ וֵויי. וַוייל אֵיינְמָאל מֶען גֶעווָאוּנְט זֵיי, דֶער מְלַמֵד הָאט זֵיי אוֹיף זַיין זַייט, דֶעמָאלְט טוּישְׁט זִיךְ אַלֶעס אוּן זֵיי זוּכְן נָאר צוּ זַיין מִיט זַייעֶר רֶבִּי אוֹיף אֵיין זַייט.

**פַארְשְׁטֵייט** זִיךְ אַז אָן תְּפִילָה נוּצְט גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען ווִיסְן אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע חָכְמוֹת, אָבֶּער אָן

תְּפִילָה, אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַסַאךְ דַאוֶועןֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן תַּלְמִידִים הֲגוּנִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת לִמּוּד, סִימָן ע): "צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל, שֶׁיִּזְכֶּה לְתַלְמִידִים הֲגוּנִים", אַ מְלַמֵּד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע תַּלְמִידִים, וואוּלֶע תַּלְמִידִים - וַוייל אָן תְּפִילָה גֵייט גָארְנִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

# קיז

## מֶעג יֶעדֶער דְרוּקְן אֵייעֶרֶע בְּרִיוו? אוּן אִיז אוֹיף דֶעם אוֹיךְ דָא אַן הַבְטָחָה פַאר יְשׁוּעוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז מוֹהֲרַא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (צַוָּאַת מוֹהֲרַא"שׁ, אוֹת יז) אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן אַ חֵלֶק פוּן אַשֶׁר בַּנַּחַל וֶועט זִיכֶער הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה. זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ שׁוֹין מְנַדֵּב גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל פַאר דִי קֶרֶן הַדְּפָסָה צוּ דְרוּקְן אַ חֵלֶק אַשֶׁר בַּנַּחַל, אוּן בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן, אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶּה מִיט דִי בְּרִיוְון פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוֹיבּ אִיז דָא אוֹיף דֶעם אוֹיךְ דִי זֶעלְבֶּע הַבְטָחָה, אַזוֹי וִוי אוֹיף דִי אַשֶׁר בַּנַּחַל?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ יֶעדֶער מֶעג עֶס דְּרוּקְן, אָדֶער אִיז דָא אוֹיף דֶעם זְכִיוֹת שְׁמוּרוֹת?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָּואָה, וֶוער עֶס וֶועט דְּרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים בִּפְרָט "אַשֶׁר בַּנַּחַל", זָאגְט עֶר צוּ אַ יְשׁוּעָה. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְּרוּקְן צֶענְדְלִיגֶער כְּרָכִים פוּנֶעם סֵפֶר "אַשֶׁר בַּנַּחַל" בְּחַיָּיו פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר דִי סְפָרִים "אַשֶׁר בַּנַּחַל", ווַייל אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוֹרָב וֶוערְן דוּרְךְ "אַשֶׁר בַּנַּחַל - חֵלֶק כז", וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מֵפִיץ הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי ... נֵרוֹ יָאִיר. פַאְרְיָאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דְּרוּקְן "אַשֶׁר בַּנַּחַל" אִין אִידִישׁ, אִיךְ הָאבּ גֶעדְרוּקְט טוֹיזְנְט כְּרָכִים פוּן זֶעקְס בֶּענְדֶער, אִין דֶעם אִיז גֶעדְרוּקְט אַלֶע בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין אִידִישׁ - נָאנְט צוּ אַכְט הוּנְדֶערְט בְּרִיוו; כִּמְעַט אַלֶע טוֹיזְנְט סֶעטְס הָאט מֶען שׁוֹין מֵפִיץ גֶעוֶוען. יֶעצְט גֵיי אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דְּרוּקְן דִי זֶעקְס בֶּענְדֶער אַשֶׁר בַּנַּחַל אִין אִידִישׁ.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיבּ דִי הַבְטָחָה וָואס מוֹהַרָא״ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מַבְטִיחַ גְעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים וֶועט זֶען אַ יְשׁוּעָה, צִי גֵייט דָאס אוֹיךְ אָן אוֹיבּ מֶען דְרוּקְט דִי בְּרִיוו וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן פַּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט; אַוַדַאי גֵייט אָן דִי הַבְטָחָה אוֹיף דִי בְּרִיוו אוֹיךְ. דִי תְּשׁוּבוֹת זֶענֶען גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס דַארְפְן חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת אָנְצוּגֵיין מִיט זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, אַלֶעס אִיז הִתְחַזְּקוּת אוּן עֵצוֹת וָואס מוֹהַרָא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט.

**מוֹהַרָא״ש** פְלֶעגְט מִיר זָאגְן נָאכְ'ן שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי אוּן נָאכְ'ן שִׁיעוּר וָואס עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן פַּאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה: "יֶעצְט הָאסְטוּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר, מַאךְ פוּן דֶעם הוּנְדֶערְט דְרָשׁוֹת פַּאר דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט"; גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען מַרְבִּיץ תּוֹרָה זַיין פַּאר קָרוֹב צוּ פוּפְצְן יָאר, תשס״ד בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ מְלַמֵּד פַּאר בָּחוּרִים פוּן דְרַייצְן - פֶערְצְן יָאר, דָאס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן פִינְף יָאר, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה". תשס״ט לִפְרָט קָטָן הָאבְּן מִיר גֶעעֶפֶענְט דִי יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה", אוּן יֶעצְט אִיז גֶעוָוארְן צֶען יָאר וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן מִיט בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג, זִיבְּן טֶעג אַ וָואךְ, צוּ לֶערְנֶען מִיט זֵיי וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן מוֹהַרָא״ש

זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה ווִי עֶר הָאט מִיט אוּנְז גֶעלֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**דָאס** וָואס דוּ פְּרֶעגְסְט צִי יֶעדֶער קֶען דְרוּקְן דִי בְּרִיוו אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייטְן, צִי עֶס אִיז דָא בַּיי דֶעם "כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת"; נֵיין, אַדְרַבָּה, וֶוער עֶס ווִיל עֶס דְרוּקְן יָנוּחוּ בְּרָכוֹת עַל רֹאשׁוֹ. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ נָאר בִּתְנַאי אַז עֶר וֶועט נִישְׁט אַרָאפּ נֶעמֶען אוּן נִישְׁט צוּלֵייגְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן כֹּחַ אוּנְזֶער גַאנְצֶע לֶעבְּן מְשַׁמֵּשׁ צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, פָאלְגְן וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן צוּ אָנְטְרִינְקֶען בֵּייְמֶער (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג), וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ: "לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁדַּי, וְכָל בְּנֵי בָשָׂר יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ", אַלֶע וֶועלְן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם אַנְדֶערֶע תַּכְלִית נָאר אִים צוּ דִינֶען. דָאס הָאבְּן מִיר מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יב): "עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

**וֶוען** מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן צִי עֶר אִיז דֶער בַּעַל תְּפִילָה (פוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יב), ווַייל דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַז דֶער בַּעַל תְּפִילָה הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן סְפָרִים פוּן תְּפִילּוֹת אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיינֶע לַייט זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין אִין דֶעם, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן דֶעם

סֵפֶר "לִיקוּטֵי תְּפִילוֹת", הָאט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן אִיךְ בִּין דֶער מֵלִיץ", ווַייל רֶבִּי נָתָן הָאט מְלַמֵד זְכוּת גֶעוֶוען אֲפִילוּ אוֹיף דֶעם עֶרְגְסְטְ'ן מֶענְטְשׁ.

**ווָאוֹיל** אִיז פַאר דִי וָואס הֶעלְפְן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, וֶוער עֶס וֶועט הֶעלְפְן דְרוּקְן דִי בְּרִיוו וֶועט זִיכֶער הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה.

**דֶער** גִיבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, שָׁם): "אִיךְ גֵיי אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן מַיין כַּוָונָה אִיז, טָאמֶער וֶועל אִיךְ קֶענֶען גֶעפִינֶען דֶעם מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט"; אַלֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ עֶנְטְפֶער פַאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וְכוּ' אִיז נָאר אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן זוּכְן דֶעם מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים, מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז נָאר עֶר קֶען אוּנְז הֶעלְפְן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

# קיח

## הָאט דֶער רֶבִּי טַאקֶע גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע סְפָרִים? אוֹיךְ קֶעגְן דֶעם מוֹרֶה נְבוֹכִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל גֶעהַאט אַ גֶעפִיל צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִיךְ גֶעדֶענְק אֲפִילוּ וֶוען אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט חֲבֵרִים וָואס פְלֶעגְן מִיר אָנְשְׁרֵייעֶן אַז מֶען טָאר עֶס נִישְׁט לֶערְנֶען, וֶוען אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעוִויזְן אַז אִין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ מֵימְרָא פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זֵיי מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן מֶעג מֶען לֶערְנֶען אָבֶּער אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים נִישְׁט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אָדֶער גֶעזָאגְט.

לְמַעֲשֶׂה וֵוייס אִיךְ אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט, אָבֶּער עֶס אִיז מִיר גֶעבְּלִיבְּן אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט אַז אֶפְשָׁר אִיז יֵשׁ דְּבָרִים בְּגוֹ. אִיךְ הָאבּ אַלֶעמָאל אַוֶועקְגֶעשְׁטִיפְּט דִי סְפֵיקוֹת.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט אַ שְׁטִיקְל אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן וואוּ דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט זֵייעֶר שַׁארְף אַקֶעגְן סִפְרֵי חֲקִירוֹת, אוּן עֶס זֶעט חַס וְשָׁלוֹם אוֹיס ווִי אַ פְּגִיעָה אִינֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תח): "שֶׁטְּעִיוֹת בָּזֶה עִוְותִים שֶׁאֵין כְּמוֹתָם, דְּבָרָיו הֵם נֶגֶד הַתּוֹרָה, אוֹי לָעֵינַיִם שֶׁכַּךְ רוֹאוֹת וְכוּ'". וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעלֶערְנְט אִיז מִיר צוּרִיק גֶעקוּמֶען דִי סְפֵיקוֹת אַז אֶפְשָׁר הָאט טַאקֶע דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעזָאגְט דִי אַלֶע זַאכְן. אִיךְ וֵוייס אַז אַלֶעס וָואס דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִיז זִיכֶער קוֹדֶשׁ, אָבֶּער ווִי קֶען זַיין אַז דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַזוֹינְס אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ם? עֶס עֶנְגְּבֶערְט מִיר שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן דִי קַשְׁיָא, אוּן עֶס מַאכְט מִיר טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר אִיז עֶס טַאקֶע נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען אַבִּיסְל אוֹיסְקְלָארְן.

אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט פִּינְף סְפָרִים: לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סֵפֶר הַמִּידוֹת אוּן סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת; אַלֶע תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן וָואס מִיר הָאבְּן פוּן רֶבִּי'ן הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעשְׁרִיבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שעו): "מֶען דַארְף דַאנְקֶען רֶבִּי נָתָן, וַוייל אָן אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת", דֶערְפַאר אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ צוּ הֶערְן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן, לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן יָא אוּן אַנְדֶערֶע סְפָרִים נִישְׁט, וַוייל אַלֶעס הָאט דֶער זֶעלְבֶּער תַּלְמִיד גֶעשְׁרִיבְּן.

**דִי** אַלֶע וָואס זָאגְן נָאךְ בְּשֵׁם דֶעם רֶבִּי'ן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נָאךְ נִישְׁט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט אֵיין מָאל דֶעם סֵפֶר הַקָדוֹשׁ וַיוֹאֵל מֹשֶׁה. אוֹיךְ דוּ וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיט אַזַא בְּקִיאוּת אַז אִין וַיוֹאֵל מֹשֶׁה בְּרֶענְגְט עֶר נָאר אַרָאפּ פוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאסְטוּ אֲפִילוּ נִישְׁט גֶענוּמֶען דִי מִי עֶם נָאכְצוּקוּקְן. פְרֶעג אִיךְ דִיר, מִיט וָואס בִּיסְטוּ אַ חָסִיד פוּן סַאטְמַאר'עֶר רֶבִּי'ן אַז דוּ הָאסְט נָאךְ נִישְׁט דוּרְכְגֶעלֶערְנְט דֶעם וַיוֹאֵל מֹשֶׁה? סְתַּם נָאכְזָאגְן מֵימְרוֹת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְ'ס נָאמֶען, וָואס דֶער זֵקֶן הָאט צוּ דֶערְצֵיילְן אוּן וָואס דֶער נַאר הָאט צוּ זָאגְן, מִיט דֶעם וֶוערְט מֶען נִישְׁט קַיין חָסִיד.

**נִישְׁט** נָאר פוּן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר אַרָאפּ אִין זַיינֶע סְפָרִים, נָאר אֲפִילוּ פוּן סֵפֶר 'כּוֹכְבֵי אוֹר', דָאס אִיז שׁוֹין פוּן שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע תַּלְמִידִים, דָאס הָאט רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צוּזַאמְגֶענוּמֶען, שְׁמוּעֶסְן אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, דָאס הָאט אוֹיךְ דֶער רֶבִּי מִסַאטְמַאר זי"ע דוּרְךְ גֶעלֶערְנְט. דָאס וָואס עֶר הֵייבְּט אָן: "וּבְלִיקוּטֵי מַהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, בִּמְשָׁלִים שֶׁלּוֹ, סִימָן ד'", מֵיינְט עֶר נִישְׁט דֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, נָאר דֶעם סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר (עַיֵּין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה מַאֲמַר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, סִימָן ק"נ). אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַרָאפּ צְוֵויי מָאל פוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן; אֵיינְמָאל בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה, נָאכְדֶעם פוּן סִימָן ר"כ, אוּן עֶר פִירְט אוֹיס אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: "וְזֶה עִנְיָן שֶׁל רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ שֶׁרָאָה מַה הִגִּיעַ אֵלֵינוּ בְּעִיקְבָא דִמְשִׁיחָא", אַז דֶער שְׁמוּעֶס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, ווִי אַזוֹי עֶס וֶועט אוֹיסְזֶען פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אַז עֶס וֶועט אַרָאפּ קוּמֶען אַפִּיקוֹרְסוּת אוֹיף דִי וֶועלְט וְכוּ', אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַ רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר, וָואס עֶס הָאט ווִירְקְלִיךְ פַּאסִירְט מִיט אוּנְזֶער דוֹר וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**אוֹיף** דַיין צְוֵוייטֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, אַז דוּ הָאסְט גֶעזֶען אִין סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (סִימָן תח, תט) וואו דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "מוֹרֶה נְבוּכִים", וַוייל מֶען קֶען צוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן קֻשְׁיוֹת וּסְפֵקוֹת בָּאֱמוּנָה;

עֶס וואוּנְדֶערְט מִיר וואוּ דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט אוּן וָואס פַאר אַ חִינוּךְ דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען. אִיךְ בִּין אַ סַאטְמַאר'ער תַּלְמִיד, אִין חֵדֶר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶעוואוּסְט פוּן מַיינֶע מְלַמְּדִים, זֵיי הָאבְּן נָאכְגֶעזָאגְט פוּן אַלֶע תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן אַלֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאלְטְן מֶען זָאל לֶערְנֶען סִפְרֵי חֲקִירָה, אֲפִילוּ דִי סְפָרִים וָואס גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל הָאבְּן מְחַבֵּר גֶעוֶוען.

**חַם** וְשָׁלוֹם צוּ זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקְרִיגְט אוֹיפְ'ן רַמְבַּ"ם,

אַדְרַבָּה, דֶער רֶבִּי הָאט מוֹרָא'דִיג מַפְלִיא גֶעוֶוען דֶעם רַמְבַּ"ם, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען פַּסְקְ'נֶען אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם. דֶער רֶבִּי הָאט נָאר גֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים אוּן אוֹיךְ אִין אָנְהוֹיבּ סֵפֶר יָד הַחֲזָקָה וואוּ עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ חֲקִירוֹת, וַוייל עֶס אִיז זֵייעֶר טִיפֶע סְבָרוֹת - עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנּוּ, מֶען וֶועט נִישְׁט פַאְרשְׁטֵיין דִי תִּירוּצִים נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי קַשְׁיוֹת, אַזוֹי וֶועט מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער אֶפִּיקוֹרֶס אוּן לֵייקֶענֶען אִין אַלֶעס רַחֲמָנָא לִצְלַן. נִישְׁט נָאר דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים, נָאר אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן זֵייעֶר מַזְהִיר גֶעוֶוען מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר מוֹרֶה נְבוֹכִים, אַזוֹי אוֹיךְ וואוּ עֶר רֶעדְט בְּאוֹפֶן שֶׁל חֲקִירוֹת. וַוייל מִיר הָאבְּן קְלֵיינֶע מוֹחוֹת, מִיר פַאְרשְׁטֵייעֶן נִישְׁט אַלֶעס, מִיר וֶועלְן בְּלַייבְּן מִיט דִי קַשְׁיוֹת אוּן אַרַיין פַאלְן גְרִינְגֶערְהֵייט אִין כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת. אָבֶער חַס מִלְּהַזְכִּיר צוּ זָאגְן אוֹיפְן רֶבִּי'ן אַז עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוֹיפְ'ן

רַמְבַּ"ם, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם) אַז מִיטְ'ן סֵפֶר "יָד הַחֲזָקָה" הָאט דֶער רַמְבַּ"ם גוּט גֶעמַאכְט.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דֶער סִיפּוּר אַז דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס דִי תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעהַאט, הָאט מֶען אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן עֶר וויל דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן דִי גְאוֹנִים, הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן עֶר וויל כָאטְשׁ הָאבְּן דִי יִרְאָה וָואס דֶער רַמְבַּ"ם הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן, הָאט מֶען אִים דָאס נָאכְגֶעגֶעבְּן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרֵייסְלֶען אוּן זִיךְ וַוארְפְן מִיט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אוּן צִיטֶער, בִּיז עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל דָאס אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אִים.

**וֶוען** דֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בַּיים קֶבֶר פוּנֶעם רַמְבַּ"ם הָאט עֶר דָארְט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה אוּן אוֹיסְגֶעפִירְט: "שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר ווִי גְרוֹיס דֶער רַמְבַּ"ם אִיז גֶעוֶוען, וָואס פַאר אַ יִרְאַת שָׁמַיִם עֶר הָאט גֶעהַאט, אַז דֶער הֵיילִיגֶער זֵיידֶע דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, וָואס זָאלְן מִיר זָאגְן..."

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קיט

**מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיז זַיין תּוֹרָה עֶפֶּעס וֶוערְד?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ בִּין כִּמְעַט זִיכֶער אַז מַיין בָּחוּר הָאט לֵיידֶער אַ סְמַארְטְפָאוֹן; מַיין בָּחוּר הָאט צְוֵויי חַבְרוּתוֹת מִיט וֶועמֶען עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג, אָבֶער עֶס אִיז דָא מְחַנְּכִים וָואס זָאגְן אַז דָאס לֶערְנֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד ווי לַאנְג עֶר וַוארְפְט נִישְׁט אַוֶועק זַיין טֶעלֶעפָאן, אִיךְ הַאלְט אָבֶער אַז עֶר זָאל יָא כָאטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן ווי מֶער תּוֹרָה אוּן קְדוּשָּׁה, אִיךְ וויל וויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הַאלְט וֶועגְן דֶעם.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**וְ**וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מִיר הָאבְּן אִין אוּנְזֶער דוֹר אַ צָרָה וָואס רוּפְט זִיךְ "אִינְטֶערְנֶעט", דָאס הָאט שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער. דָאס בְּרֶעוְגְט אַז מֶען זָאל אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת אוּן פַארְלִירְן דִי אֱמוּנָה אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַ אִיד טָאר נִישְׁט הָאבְּן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, אָדֶער סֵיי וָואס פַאר אַ כֵּלִי וָואס מֶען קֶען זִיךְ מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט, וַוייל בַּיים סוֹף

וָועט ער אַלֶעס פַארְלִירְן וְכוּ', עֶר וֶועט זִיךְ גֶט'ְן אוּן בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט.

דֶער ס"מ הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַ גְרִינְגֶע וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר קֶען אַרָאפּ וַוארְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, גְרִינְגֶערְהֵייט; אַנְשְׁטָאט דַארְפְן אַרְבֶּעטְן טָאג אוּן נַאכְט זֵיי צוּ שְׁלֶעפְּן אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער, הָאט עֶר הַיינְט אַ גְרִינְגֶע וֶועג, דֶער בָּחוּר קוֹיפְט זִיךְ אַ סְמַארְטְפָאוֹן אָדֶער אַ טֶעבְּלֶעט וְכַדוֹמֶה לָזֶה, דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין עֶרְגֶעץ. עֶר זִיצְט בַּיי זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן קוּקְט דָארְט אָפּ אַלֶע שְׁמוּץ וָואס אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִין אָנְהוֹיבּ זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר גוּט, עֶס גְלַאנְצְט אוּן עֶס שְׁמֵייכְלְט צוּם בָּחוּר, אָבֶּער וֶוען מֶען בַּייסְט אַרַיין אִין דֶעם, מֶען קוּקְט אָפּ אַלֶע עֲבֵירוֹת, וֶוערְט דֶער בָּחוּר זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר וֶועט פְּרוּבִּירְן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַבִּי צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער גָארְנִישְׁט קֶען צוּרִיק פְרֵיילִיךְ מַאכְן וְכוּ' וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּפְגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דִי סִיבָּה פַארְוָואס זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים וֶוערְן אַרַיין גֶעשְׁלֶעפְּט אִין דְרָאגְס (סַמִּים) אִיז, וַוייל זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז זֵיי נִמְאָס, זֵיי שְׁפִּירְן בַּיי זִיךְ טַעַם מִיתָה, אֲפִילוּ זֵיי זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי עֶס פֶעלְט זֵיי גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אִינֶעוֵוייניג זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר מְיוּאָשׁ, דָאס מַאכְט זֵיי לוֹיפְן צוּ דְרָאגְס, בִּיז זֵיי וֶוערְן פוּן דֶעם קְרַאנְק הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

קֵיינֶער פַּארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, דִי עֶלְטֶערְן אִיז דָאךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי פַאַרְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דִי צַעַר פוּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, ווִי שְׁטַארְק זֵיי ווִילְן חֲתוּנָה הָאבְּן, זֵיי ווִילְן נִישְׁט זַיין אַלֵיין, זֵיי ווִילְן אָנְהוֹיבְּן זֵייעֶר לֶעבְּן; נָאר אֲפִילוּ סְתַם מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי זֶעעֶן ווִי אַ בָּחוּר הוֹיבְּט אָן זִיךְ אָנְטוּן מָאדְנֶע, עֶר פִּירְט זִיךְ אוֹיף אַנְדֶערְשׁ ווִי אַלֶעמֶען, ווֵייסְט מֶען נִישְׁט וָואס דֶער פְּשַׁט אִיז, וֶוען דֶער פְּשַׁט אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט - זֵיי ווִילְן זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶּער עֶס נָאגְט זֵיי, עֶס פַּיינִיגְט פוּן אִינֶעווֵיינִיג, דֶערְפַאר טוּעֶן זֵיי דִי אַלֶע זַאכְן.

**וָואס** אִיז יָא דֶער עֵצָה? דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ עֵצָה, אַ גְרִינְגֶע עֵצָה, אַ זִיסֶע עֵצָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר ווַייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר לִיגְט שׁוֹין אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק, לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, ווַייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס"; אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען תּוֹרָה, עֶר וֶועט הָאבְּן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; זֶעט מֶען אַז תּוֹרָה קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, אוּן יֶעדְן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע עִנְיָנִים.

## קכ

**מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אִיךְ ווִיל אִים הַרְגְ'נֶען.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵוייס אַז מַיין בָּחוּר הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, נִישְׁט מַיין בְּכוֹר נָאר דֶער צְווייטֶער. צוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט אִיךְ בִּין, וֶועל אִיךְ אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ ווִיל אִים מַמָּשׁ הַרְגְ'נֶען, אִיךְ ווִיל אַריינְלֵייגְן סַם אִין זַיין עֶסְן. וָואס טוּ אִיךְ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ג' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** זֶע דַיין צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אַז אֵיין זוּן אִיז דִיר שׁוֹין אַרוֹיס גֶעפַאלְן פוּן דַיינֶע הֶענְט, יֶעצְט זֶעסְטוּ ווִי דַיין צְוֵוייטֶע זוּן גֵייט אַוֶועק פוּן דִיר; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה אִין שְׁטוּב, דַארְף עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה - צָרוֹת צְרוּרוֹת... לְמָשָׁל, וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי אַ קִינְד גֵייט אַרָאפּ פוּן וֶועג, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן וֶועגְן דֶעם קִינְד - נָאךְ קִינְדֶער, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דֶער מַאן זָאגְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ זַיין וַוייבּ, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען צוּ וֵוייעֶךְ צוּם קִינְד, דִי וַוייבּ זָאגְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ אִיר מַאן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ שְׁטְרֶענְג צוּ אִים וְכוּ', וָואס פַּאסִירְט? דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צֶעפַאלְט.

**לֵיידֶער** הֶער אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן בָּחוּרִים וָואס דֶערְצֵיילְן מִיר אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ; זֵייעֶר טַאטֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער אַלְטֶער טַאטֶע, דִי מַאמֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִי וַוארֶעמֶע מַאמֶע פוּן אַמָאל. זַייט אֵיינֶע פוּן דִי בְּרוּדֶערְס הָאבְּן אַוֶועק גֶעגְלִיטְשְׁט הָאבְּן מִיר אַלֶעס

פַארְלוירְן, מֶען בַּאשוּלְדִיגְט זִיךְ אַלֵיין, אָדֶער בַּאשוּלְדִיגְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דָאס קֶען גורֵם זַיין צוּ פַארְלִירְן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף דַיין זוּן אַז דוּ ווילְסְט אִים פַארְסַמ'עֶן; וויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁ'ן וֶועג רַחֲמָנָא לִצְלָן, מִיט דֶעם אַלֶעם פְלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִים אִים גֶעבְּן עֶסְן, קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ'. יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ מִיט מַיין זוּן, אֲפִילוּ עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דָאךְ גֶעבּ אִיךְ אִים עֶסְן אוּן אַלֶע זַיינֶע הִצְטַרְכוּת'עֶר. אִיךְ בִּין נָאר אַ בָּשָׂר וָדָם, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס דוּ בִּיסְט דֶער אָב הָרַחֲמָן, טוֹב וּמֵיטִב, וְרַב חֶסֶד, זָאלְסְטוּ זִיכֶער הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶעם וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין".

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵאִירְ'ל מִפְּרִימִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִבְרֵי מֵאִיר, פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת) דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו"; ווִי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף יִצְחָק אָבִינוּ אַז עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו הָרָשָׁע? זָאגְט עֶר, אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט דָאס גֶעטוּן, נָאר "כִּי צַיִד בְּפִיו", עֶר זָאל קֶענֶען מִיט דֶעם מְנַצֵחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

ער הָאט גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי אִיךְ גֶעב פַּאר עֵשָׂו וָואס עֶר דַארְף, אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ אֲפִילוּ עֶר גֵייט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, זָאלְסְטוּ אַוַדַאי הֶעלְפְן אִידְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין", עַיֵין שָׁם. זֶעט מֶען ווי אַזוֹי צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער ווען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

## דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה,

עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי צְוַויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַאר'ן תִּיקוּן הַכְּלָלִי. וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען אוֹיף מַיין צִיוּן, גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתִי אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵן זַיין אוּן אִים אַ טוֹבָה טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס צִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

## דֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת

רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, פְלֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיוּן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן, תְּפִילָה הָאט דָאךְ אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אוּן זַיין זוּן אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חַבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַ כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל

תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זִיךְ וֶועלְן הַרְגֶ'ענֶען אָדֶער הַרְגֶ'ענֶען דֶעם קִינְד, אִיז דָא אַ בֶּעסֶערֶע וֶועג - דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶערְפַאר** טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ; טְרַאכְט נִישְׁט קַיין נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט חַס וְשָׁלוֹם פַּטֶּר'ן דַיין זוּן, אִיךְ וֵוייס אַז דַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, מִיר דַארְפְן נָאר מִתְפַּלֵּל זַיין צוּ אִים. וֶוען מֶען בֶּעט אִים הֶעלְפְט עֶר, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

# קכא

### מַיין מַאן ווִיל קוּקְן מָאוִויס, וָואס טוּ אִיךְ?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין מַאן בֶּעט מִיר שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט אַז עֶר ווִיל קוּקְן מִיט מִיר צוּזַאמֶען אַ מָאוִוי פִילְם (אִינְדֶערְהֵיים). אַ לַאנְגֶע צַייט צוּרִיק פְלֶעגְן מִיר

דָא דָארְט קוּקְן מָאוִוים, אִיךְ בִּין אַלְץ גֶעוֶוען אוּמְבַּאקְוֶועם דֶערְמִיט אָבֶער אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַבִּיסְל מוֹרָא גֶעהַאט זִיךְ אַרוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן קֶעגְן מַיין מַאן. אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַז בֶּעסֶער זָאל עֶר קוּקְן מִיט מִיר צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים וִוי אֵיידֶער אַרוֹיסְגֵיין מִיט פְּרֶעמְדֶע אִין אַ טִיאַטֶער... אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט דָאס אוֹיסְוַואקְסְן.

לְמַעֲשֶׂה בִּיז דֶערְוַוייל זֶענֶען מִיר אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע צַייטְן אִין אוּנְזֶער שָׁלוֹם בַּיִת. מִיר זֶענֶען אִין טֶערָאפִּי, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זִיךְ צוּ הַאלְטְן צוּ מַיינֶע זַאכְן אוּן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים. לְמַעֲשֶׂה זֶענֶען מִיר נָאךְ בִּכְלָל נִישְׁט מְסוּדָר, אָבֶער מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ אַרְבֶּעטְן וַוייטֶער.

יֶעצְט, דִי לֶעצְטֶע וָואךְ צַייט בֶּעט מַיין מַאן אַז עֶר וִויל זֶען מִיט מִיר אַ מָאוִוי. אִיךְ בִּין שׁוֹין אַבִּיסְל גֶעשְׁטִיגְן אוּן אַבִּיסְל שְׁטֶערְקֶער. אִיךְ פַּאר מִיר אַלֵיין הָאבּ שׁוֹין אָפְּגֶעמַאכְט מֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן מָאוִוים. אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ זַיין מֶער אָפְּגֶעהִיטְן. אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְּרוּבִּירְט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן מִיט תֵּירוּצִים. הַיינְט אָבֶער הָאט עֶר קְלָאר גֶעזָאגְט וָואס עֶר וִויל אוּן מִיר גֶעוָוארְנְט אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין קַיין אִיבֶּער חָכָם אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט פַּיינְט פְרוּמֶע פְרוֹיעֶן אוּן אִיךְ זָאל טוּן וָואס עֶר בֶּעט אוּן נִישְׁט וַוארְטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטְן מִיט וֶועם צוּ קוּקְן מָאוִוים.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. דַארְף אִיךְ דָא זַיין פַּאר מַיין מַאן אוּן טוּן וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, אָדֶער דַארְף אִיךְ זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן אִים אָפְּזָאגְן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר סְטְרַאשֶׁעט?

אִיךְ הָאף צוּ בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער וִוי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן, יִיַשֶׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ מִיט אִיר חָכְמָה, אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט אִיר שְׁטוּבּ מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; מֶען דַארְף ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי הַיינְטִיגֶע דוֹר אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפַאלְן, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי פְּרִיצוּת אוֹיפְ'ן גַאס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג דוּרְכְפַאלְן אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. דֶערִיבֶּער דַארְף אַ פְרוֹי זַיין קְלוּג אוּן אֵייבִּיג זַיין גְרֵייט פַאר אִיר מַאן; ווֶען דֶער מַאן זֶעט אַז זַיין ווַייבּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִים, זִי אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, ווֶעט דָאס אִים אָפְּהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

**לֵיידֶער** זֶענֶען דָא פְרוֹיעֶן ווָאס פְּרוּבִּירְן אַיינְצוּרֶעדְן אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן אַז אוֹיבּ מֶען ווִיל זַיין מֶער חָשׁוּב, מֶער הֵיילִיג, זָאל מֶען זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּנֶעם מַאן, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין גְרֵייט פַארְ'ן מַאן וְכוּ'. אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה כ): פְרוֹיעֶן ווָאס שֵׁיידְן זִיךְ אָפּ פוּן זֵייעֶרֶע מֶענֶער, דִי פְרוֹיעֶן מַאכְן חָרוּב דִי ווֶעלְט; ווַייל אַז דֶער מַאן הָאט נִישְׁט זַיין פְרוֹי גְרֵייט פַאר אִים, גֵייט עֶר נָאכְדֶעם זוּכְן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַ פְרוֹי ווָאס

אִיז קְלוּג גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַאר אִיר מַאן, אַזוֹי וֶועט אִיר מַאן זַיין עֶרְלִיךְ, הֵיילִיג אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט לוֹיפְן זוּכְן עֲבֵירוֹת.

דָאס וָואס מֶען זֶעט הַיינְט אַז זֵייעֶר אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט פַאלְן אַרָאפּ, זֵיי זוּכְן זִיךְ גְלִיקְן אִין דֶער פְרֶעמְד וְכוּ'; זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קוּמְט דָאס וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַ וַוייבּ וָואס אִיז גְרֵייט פַאר זֵיי, דִי כַּלָה טִיטְשֶׁער הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פַאלְשֶׁע לִימוּדִים, פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַ גְרוֹיסֶער חוּרְבָּן. אַנְשְׁטָאט מְחַנֵךְ זַיין דִי כַּלוֹת זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס הֵייסְט אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי עַל פִּי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, וָואס זֵיי זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק ט): "אֵין לְךָ כְּשֵׁרָה בַּנָּשִׁים אֶלָּא אִשָּׁה שֶׁעוֹשָׂה רְצוֹן בַּעֲלָהּ", וֶוער אִיז אַן עֶרְלִיכֶע פְרוֹי? אַ פְרוֹי וָואס אִיז גְרֵייט פַאר'ן מַאן וְכוּ'; וָואס דָאס וָואלְט גֶעמַאכְט אַז דִי אִינְגֶעלַייט זָאלְן זַיין צוּפְרִידְן אִין שְׁטוּבּ אוּן נִישְׁט זוּכְן צוּ קוּקְן עֶקְלְדִיגֶע מַאוִוים, אִיז מֶען זֵיי מְחַנֵךְ מִיט חוּמְרוֹת וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם מְקוֹר אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אִינְגֶעלַייט זָאלְן נָאכְדֶעם אַרָאפְּפַאלְן אִין נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה מה:): "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אַ פְרוֹי מֶער חָכְמָה ווִי פַאר אַ מַאן"; דַארְף אַ פְרוֹי זֶען אוֹיסְצוּנִיצְן אִיר חָכְמָה אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אִיר שְׁטוּבּ. אִין דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז דֶער מַאן דַארְף זַיין דֶער וָואס גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי פְרוֹי, דֶערְנָאךְ גֶעבְּט דִי פְרוֹי צוּרִיק לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶּער וֶוען אַ פְרוֹי נוּצְט אִיר שֵׂכֶל, וֶועט זִי נִישְׁט וַוארְטְן אַז דֶער מַאן זָאל אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט

און עֶרְשְׁט נָאכְדֶעם וֶועט זי צוּרִיק וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, נָאר פַארְקֶערְט - זי וֶועט עֶרְשְׁט אָנְהוֹיבְּן גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר אִים, וֶועט דֶער מַאן אִיר צוּרִיק גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערטֶער און אִיר גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט.

**בְּנוֹגֵעַ** אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּב אַ קָאמְפְּיוּטֶער וְכוּ' צוּ קוּקְן אוֹיף דֶעם מָאוּויס; ווִיסְן זָאלְט אִיר אַז צֶענְדְלִיגֶער שְׁטוּבֶּער זֶענֶען שוֹין לֵייְדֶער חָרוּב גֶעוָוארְן פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּב אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְלֶעט, אֵייפַאד, אֵייפֶּעד וְכוּ' וְכוּ', עֶס רַייסְט אַרוֹיס יֶעדֶעם בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב זָאל צֶעפַאלְן וֶוערְן און צוּם סוֹף פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין זֵייעֶר אַ טִיפֶע אָפְּגְרִינְד. דֶערְפַאר אִיז אָסוּר צוּ הָאבְּן אִין שְׁטוּב סַיי וָואס פַאר אַ כֵּלִי וָואס מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט, וַוייל דָאס רַייסְט אוֹיס יֶעדֶעם פִּינְטֶעלֶע יִרְאַת שָׁמַיִם. דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט פְרוּמְקֵייט, דָאס אִיז פָּשׁוּטֶ'ע שֵׂכֶל; אַז מֶען קוּקְט שְׁמוּץ פַארְלִירְט מֶען דָאס לֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אַייעֶר מַאן עֶר זָאל אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן שְׁטוּב דֶעם קָאמְפְּיוּטֶער וְכַדוֹמֶה לָזֶה, וַוייל מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג פַארְלִירְן דִי וֶועלְט מִיט יֶענֶע וֶועלְט און אִיר זָאלְט הָאבְּן חָכְמָה ווִי אַזוֹי צוּ מְשַׁכְנֵעַ זַיין אַייעֶר מַאן מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין ק:): אַ פְּרוּי וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט פַאר אִיר מַאן, זִי ווִיל זַיין מִיט

אִים וְכוּ׳, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַזֶעלְכֶע וואוּילֶע קִינְדֶער, וָואס אֲפִילוּ אִין דִי צַייטְן פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קכב

**אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין פַּרְנָסָה, אוּן מְ׳הָאט גֶעטְרָאפְן אַ גֶעוִויקְס בַּיי מַיין וַוייבּ.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, הִתְחַזְקוּת, שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מִיךְ מַאכְן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג, נָאכְדֶערְצוּ אִינְדֶערְהֵיים מַיין וַוייבּ קוּקְט מִיר מוֹרָא׳דִיג אַרוֹיף!

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין דְזָשאבּ. נֶעכְטְן הָאט עֶס מַמָשׁ גֶעפְּלַאצְט! דָא מִיט מַיין וַוייבּ וָואס מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן בַּיי אִיר אַ גֶעוִויקְס רַחֲמָנָא לִצְלָן; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן...

אִיךְ וִויל זִיךְ נִישְׁט אָפְּרֶעדְן, אָבֶער אִיךְ שְׁטִיק זִיךְ. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין דְזָשאבּ ווייל אִיךְ וֵוייס אַז עֶס נִישְׁט גוּט. אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּן חִיזּוּק...

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס!

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא, ד' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה בְּתוֹךְ שְׁאָר חוֹלֵי יִשְׂרָאֵל, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית ח.) אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמֵנִי אִיז גֶעוֶועְן אַ מַגֵּיפָה, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן. אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע הוּנְגֶער, עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט אַ גַאנְץ יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן; הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן גֶעטְרַאכְט: 'וָואס טוּט מֶען דָא, אוֹיף וֶועלְכֶע צָרָה זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, חַזַ"ל זָאגְן דָאךְ (שָׁם): "לֹא מְצַלִּינַן אַתַּרְתֵּי", מֶען קֶען נִישְׁט מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיף צְווֵיי צָרוֹת?!' הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: 'וֶועלְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי מַגֵּיפָה זָאל זִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן, וַוייל דָאס אִיז אַ עֶרְגֶערֶע צָרָה, אוּן מִיר וֶועלְן דַארְפְן לַיידְן פוּן דִי הוּנְגֶער'. הָאט רֶבִּי שְׁמוּאֵל בַּר נַחְמָנִי גֶעזָאגְט: "עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי הוּנְגֶער זָאל זִיךְ אוֹיפְהֶערְן, וֶועט זִיךְ אָטָאמַאטִישׁ דִי מַגֵּיפָה אוֹיפְהֶערְן, 'דְּכִי יָהִיב רַחֲמָנָא שׂוֹבְעָא', וַוייל וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט עֶסְן - 'לְחַיֵּי הוּא דְיָהִיב', גֶעבְּט עֶר עֶס פַאר לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, נִישְׁט פַאר טוֹיטֶע".

**וָ**וען איך פְלֶעג לֶערְנֶען דִי גְמָרָא אִיז מִיר אֵייבִּיג שְׁוֶוער גֶעוֶוען, פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף צְוֵויי צָרוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אַ כֹּל יָכוֹל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַלֶעס טוּן, פַארְוָואס זָאגְן חַזַ"ל: "לֹא מְצַלִינָן אַתַּרְתֵּי", אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין יוֹם תְּפִלָּה אוֹיף צְוֵויי צָרוֹת?! הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַ שֵׁיינֶער פְּשַׁט פוּן רֶבִּי ... שְׁלִיטָ"א. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט צָרוֹת, פַאלְט עֶר אַרַיין אִין אַ יִאוּשׁ, דֶער מֶענְטְשְׁנְ'ס מֹחַ קֶען נִישְׁט פַארְנֶעמֶען אַפָּאר פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף אֵיינְמָאל, דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ"ל אַז וֶוען עֶס אִיז דָא מֶער וִוי אֵיין פְּרָאבְּלֶעם זָאל מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ יוֹם תְּפִלָּה אוֹיף אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען צוּזַאמֶען, וַוייל דָאס וֶועט נָאר אַרַיין וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין אַ יִאוּשׁ, עֶר וֶועט דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן וֶוערְן, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן מֶען צֶעטֵיילְן דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען, זֶען יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם עֶקְסְטֶער וִוי אַזוֹי מֶען קֶען דָאס בַּאהַאנְדְלֶען, וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ שׁוֹין נִישְׁט זֶען פַאר זִיךְ אַ בַּארְג מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֶועט וֶוערְן פוֹל מִיט הָאפֶענוּנְג זֶעעֶנְדִיג אַז אֵיין טָאג וֶועט עֶר אַרוֹיס גֵיין דֶערְפוּן.

**אַנְדַאי** קֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אוֹיף סֵיי וָואס פַאר אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוּן עֶר קֶען הֶעלְפְן אַסַאךְ פְּרָאבְּלֶעמֶען, נָאר מֶען רֶעדְט צוּם מֶענְטְשׁ: "דוּ בֶּעט נִישְׁט אוֹיף אַפָּאר זַאכְן, וַוייל דָאס וֶועט דִיר אַרַיין וַוארְפְן אִין אַ פַּאנִיק וְכוּ', טְרַאכְט נִישְׁט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף אֵיין מָאל, וַוייל דָאס וֶועט דִיר נָאר צֶעבְּרֶעכְן".

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, לָאמִיר צֶענֶעמֶען יֶעדֶע זַאךְ בַּאזוּנְדֶער. בְּנוֹגֵעַ דַיין וַוייבּ, צִי מֶען זָאל אִיר אַפֶּערִירְן וְכוּ'; יֶעדֶעס מָאל וֶוען מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אַן אַפֶּעַראצִיעֶ אִיז גוּט צוּ פְרֶעגְן צְוֵויי דְרֵיי דָאקְטוֹרִים, נָאכְדֶעם זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן. דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן בַּיי עֶטְלִיכֶע דָאקְטוֹרִים, אַזוֹי וֶועסְט אַרוֹיס קוּמֶען קְלָאר וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן.

**אֵיין** זַאךְ גֶעבּ אַכְטוּנְג - פַארְלִיר דִיךְ נִישְׁט; בִּפְרָט יֶעצְט דַארְפְסְטוּ זַיין דֶער הֶעלְד אִין שְׁטוּבּ, וַוייל וִוי דֶערְשְׁרָאקְן דוּ בִּיסְט, אִיז דַיין וַוייבּ אַסַאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקְן, זִי וַוארְט אוֹיף דַיין חִיזּוּק, זִי קוּקְט אוֹיף דִיר וִוי אַזוֹי דוּ רֶעאַגִירְסְט, אַז דוּ וֶועסְט צוּזַאמְבְּרֶעכְן וֶועט זִי אַוַדַאי וֶוערְן אַ שִׁבְרֵי כֵּלִי. זַיי אִיר מְחַזֵּק אַז זִי וֶועט אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דֶעם, זָאג אִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶס וֶועט זִיכֶער אַרוֹיס קוּמֶען פוּן דֶעם נָאר גוּטְס.

**וּבְנוֹגֵעַ** דַיין פַּרְנָסָה; עֶס אִיז נִישְׁט עֶק וֶועלְט אַז מֶען הָאט דִיר אָפְּגֶעזָאגְט פוּן דַיין אַרְבֶּעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דֶער "זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל", עֶר הָאט פַאר דִיר אָנְגֶעגְרֵייט אַ בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה, אַ בֶּעסֶערֶע אַרְבֶּעט; דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וִוי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְפִירְן מִיט דִיר, אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט זַיין מִיט אִים אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע מִינוּט, מִיר דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר פִירְט דִי וֶועלְט

בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים, אוּן אַז מֶען הָאט דִיר אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט פוּן דַיין אַרְבֶּעט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע פַּרְנָסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דַיין וַוייבּ זִי זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַוח. בְּקָרוֹב זָאלְסְטוּ מִיר שְׁרַייבְּן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט טוּן מִיט דִיר.

## קכג

**קֶען מֶען אוֹיךְ זָאגְן אוֹר הַחַיִּים הַק' אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

ווִי עֶס אִיז יָדוּעַ הָאט כְּבוֹד קְדוּשַׁת מוֹהֲרַ"ש גֶעהֵייסְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ יֶעדֶע לִימּוּד אִיז דִי זֶעלְבֶּע, ווִי לְמָשָׁל לִימּוּד אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ וָואס אִיז יָדוּעַ אַלְס סְגוּלָה סֵפֶר וְכַדוֹ'?

אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זָאגְן מִשְׁנַיוֹת הָאט נִישְׁט מוֹהֲרַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען, זֵייעֶר אַסַאךְ צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעהֵייסְן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה עֶר זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט לְכַמָּה מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת יֶעדְן טָאג (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קפה). אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהֵייסְן מֶען זָאל יֶעדְן טָאג זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי תּוֹרָה (הַדְרָכָה ו): "תֹּאמַר חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בְּלִי פֵּירוּשׁ בְּכָל יוֹם, כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל חוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים; כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ".

**וְזִיסְן** זָאלְסְטוּ, מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: "אִיךְ זָאג גָארְנִישְׁט נֵיי, אַלֶעס וָואס אִיךְ זָאג, זָאג אִיךְ נָאר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט"; וֶוער עֶס פְּלֶעגְט קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט גֶעבְּן, וֶועט גֶעדֶענְקֶען, אַז יֶעדֶעס מָאל וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי'ן, פְּלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג מַזְכִּיר זַיין דֶעם מַרְאֵה מָקוֹם וואוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס. כַּמָּה פְּעָמִים פְּלֶעגְט עֶר זָאגְן בִּשְׁעַת עֶר הָאט צוּגֶעצֵייכְנְט דֶעם מַרְאֵה מָקוֹם: "אִיךְ טוּ דָאס נִישְׁט צוּ וַוייזְן מַיין בְּקִיאוּת, אִיךְ צֵייכְן צוּ דֶעם מַרְאֵה מָקוֹם, נָאר צוּלִיב דֶעם, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז אִיךְ זָאג אֵייגֶענֶע זַאכְן", (כְּיָדוּעַ הָאבְּן דִי עַמֵּי הָאֲרָצִים פוּן בְּרֶסְלֶב גֶעזָאגְט אַז מוֹהֲרָא"שׁ מַאכְט אַ נֵייעֶ שִׁיטָה וְכוּ').

**דֶער** גַאנְצֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ אוּנְז אִיבֶּער דֶעם, דָאס אִיז דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ

הַלִימוּד. וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים וֵוייסְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז, עֶר וֶועט דִיר גְלַייךְ וַוייזְן פוּנְקְטְלִיךְ וואו דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקַייט פוּן לִימוּד הַתּוֹרָה - אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט.

**רֶבִּי** נָתָן שְׁרַייבְּט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען שְׁנֶעל, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען לֶערְנֶען כְּסִדְרָן, עַיֵּין שָׁם.

**בַּיי** דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז דֶער סֵפֶר הַזּוֹהַר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן דִי ווערְטֶער אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, אָבֶּער נִגְלוֹת הַתּוֹרָה דָאס קֶען מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען נָאר אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה שֵׁמוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן סֵיי אִין נִגְלֶה סֵיי אִין נִסְתָּר; יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען - אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - אִיז מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אִים נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי מֶען קֶען אוֹיךְ לֶערְנֶען סֵפֶר אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, צִי דָאס אִיז מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ; דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מוֹרָא׳דִיג מַפְלִיא גֶעוֶוען דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ הֶערְט תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס. אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן אַלֶע צַדִיקִים גֶעזָאגְט אַז לֶערְנֶען אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אִיז מְטַהֵר דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

מוֹהֲרַא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם יֶעדְן טָאג אִיז גוּט צוּצוּלֵייגְן אַ שְׁטִיקְל אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ יֶעדְן טָאג, מֶען זָאל זִיךְ אָנְצֵייכֶענֶען דֶעם שְׁטִיקְל וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט, אַזוֹי, בְּמֶשֶׁךְ אַפָּאר יָאר וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ מְסַיֵּם זַיין דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ. דֶערְנָאךְ וֶוען מֶען עֶנְדִיגְט אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאל מֶען נֶעמֶען דֶעם רַמְבַּ"ן, יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיקְל, אוּן זִיךְ אָנְצֵייכֶענֶען, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם פֵּירוּשׁ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קכד

### ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ רַאטֶעוֶועןן מַיין בְּרוּדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה מִיט דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אוּן נָאךְ אַסַאךְ חֲבֵרִים אִין מַיין יְשִׁיבָה הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים כְּסֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל אַמָאל שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָבֶּער הַהֶכְרֵחַ לֹא יְגוּנֶה. אִיךְ הָאבּ אַ יוּנְגֶערֶע בְּרוּדֶער, פוּן בְּעֶרֶךְ פֶערְצְן יָאר וָואס הָאט אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אוּן מַיין טַאטֶע אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף אִים פַאר דֶעם. לֶעצְטְנְס הָאט עֶר זִיךְ גֶעטְרָאפְן אַפָּאר שְׁלֶעכְטֶע

חֲבֵירִים און דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ נֶעמֶען דְרָאגְס רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן און וִוי אַזוֹי אִים צוּ רַאטֶעוֶוען; אִיךְ קֶען דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן מַגִיד שִׁיעוּר אָדֶער מְנַהֵל ווייל מֶען וֶועט אִים אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה, אוֹיךְ פַאר מַיין טַאטֶע אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ דֶערְצֵיילְן ווייל עֶר וֶועט אִים זִיכֶער אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיף אִים, אָבֶער אִיךְ וִויל אִים רַאטֶעוֶוען אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ בִּכְלַל מֶעגְלִיךְ, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר זָאגְן וָואס צוּ טוּן ווייל אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיבּ** דוּ ווילְסְט הֶעלְפְן דַיין בְּרוּדֶער, זָאלְסְטוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִים; גֵיי אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ מִיט אִים, שְׁפַּאצִיר מִיט אִים, שְׁמוּעֶס מִיט אִים וְכוּ' וְכוּ'. זָאג אִים נִישְׁט קַיין מוּסָר ווייל עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן. וֶוען אֵיינֶער אִיז טוֹעֶם פוּן דֶעם בִּיטֶערְן טְרָאפְּן, עֶר נֶעמְט דְרָאגְס, נוּצְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט; אֵיין זַאךְ וָואס קֶען אִים צוּרִיק הַאלְטְן פוּן נֶעמֶען דְרָאגְס, אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גוּטֶע בְּרוּדֶער וָואס אִיז וַוארֶעם צוּ אִים און פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים וְכוּ' וְכוּ'.

**דֶער** פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז יֶעדֶער וִויל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן; דוּ זָארְג פַאר דַיין אֵייגֶענֶע רוּחְנִיוּת, זוּךְ וִוי דוּ קֶענְסְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט מוֹסִיף זַיין בְּלִימוּד הַתּוֹרָה אוּן פַארְרֶעכְטְן דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, אוּן בְּנוֹגֵעַ דַיין בְּרוּדֶער, זָאלְסְטוּ זָארְגְן פַאר זַיין גַשְׁמִיוּת, זוּךְ וִוי דוּ קֶענְסְט אִים פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וִוי דוּ קֶענְסְט אִים אַרוֹיס נֶעמֶען אוֹיף גוּטֶע פְלֶעצֶער פַארְבְּרֶענְגֶען, עֶר זָאל הַנָאָה הָאבְּן פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה וְכוּ'.

**אַז** דוּ ווילְסְט הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע, זָאלְסְטוּ זֶען אַז עֶר זָאל הָאבְּן נַחַת פוּן דִיר. דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיז וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶעעֶן וִוי זֵייעֶר קִינְד לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אוּן פִּירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם (עַיֵין קִצּוּר שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, סִימָן קמג). וֶוער עֶס וִויל בֶּאֱמֶת מְכַבֵּד זַיין זַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן עוֹסֵק זַיין אִין מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער כִּיבּוּד אָב וָואס עֶס אִיז נָאר שַׁיָיךְ. מֶענְטְשְׁן זָאגְן: "וואוויל אִיז פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן מְגַדֵל גֶעוֶוען אַזַא קִינְד", אָבֶּער אוֹיבּ דֶער קִינְד גֵייט נִישְׁט בְּדֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דַאן וֶוערְן דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט.

**וְעַל** כּוּלָם זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אַרַיין לֵייגְן אַ רוּחַ טָהֳרָה אִין אַלֶע אִידְן, וִוי אוֹיךְ אִין דַיין בְּרוּדֶער; וַוייל תְּפִילָה אִיז אוּנְזֶער גֶעוֶוער, תְּפִילָה אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וָואס מִיר הָאבְּן. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ

מַעֲשִׂיּוֹת וִוי אַזוֹי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן דִי וַוייטְסְטֶע מְקוֹמוֹת נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִילָה אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קכה

### וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג צוּ גֵיין הַפָּצָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַלְם טֵייל פוּן מַיין הַכָּרַת הַטּוֹב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַאר אַלֶעם וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעטוּן פַאר מִיר, גֵיי אִיךְ בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג הַפָּצָה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט סְתָּם אַזוֹי גֶעבְּן קוּנְטְרֵסִים אָדֶער סִידּוּ'ס, וּבִפְרַט פַאר קִינְדֶער, נָאר זֵיי זָאלְן קוֹדֶם פְּרֶעגְן רְשׁוּת פוּן דִי עֶלְטֶערְן. לְמַעֲשֶׂה גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג זֵייעֶר וֵוייניג סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים, אוּן אוֹיךְ זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל פַארְנוּמֶען אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן גֶעהֶערִיג, אוּן עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַסַאךְ צַייט צוּ וַוארְטְן אוֹיף דֶעם עֶנְטְפֶער.

אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער אַרַיינְשִׁיקְן יֶעדֶעס מָאל פְּרֶעגְן אוּן וַוארְטְן, אָדֶער זָאל אִיךְ גֶעבְּן אוּן גֵיין וַוייטֶער.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, ט' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הַפָּצָה, דוּ גֵייסְט אַרוּם אִין הַיינֶער פַּארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. וֶוער עֶס קוּקְט נָאר אַרַיין אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶוערְט נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, דֶער רֶבִּי אִיז מְחַזֵּק אַ מֶענְטְשׁ אִין יֶעדֶע מַצָּב וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ נָאר.**

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָאְרשְׁטֶעלְן דַיין זְכוּת אוֹיבְן אִין הִימְל; בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַ אִיד וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק פַארְבְלָאנְזְשֶׁעטֶע נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תְּרוּמָה קכח:): "תָּא חֲזֵי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּיְדָא דְּחַיָּיבָא וְאִשְׁתָּדֵּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם אוּן זֶע, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלַּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלַּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא. גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא. וְגָרִים דְּאִסְתַּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ. וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דִי וֶועלְט. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן

אויף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵייניקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אויף דִי וֶועלְט און אויף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן, נִישְׁט אויף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אויף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

וֶוער עֶס טוּט פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶר בְּרֶענְגְט צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער קֶען אַרוֹיף גֵיין אִין הִימְל בֶּעטְן וָואס עֶר ווִיל און זַיינֶע בְּרָכוֹת וֶוערְן מְקוּיָם, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא פה.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ טו, יט): וְאִם תּוֹצִיא יָקָר מִזּוֹלֵל - כְּפִי תִהְיֶה, "כָּל הַמְלַמֵּד אֶת בֶּן עַם הָאָרֶץ תּוֹרָה, אֲפִילּוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא גּוֹזֵר גְּזֵירָה מְבַטְּלָהּ בִּשְׁבִילוֹ", אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הָאט גֶעמַאכְט אַ גְזֵירָה אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְבַטֵּל צוּלִיב דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען גֵייט "הַפָּצָה" בַּיי דִי הַייזֶער, דִי קִינְדֶער קוּמֶען צוּ גֵיין מִיט גֶעלְט, קֶען מֶען נִישְׁט סְתָם אִיבֶּער גֶעבְּן אַ סֵפֶר אָדֶער אַ קוּנְטְרֵס פַאר דֶעם קִינְד. עֶס קֶען זַיין אַז דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן נִישְׁט דֶעם סֵפֶר, זֵיי וֶועלְן דָאס צֶערַייסְן און

אַוֶועק וַוארְפְן אִין מִיסְט, נָאר מֶען דַארְף זָאגְן פַארְ'ן קִינְד: "פְרֶעג דַיין טַאטֶע צִי עֶנְק דַארְפְן דִי מַתָּנָה", דֶעם סֵפֶר אָדֶער דֶעם קוּנְטְרֵס און מֶען וַוארְט ווִי לַאנְג דֶער קִינְד קוּמְט צוּרִיק. אוֹיב דִי עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט דֶעם סֵפֶר, וֶועט דֶער קִינְד צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם סֵפֶר, אַזוֹי וֶועט דֶער סֵפֶר נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין מִיסְט.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז עֶס נֶעמְט מֶער צַייט וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען מֶען גֵייט הַפָּצָה דַארְף מֶען טְרַאכְטְן: 'דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן, זַייט אִיךְ לֶערְן זַיינֶע סְפָרִים הָאבּ אִיךְ אַ לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה וְכוּ' וְכוּ', גֵיי אִיךְ יֶעצְט רַאטֶעוֶוען נָאךְ אַ לֶעבְּן', אוֹיב מֶען גֵייט מִיט דֶעם מַחֲשָׁבָה, צוּ הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד, צוּ מְחַזֵק זַיין נָאךְ אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמָה, קוּקְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט.

וֶוען מֶען גֵייט אַרוּם בַּיי הַייזֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען נִישְׁט דִי סְפָרִים, נִישְׁט יֶעדֶער מוּז נֶעמֶען דִי סְפָרִים. מֶען דַארְף זַיין גְרֵייט אַרוּם צוּ גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג בַּיי דִי הַייזֶער און הֶערְן בַּיי יֶעדְן הוֹיז: "מִיר דַארְפְן נִישְׁט דִי סְפָרִים", אָדֶער: "מִיר זֶענֶען מְחוּזָק", "מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן", און בְּלוֹיז אָנְטְרֶעפְן אֵיין שְׁטוּבּ וָואס וֶועט זִיךְ מְחַיֶ' זַיין מִיט דֶעם סֵפֶר. און מִיט דֶעם קוּנְטְרֵס וָואס מֶען הָאט זֵיי מְזַכֶּה גֶעוֶוען דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט מְחַיֶ' גֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ.

**אֵיינֶער** פוּן דִי מֵפִיצִים הָאט מִיר הַיינְט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע עֶסְן גֶעשֶׁעפְט אִין בָּארָא פַּארְק, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ פְרוֹי פְרֶעגְנְדִיג: "אֶפְשֶׁר ווִילְט אִיר אַ שֵׁיינֶעם סֵפֶר?" צוּ זַיין וואוּנְדֶער זֶעט עֶר ווִי דִי פְרוֹי פְּלַאצְט אוֹיס אִין אַ גֶעוֵויין, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט: 'אֶפְשֶׁר הָאבּ אִיךְ אִיר בַּאלֵיידִיגְט?' 'אֶפְשֶׁר הָאבּ אִיךְ אִיר וֵויי גֶעטוּן?' עֶר זֶעט ווִי אַ צְוֵוייטֶע פְרוֹי כַאפְּט אָן דִי פְרוֹי וָואס וֵויינְט אוּן זֵיי גֵייעֶן זִיךְ וַוייטֶער אוֹיף זֵייעֶר וֶועג. דֶער מֵפִיץ אִיז גֶעוֶוען אַבִּיסְל צֶעמִישְׁט, זִיךְ וואוּנְדֶערְנְדִיג: 'וָואס גֵייט דָא פָּאר?' אָבֶער עֶר אִיז דָאךְ אַ מֵפִיץ, אַ מֵפִיץ קֶען נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן, אַ מֵפִיץ אִיז ווִי אַ גֶענֶערַאל, עֶר דַארְף אָנְגֵיין. עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען הַפָצָה.

**שְׁפֶּעטֶער** וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן גֶעשֶׁעפְט הֶערְט עֶר אַ קַאר פַּייפְן, מֶען ווִינְקְט אִים עֶר זָאל קוּמֶען, עֶר גֵייט אַהִין, זֶעט עֶר ווִי דִי פְרוֹי וָואס הָאט פְרִיעֶר גֶעוֵויינְט אִין גֶעשֶׁעפְט זִיצְט אִין דִי קַאר, דִי פְרוֹי אַנְטְשוּלְדִיגְט זִיךְ פַאר אִים, זִי זָאגְט אִים דִי וֶוערְטֶער: "דוּ וואוּנְדֶערְסְט זִיךְ פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין; דָאס אִיז וַוייל הַיינְט אִיז דִי שְׁלוֹשִׁים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם, זִי הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה פַאר צְוָואנְצִיג יָאר", זִי וַוייזְט אִים אַ קוּנְטְרֵס וָואס אִיר מַאמֶע הָאט גֶעהַאט פַאר צְוָואנְצִיג יָאר, יֶעדְן טָאג הָאט זִי גֶעלֵיינְט דֶעם קוּנְטְרֵס, דֶער קוּנְטְרֵס הָאט אִיר מְחַיֶ' גֶעוֶוען אִין אִירֶע שְׁוֶוערְסְטֶע

מַצַּבִים, "יֶעצְט וֶוען אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפוּנֶען מִיט דִי קוּנְטְרֵסִים בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן אַלֶע שְׁוֶועֶרֶע יָארְן פוּן מַיין מַאמֶע, הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוַויין", זִי הָאט גֶענוּמֶען פוּן אִים קוּנְטְרֵסִים אוּן גֶעגֶעבְּן שֵׁיין צְדָקָה.

דֶער מֵפִיץ זָאגְט מִיר, מֶער חִיזוּק פוּן דֶעם הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעדַארְפְט, ווַייל מֶען זֶעט וָואס הַפָּצָה אִיז; פַאר צְוָואנְצִיג יָאר צוּרִיק אִיז אֵיינֶער גֶעגַאנְגֶען "הַפָּצָה" אוּן גֶעגֶעבְּן פַאר דִי פְּרוֹי אַ קוּנְטְרֵס, דֶער מֵפִיץ הָאט מְחַיֶ' גֶעוֶוען אַ פְּרוֹי פַאר צְוָואנְצִיג יָאר, צְוָואנְצִיג יָאר הָאט אַ פְּרוֹי גֶעלֶעבְּט מִיט דֶעם קוּנְטְרֵס; וָואס קֶען זַיין מֶער פוּן דֶעם, ווִי מֶען אִיז מְחַזֵק אַ אִיד, מֶען גֶעבְּט מַמָּשׁ לֶעבְּן פַאר אַ אִיד. דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דוּ דַארְפְסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דוּ הָאסְט דִי זְכִיָּה צוּ קֶענֶען הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

מֶען קֶען נִישְׁט גֶעבְּן סְפָרִים פַאר קִינְדֶער בַּיי דִי טִיר אוּן אַוֶועק גֵיין, בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפֶן, נָאר וֶוען אַ קִינְד קוּמְט צוּם טִיר גֶעבְּט מֶען אַ סֵפֶר אוּן מֶען זָאגְט: "פְרֶעג דַיין מַאמֶע צִי זִי דַארְף דָאס", מֶען וַוארְט בַּיים טִיר צוּ זֶען אוֹיבּ זֵיי דַארְפְן נָאךְ סְפָרִים, צִי זֵיי ווִילְן אַנְדֶערֶע סָארְט קוּנְטְרֵסִים, אָדֶער זֵיי דַארְפְן עֶס בִּכְלַל נִישְׁט. דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן הַפָּצָה אוּן לֵייגְן סְתָם אַרוּם סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אִין שׁוּלְן אוּן אִין כּוֹלְלִים אוֹיף דִי טִישְׁן, זֵיי טוּעֶן גָארְנִישְׁט אוֹיף,

זַיי מַאכְן נָאר בִּילִיג דִי סְפָרִים וְכוּ'. אַ סֵפֶר גֶעבְּט מֶען נָאר מִיַּד לְיַד, אוֹיךְ נָאר וֶוען יֶענֶער דַארְף דָאס, סְתָם אַרָאפּ לֵייגְן בַּיי דִי טִירְן און אַנְטְלוֹיפְן דָאס אִיז נִישְׁט הַפָּצָה, דָאס אִיז סְתָם בִּזְיוֹנוֹת פַאר דִי סְפָרִים. אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין אַזוֹי "הַפָּצָה", טוּ מִיר אַ טוֹבָה און גֵיי נִישְׁט. אִיךְ אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַרָאפּ צוּ נֶעמֶען דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען וָואס מֶען הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף דִי סְפָרִים און אוֹיף דִי קוּנְטְרֵסִים. אַ מֵפִיץ טְרָאגְט אַ גְרוֹיסֶער אַחֲרָיוּת; ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ, אַזוֹי קוּקְט יֶענֶער אָן בְּרֶסְלֶב.

**אוֹיךְ** זָאלְסְטוּ וויסְן אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים, סִדוּרִ'ים - בְּחִינָם, יֶענֶער מוּז גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דֶעם (חוּץ אַז יֶענֶער בֶּעט זִיךְ מַמָּשׁ בַּיי דִיר, עֶר זָאגְט: "אִיךְ דַארְף עֶס פַאר מַיין לֶעבְּן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיף מִיר קַיין גֶעלְט וְכוּ'").

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט מַמְשִׁיךְ זַיין בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז צוּ גֵיין בַּייטָאג אִין דִי גֶעשֶׁעפְטְן און כּוֹלְלִים, און בַּיינַאכְט אִין דִי הַייזֶער, מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן.

**מֶענְטְשְׁן** הָאבְּן אַ טָעוּת, מֶען מֵיינְט אַז מִיר זוּכְן אַרַיין צוּ כַאפְּן מֶענְטְשְׁן, מִיר זוּכְן צוּ פַארְכַאפְּן מֶענְטְשְׁן פוּן זֵייעֶר חֲסִידוּת זַיי זָאלְן וֶוערְן בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר, דֶערְפַאר קֶען מֶען טְרֶעפְן מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁרַייעֶן מִיאוּסֶ'ע וֶוערְטֶער אוֹיף דִי בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ, מֶען רוּפְט אוּנְז 'דִי כַאפֶּערְס' וְכוּ'. אָבֶּער בֶּאֱמֶת

זוּכְט נִישְׁט בְּרֶסְלֶב צוּ כַאפְּן מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי וויל אֵיין זַאךְ: "יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, אִין וֶועלְכֶע חֲסִידוּת עֶר גְעהֶערְט, זָאל עֶר דָארְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". דֶער רֶבִּי טוּט וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט טוּן, מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט וֶועט מְקוּיָים וֶוערְן וְכָל בְּנֵי בָשָׂר יִקְרְאוּ בִשְׁמֶךָ.

**אַז** דוּ וֶועסְט גֵיין הַפָּצָה טְרַאכְטְנְדִיג: 'אִיךְ וויל הֶעלְפְן נָאךְ אַ אִיד', 'אִיךְ וִויל נָאךְ אַ פָּאר-פָאלְק זָאלְן זִיךְ פַארְטְרָאגְן', דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט קוּקְן וִויפִיל סְפָרִים עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אָדֶער ווִי לַאנְג עֶס נֶעמְט, דוּ וֶועסְט זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ הָאסְט גֶערַאטֶעוֶועט אֲפִילוּ נָאר אֵיין אִיד.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קכו

**עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פְּרוּבִּיר שׁוֹין אַ לֶענְגֶערֶע צַייט צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען נִישְׁט אַרוֹיס גֶעהֶערִיג; רוֹב מָאל אִיז עֶס נָאר בְּמַחֲשָׁבָה, אָדֶער דוּרְךְ שְׁרַייבְּן, אָדֶער זָאג אִיךְ נָאר: "טַאטִי הֶעלְף מִיר".

איך הָאבּ מוֹרָא צוּ מִתְפַּלֵל זַיין, ווייל שׁוֹין לַאנְג צוּרִיק הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַ מֶדְרָשׁ וָואס דֶערְצֵיילְט אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אִין מִדְבָּר אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ גֵיין וַוייטֶער הָאט עֶר מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַן אֵייזְל, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז אַ קֶענִיג אִיז דֶעמָאלְט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען דִי מִדְבָּר מִיט אַן אֵייזְל אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל עֶס אִים שְׁלֶעפְּן, אָבֶּער עֶר זָאל נִישְׁט רַייטְן אוֹיף דִי אֵייזְל, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ אַז דָאס אִיז גֶעקוּמֶען וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז עֶר זָאל הָאבְּן אַן אֵייזְל "צוּ רַייטְן", עֶר הָאט נָאר גֶעבֶּעטְן אַן אֵייזְל אוּן עֶר הָאט עֶס בַּאקוּמֶען.

איך פַארְשְׁטֵיי עֶס נִישְׁט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ גֶעוואוּסְט אַז עֶר דַארְף עֶס צוּ רַייטְן? אִיךְ וֵויים נִישְׁט וואוּ דֶער מֶדְרָשׁ אִיז, אָבֶּער עֶס מַאכְט מִיר שְׁוֶוער צוּ מִתְפַּלֵל זַיין ווייל אוֹיבּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט זָאגְן קְלָאר דִי תְּפִלָּה קֶען נָאךְ אַרוֹיסְקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס דֶערְפוּן.

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה צוּ זָאגְן נָאכְן מִתְפַּלֵל זַיין: "יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי 'וְהֶגְיוֹן לִיבִּי'". וָואס אִיז דִי עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה? אוּן וָואס אִיז פְּשַׁט אִין דֶעם מֶדְרָשׁ?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, יב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**וִזיסְן** זָאלְסְטוּ, דָאס אַז עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ ווילְסְט רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מוֹיל וְכוּ', אַזוֹי אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם אִין אָנְהוֹיבּ. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט וֶוערְט בַּיי אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט זַיין אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּיי אִים, מִיט אִים אוּן נֶעבְּן אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן כב): "הַפֶּשַׁע שֶׁל הָאָדָם מַכְנִים כְּפִירָה בָּאָדָם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט הֵייבְּט עֶר אָן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי אֱמוּנָה וֶוערְט בַּיי אִים זֵייעֶר שְׁוַואךְ. דֶערְפַאר זֶעט מֶען אַז ווִי יוּנְגֶער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, אִיז דִי אֱמוּנָה שְׁטֶערְקֶער בַּיי אִים, וֶועגְן דֶעם זֶעט מֶען אַז קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, ווַייל זֵיי זֶענֶען נָאךְ רֵיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה ג:): "בַּתְּחִלָּה קוֹדֶם שֶׁחָטְאוּ יִשְׂרָאֵל, הָיְתָה הַשְּׁכִינָה שׁוֹרָה עִם כָּל אֶחָד וְאֶחָד, כֵּיוָן שֶׁחָטְאוּ נִסְתַּלְּקָה שְׁכִינָה מֵהֶם", פַאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט הָאט דִי שְׁכִינָה גֶערוּט בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, ווִי נָאר מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז דִי שְׁכִינָה אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען; וָואס מֵיינְט שְׁכִינָה? וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווַייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; ווַייל אַלֶעס וָואס מֶען זֶעט מִיט דִי אוֹיגְן אִיז נָאר אַ לְבוּשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַלֵּא כָּל עַלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עַלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת מִבַּלְעָדֶיךָ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווַייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ מִיט אִים, בַּיי אִים אוּן נֶעבְּן אִים, דָאס מֵיינְט 'הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה' - דִי שְׁכִינָה רוּט בַּיי אִים, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶעס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס זַיין הַארְץ אַזוֹי ווִי עֶר וָואלְט גֶערֶעדְט מִיט זַיין חַבֵר.

**אָבֶער** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחְמָנָא לִצְלָן, גֵייט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ נַארִישֶׁע חָכְמוֹת, שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, כְּאִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִי וֶועלְט וְכוּ'. מֶען קֶען זֶען מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶערִיסְן, מֶען גֵייט אַרוּם מִיט קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיף דֶעם אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל גְלֵייבְּן אַז דוּ בִּיסְט דָא, אִיךְ ווִיל רֶעדְן צוּ דִיר וְכוּ' וְכוּ'", ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוּפְּט זִיךְ אַרַיין צוּ גֵיין בְּהֵיכַל הַמֶּלֶךְ וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אִינֶעוֵוייניג.

**דֶערְפַאר**, אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי עֵצָה זָאלְסְט דָאס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין אַן עַקְשָׁן וֶועסְטוּ אוֹיסְפִירְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "צָרִיךְ לִהְיוֹת עַקְשָׁן גָדוֹל בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", מֶען דַארְף זַיין אַ עַקְשָׁן וֶוען מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלָאזְן עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה, מֶען דַארְף בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה אַז מֶען עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ד.) וֶוען אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ שִׁידוּךְ פַאר יִצְחָק, הָאט עֶר נִישְׁט גוּט גֶעבֶּעטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אוֹיב אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פוּן אַ מֵיידְל גֶעב מִיר טְרִינְקֶען אוּן

זִי װֶעט זָאגְן: ׳טְרִינְק אוּן אִיךְ װֶעל אוֹיךְ גֶעבְּן טְרִינְקֶען פַאר דִי קֶעמְלֶעךְ׳ דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זִי אִיז דִי כַּלָה״, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גוּט גֶעבֶּעטְן, וַוייל וָואס וָואלְט עֶר גֶעטוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֵיין אַ מֵיידְל מִיט אַ אוּמְזֶעבַּארֶע פֶּעלֶער אוּן עֶר וָואלְט אִיר גֶעבֶּעטְן וַואסֶער, וָואלְט עֶר אַרַיין גֶעפַאלְן מִיט אַ פֶּעלֶערְדִיגֶע כַּלָה וְכוּ׳, לְמַעֲשֶׂה הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אַז רִבְקָה אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶר זוּכְט אַ שִׁידוּךְ, עֶר זָאל בֶּעטְן בִּפְרָטֵי פְּרָטִיוּת אוּן נִישְׁט פַארְפֶעלְן צוּ בֶּעטְן אוֹיף קַיין שׁוּם פְּרָט.

וֶוען דוּ הֶערְסְט אַ מַעֲשֶׂה אַז אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן עֶר הָאט בַּאקוּמֶען נָאר וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן, דַארְפְסְטוּ אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, אַז וָואס מֶען בֶּעט בַּאקוּמְט מֶען, נִישְׁט פְּשַׁט אַז עֶס זָאל דִיר מַאכְן אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אָן תְּפִילָה הָאט מֶען זִיכֶער גָארְנִישְׁט. דִי אַלֶע מִדְרָשִׁים וָואס בְּרֶענְגֶען אַרָאפּ מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִילָה, דָאס אִיז צוּ מְחַזֵק זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, נִישְׁט מֶען זָאל נֶעמֶען דִי מִדְרָשִׁים אוֹיפְצוּהֶערְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קכז

## אִיךְ יָאג זִיךְ אַלֶעמָאל און אִיךְ בִּין קֵיינְמָאל נִישְׁט רוּאִיג.

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ ה' פוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּרִים און עֵצוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה זֶע אִיךְ גְרוֹיסֶע שִׁינוּיִים אִין מַיין לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהוֹיבְּן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת און אִין גְמָרָא יֶעדְן טָאג, אִיךְ פַארְפַּאס נִישְׁט קַיין אֵיין שְׁמוּעֶס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה און אִיךְ הָאבּ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק דֶערְפוּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ יָאג זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג. וֶוען אִיךְ גֵיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען טְרַאכְט אִיךְ וֶוען עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין; זֶעץ אִיךְ זִיךְ אַבִּיסְל לֶערְנֶען, קוּק אִיךְ יֶעדֶע מִינוּט אוֹיפְ'ן זֵייגֶער; הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פֶּרֶק, קוּק אִיךְ וִוי גְרוֹיס דָאס אִיז און וֶוען הוֹיבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן דִי קוּמֶענְדִיגֶע פֶּרֶק, און נָאךְ וִויפִיל בְּלַאט עֶס אִיז דָא, אִין גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת, חוּמָשׁ. און דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיי תּוֹרָה וּמִצְווֹת, לֶערְנֶען וְכוּ', אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיךְ בַּיים עֶסְן, פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ', אַ גַאנְצְן טָאג טְרַאכְט אִיךְ פוּן בַּאלְד, שְׁפֶּעטֶער, מָארְגְן, נֶעקְסְטֶע וָואךְ! נֶעקְסְטֶע חוֹדֶשׁ!! און נֶעקְסְטֶע יָאר!!! וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֶענֶען הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם הוֹוֶה, פוּן הַיינְט, פוּן יֶעצְט? וָואס אִיז דִי עֵצָה אִיךְ זָאל קֶענֶען אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן רוּאִיג, טוּן וָואס אִיךְ דַארְף יֶעצְט טוּן, הֲנָאָה הָאבְּן און נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּנֶעם עָתִיד?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דִי סְגוּלָה פוּן מִשְׁנַיוֹת אִיז דַוְקָא חַ"י פְּרָקִים יֶעדְן טָאג.

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּריוו.

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת אוּן אִין גְּמָרָא.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין נד.): "חָשׁ בְּרֹאשׁוֹ יַעֲסוֹק בַּתּוֹרָה", וֶוען דִי קָאפּ טוּט וֵויי זָאל מֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַלֶע סָארְט קָאפּ-וֵוייטָאג, פִּיזִישֶׁע אוּן גֵייסְטִישֶׁע. אוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵייט דֶער קָאפּ, אִיז דִי עֵצָה - אַנְטְלוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

**זֵייעֶר** אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; וֶוען זֵיי דַאוֶונֶען אָדֶער לֶערְנֶען טְרַאכְטְן זֵיי: 'וֶוען עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין דַאוֶונֶען', 'וֶוען עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין לֶערְנֶען וְכוּ'', אָדֶער בִּכְלָל מַחֲשָׁבוֹת: 'וָואס גֵייט זַיין וְכוּ'? דוּ דַארְפְסְט זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן דִי סָארְט מַחֲשָׁבוֹת, דֶער ס"מ זוּכְט וֶועגְן וִוי אַזוֹי עֶר קֶען צֶעבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם קוּמְט עֶר מִיט אַ צְוֵוייטְן וֶועג. וֶוען עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, זוּכְט עֶר נֵייעֶ וֶועגְן וִוי אַזוֹי אִים צוּ צֶעבְּרֶעכְן, עֶר הוֹיבְּט אָן פַארְדְרֵייעֶן

דֶעם קָאפּ מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶעס נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן אוּן אוֹיפְהֶערְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**פָּאלְג** דֶעם רֶבִּי'ן, זָאג מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ זָאגְסְט; דוּ פָּאלְג דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד וָואס אִיז אַ דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ נֵייעֶ מֹחַ מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת.

**וִויסְן** זָאלְסְטוּ אַז יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט דָא קַיין שְׂכַר דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס מֶען זָאל אִים קֶענֶען בַּאצָאלְן דֶערְפַאר. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ זוּטָא, ב): "אֲפִילּוּ אֵין בְּיָדוֹ שֶׁל אָדָם לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה, אֶלָּא יוֹשֵׁב וְקוֹרֵא כָּל הַיּוֹם 'וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע', שְׂכַר תּוֹרָה בְּיָדוֹ", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט גָארְנִישְׁט גֶעלֶערְנְט - נִישְׁט קַיין מִקְרָא, נִישְׁט קַיין מִשְׁנָה, עֶר הָאט נָאר גֶעלֶערְנְט אֵיין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לו, ט): "וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע", וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דֶעם. וַוייל יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מְפָרְשִׁים זָאגְן שׁוֹין טַעֲמִים פַארְוָואס עֶר כַאפְּט אָן דֶעם פָּסוּק וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צט:) אַז מְנַשֶּׁה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעהַאלְטְן דְּרָשׁוֹת שֶׁל דּוֹפִי, עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַנְטְקֶעגְן משֶׁה רַבֵּינוּ, "פַארְוָואס הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן אִין דִי תּוֹרָה וַאֲחוֹת לוֹטָן

תִּמְנָע, וָואס גֵייט מִיר דָאס אָן וְכוּ׳?!" עֶר הָאט נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט אַז יֶעדֶע פָּסוּק אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָואֹרן מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער כַּוָּונָה; דָאס לֶערְנֶען אוּנְז חֲזַ"ל, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ חַזֶר'ט דֶעם פָּסוּק "וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע" בַּאקוּמְט עֶר שְׂכַר, ווייל עֶר גְלֵייבְּט אַז אִין יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁט אַזוֹי ווי מְנַשֶּׁה הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; כָּאפּ אַרַיין ווִיפִּיל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת דוּ קֶענְסְט. אַוַדַאי אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען לֶערְנְט ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, דָאס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער תִּיקוּן פַאר'ן מֶענְטְשׁ, אָבֶער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז אוֹיב מֶען קוּמְט נִישְׁט אָן צוּ לֶערְנֶען ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, לֶערְנְט מֶען ווִיפִּיל מֶען קֶען. יֶעדֶע מִשְׁנָה, יֶעדֶע פֶּרֶק וָואס מֶען לֶערְנְט, וֶועט מֶען מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט פַאר אֵייבִּיג.

**אַ פְּרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

## קכח

### נָאךְ דִי חֲתוּנָה דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דִי עֶלְטֶערְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בִּין אִיךְ אַ חָתָן גֶעוָוארְן לְמַזָּל טוֹב, אוּן מִיר גְרֵייטְן זִיךְ מִיט פְרֵייד צוּ דִי חֲתוּנָה בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמוּצְלַחַת.

איך הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דֶער ראש יְשִׁיבָה קֶען מִיר עֶרְקְלֶערְן פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק: "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ", לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ נָאךְ יוּנְג, אִיךְ דַארְף נָאךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי הִילְף אוּן הַדְרָכָה פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָּה דַארְף מֶען אָפְּלָאזְן דִי עֶלְטֶערְן אוּן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן נָאר צוּ דִי וַוייבּ?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַּאר אַייעֶר צַייט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מַזָּל** טוֹב פַאר דַיין שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָמֵן.

**יֶעדֶעם** מָאל וֶוען עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִין יְשִׁיבָה, פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַרוּם רֶעדְן פוּן דֶעם פָּסוּק וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (בְּרֵאשִׁית ב, כד): "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ", לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, ווִי קֶען מֶען זָאגְן פַאר חָתָן כַּלָּה זֵיי זָאלְן אָפְּלָאזְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן וֶוען דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם?! חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א) "חֲמוּרָה שֶׁבַּחֲמוּרוֹת", אוֹיבּ אַזוֹי וָואס אִיז פְּשַׁט אַז מֶען

זָאגְט פַאר חָתָן כַּלָה לָאזְט אָפּ אַייעֶרע עֶלְטֶערְן? נָאר דָאס מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן, מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיין מִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן אִינֶעם לֶעבְּן. יֶעדֶע חָתָן כַּלָה, וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה, נֶעמְט אַבִּיסְל צַייט ווִילַאנְג מֶען וֶוערְט פַארְאֵיינִיגְט. וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער קוּמְט פוּן אַן אַנְדֶערֶע סָארְט שְׁטוּבּ, סֵיי דִי חָתָן אוּן סֵיי דִי כַּלָה קוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע סָארְט מִנְהָגִים, אַנְדֶערֶע קְפֵּידוֹת אוּן אַנְדֶערֶע גֶעפִירֶעכְצֶער, עֶס נֶעמְט צַייט ווִילַאנְג מֶען וֶוערְט פַארְאֵיינִיגְט אוּן מֶען וֶוערְט לְבָשָׂר אֶחָד.

**אַ** פָּאר-פָאלְק דַארְף ווִיסְן: "עַל כֵּן יַעֲזָב אִישׁ אֶת אָבִיו וְאֶת אִמּוֹ" - מִישׁ נִישְׁט אַרַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אִין דַיין לֶעבְּן אוּן רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ פַאר זֵיי. אֶמֶת, זָאכְן דַארְפְן זִיךְ מְסַדֵר זַיין, אָבֶער עֶס נֶעמְט צַייט. מִישׁ נִישְׁט אַרַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן קְרֶעכְץ נִישְׁט צוּ זֵיי, פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטְס אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי נָאר נַחַת. אֲפִילוּ וֶוען עֶפֶּעס דְרוּקְט, דָאס הֵייסְט, מֶען קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵייטְן, עֶס אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז נִישְׁט גוּט דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי עֶלְטֶערְן. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין גֶענוּג גֶעהַאט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶענוּג אַרִיבֶּער וְכוּ', יֶעצְט אִיז זֵייעֶר צַייט צוּ שֶׁעפְּן נָאר נַחַת.

**אוֹיבּ** עֶס אִיז דָא חִלּוּקֵי דֵעוֹת וְכוּ', גֵייט מֶען צוּ אַן עֶרְלִיכֶער אִיד עֶר זָאל מְחַזֵק זַיין דֶעם פָּאר-פָאלְק, אוּן זֵיי וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען לֶעבְּן בָּזֶה הָעוֹלָם אִין גַן עֵדֶן וְכוּ'.

וָוען חָתָן כַּלָּה הָאבְּן חֲתוּנָה דַארְפְן זֵיי זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וַוייטֶער מְכַבֵּד צוּ זַיין זַייעֶרע עֶלְטֶערְן. הַיינְט אִיז זַייעֶר גְרִינְג צוּ מְקַיֵּים זַיין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אֲפִילוּ וָוען מֶען וואוֹינְט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְטָאט פוּן דִי עֶלְטֶערְן קֶען מֶען זֵיי רוּפְן יֶעדְן טָאג אוּן שְמוּעֶסְן מִיט זֵיי אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט יָארְן לַאנְג בַּיי מוֹהַרָא"ש, אַז דִי עֶרְשְטֶע זַאךְ נָאךְ שַׁחֲרִית פְלֶעגְט מוֹהַרָא"ש רוּפְן זַיין טַאטֶע, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֶרְשְטֶע זַאךְ בַּיי מוֹהַרָא"ש.

**מֶען** דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ עֶלְטֶערְן; פַאר עֶלְטֶערְן דֶערְצֵיילְט מֶען נָאר גוּטֶע זַאכְן, מֶען בַּאדַאנְקְט זִיךְ פַאר זֵיי, מֶען דֶערְצֵיילְט וִוי שֵׁיין דֶער לֶעבְּן אִיז אוּן וִוי גוּט אַלֶעס אִיז וְכוּ'.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיפְשְטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, אָמֵן.

**אַ** פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

# קכט

## מַיין בְּרוּדֶער הָאט אַוֶועקְגֶעגְלִיטְשְׁט, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ הֶעלְפְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן?

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ בְּרוּדֶער וָואס הָאט לֵיידֶער אַוֶועק גֶעגְלִיטְשְׁט פוּן אִידִישְׁן וֶועג, און מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גָאר אַסַאךְ צַעַר פוּן דֶעם, דָאס הַרְגְ'ט זֵייעֶר לֶעבְּן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן זֵיי צוּ הֶעלְפְן לִינְדֶערְן זֵייעֶר אוּמְגֶעהוֹיעֶרֶע צַעַר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י"ג כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ...

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**וְוִיסְן זָאלְט אִיר אַז זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת גֵייעֶן אַרִיבֶּער דָאס וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער, עֶס פַאלְן לֵיידֶער אַוֶועק זֵייעֶר אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ פוּן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבֶּער, אוּן עֶלְטֶערְן וֶוערְן אוֹיפְגֶעגֶעסְן פוּן גְרוֹיס צַעַר.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (עַיֵּין פְּסָחִים נד:)**: "גְזֵירָה עַל הַמֵּת שֶׁיִּשְׁתַּכַּח מִן הַלֵּב", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט נִפְטָר וֶוערְט דָאס פַארְגֶעסְן פוּן**

הַארְצְן, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת, עֶר לֶעבְּט, נָאר זַיין נְשָׁמָה אִיז נֶעבֶּעךְ בִּבְחִינַת מֵת, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט פַארְגֶעסְן. עֶלְטֶערְן עֶסְן זִיךְ אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, בִּיז עֶס אִיז נֶעבֶּעךְ דָא עֶלְטֶערְן וָואס גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן זֵייעֶרע פְּשׁוּטוֹ כְּמַשְׁמָעוֹ, הַשֵּׁם יְרַחֵם.

**דָאס** וָואס אִיר פְרֶעגְט וָואס אִיר קֶענְט טוּן צוּ הֶעלְפְן אַייעֶרע עֶלְטֶערְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי מְצַעֵר זַיין אוֹיף אַייעֶר בְּרוּדֶער וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת; צְוֵויי זַאכְן קֶענְט אִיר טוּן, אֵיינְס - אוֹיפְבּוֹיעֶן אַייעֶר שְׁטוּב, זַייטְס מְחַנֵךְ אַייעֶרע קִינְדֶער, גֶעבְּטְס זֵיי וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט, זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַרִיבֶּער גֵיין מִיט דִי קִינְדֶער צוּ אַייעֶרע עֶלְטֶערְן פוּן צַייט צוּ צַייט. דָאס וֶועט זֵיי צוּגֶעבְּן אַ שְׁטִיק גֶעזוּנְט, זֶעעֶנְדִיג ווי עֶס צִיט זִיךְ פוּן זֵיי שֵׁיינֶע דוֹרוֹת. צְוֵוייטְנְס - אִיר זָאלְט אַסַאךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַייעֶר בְּרוּדֶער, וַוייל תְּפִילָּה אִיז לְמַעֲלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע, תְּפִילָּה אִיז לְמַעְלָה מִן הַשֵּׂכֶל. דֶער 'שֵׂכֶל' זָאגְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא וָואס צוּ טוּן, אָבֶּער תְּפִילָּה אִיז לְמַעְלָה מִן הַשֵּׂכֶל, מִיט תְּפִילָּה קֶען מֶען יָא טוּן, מֶען קֶען יָא זוֹכֶה זַיין צוּ אַ יְשׁוּעָה.

דִי 'טֶבַע' זָאגְט אַז דָאס אִיז עֶס, מֶען קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קוּמְט תְּפִילָּה אוּן זָאגְט אַז מֶען קֶען יָא צוּרִיקְבְּרֶענְגֶען אַייעֶר בְּרוּדֶער. דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן תְּפִילָּה, וַוייל תְּפִילָּה אִיז מְגַלֶה אַז עֶס אִיז

גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר דֶער אֵיין אֵיינְצִיגְסְטֶער בַּאשֶׁעפֶער. תְּפִילָה אִיז מְגַלֶּה אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל. תְּפִילָה אִיז מְחַבֵּר אַ מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס קֶענְט אִיר טוּן פַאר אַייעֶרע עֶלְטֶערְן אוּן פַאר אַייעֶר בְּרוּדֶער.

**אוֹיךְ** זָאלְט אִיר רוּפְן אַייעֶר בְּרוּדֶער צוּ שַׁבָּת סְעוּדוֹת; אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַרַיין גֶעכַאפְּט אִין דִי מַחְלָה פוּן דְרָאגְס (סַמִּים) אוּן זֵיי זֶענֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַרוֹיס דֶערְפוּן, הַיינְט דֶערְצֵיילְן זֵיי וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס הָאט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט, אַז זֵייעֶרע חֲתוּנָה גֶעהַאטֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער פְלֶעגְן זֵיי שִׁיקְן בִּילְדֶער פוּן זֵייעֶרע קִינְדֶער, זֵיי פְלֶעגְן גֵיין צוּ זֵייעֶרע גֶעשְׁוִויסְטֶער שְׁמוּעֶסְן אוּן זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, דָאס הָאט זֵיי גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה כְּדֵי זֵיי זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, זֵייעֶר מַחֲשָׁבָה הָאט זֵיי גֶעפַּיינִיגְט: 'קוּק דִי בְּרוּדֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶער, וִוי שֵׁיין זֵייעֶר לֶעבְּן אִיז, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. נָאךְ לַאנְגֶע יָארְן הָאבְּן זֵיי טַאקֶע אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אוּן זִיךְ צוּרִיק גֶעקֶערְט צוּם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹות.

**אִיךְ** הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט מַעֲשִׂיּוֹת וָואס אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעוָואלְט אַלֶעס אָפְּלָאזְן, אֵיין זַאךְ הָאט זֵיי אָפְּגֶעהַאלְטְן פוּן אַנְטְלוֹיפְן, וֶוען זֵיי פְלֶעגְן עֶסְן שַׁבָּתִים בַּיי מִיר אוּן בַּיי

אַנְדֶערֶע בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲבֵרִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַ שֵׁיינֶע גֶעשְׁמַאקֶע שְׁטוּבּ וואוּ דֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע זֶענֶען זִיךְ מְכַבֵּד אֵיינֶער דֶעם צְווייטְן וְכוּ', דָאס הָאט גֶעמַאכְט זֵיי זָאלְן זִיךְ גוּט בַּארֶעכֶענֶען אוּן נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר בְּרוּדֶער זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה אוּן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְווֹת.

## קל

**אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְמַאכְט אוּן צוּרִיק גֶעהַאלְטְן.**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן אִיבֶּער מַיין פְּרָאבְּלֶעם. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אַ צוּרִיק-גֶעצוֹיגֶענֶער מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס שְׁטֶערְט מִיר שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר. אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְמַאכְט אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְמַאכְן מִיט מֶענְטְשְׁן. הַיינְט צוּ טָאגְס שְׁטֶערְט עֶס מִיר זֵייעֶר בַּיי מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן הֶערְן מַיין מֵיינוּנְג צְווִישְׁן דִי אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעטֶער'ס.

עֶס אִיז אַ זֵייעֶר פֵיינֶע סְבִיבָה בַּיי מַיין אַרְבֶּעט, אִיךְ אַרְבֶּעט שׁוֹין דָארְט אִיבֶּער אַ יָאר, אִיךְ וָואלְט אָבֶּער גֶעקֶענְט טוּן אַסַאךְ מֶער ווִי דִי אַרְבֶּעט וָואס אִיךְ טוּ יֶעצְט דָארְט, אִיךְ טוּ גַאנְץ אַ בִּילִיגֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין מֶער אָנְגֶענוּמֶען אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען טוּן עֶפֶּעס מֶער ווִי דֶעם. אִיךְ קֶען אָבֶּער נִישְׁט וַוייזְן שְׁטַארְקֵייט פַאר מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן זֶען אַז אִיךְ טוֹיג יָא בֶּאֱמֶת.

איך פיל און איך ווייס אַז איך בין קיינמאל נישט אויפגעבויעט געווארן. פון אַלס קליין קינד האט מיין טאטע אסאך געשריגן אויף מיר און מיר געגעבן קלעפּ מער פון אלע ברידער, ווייל איך בין געווען זייער א ווילדער, ממילא בין איך אלעמאל געבליבן "דער שלעכטער" אין די משפחה. איך האב נישט באקומען די גוטע ווערטער און פארשטאנד וואס איך האב געדארפט האבן אויף צו לעבן.

איך האב קיינמאל נישט געקענט געהעריג אנגיין און לערנען אין ישיבה ווייל איך בין געווען צעקלאפט און פארמאכט. איך האב שוין פרובירט מיט אלע סארטן "טערעפיסט'ן" אבער איך ווייס נישט דער וועג ארויס, עס שטערט מיר יעצט זייער פון טרעפן א שידוך.

איך בעט זייער דעם ראש ישיבה מיר צו ענטפערן מיט אן עצה.

יישר כח פאר די שיעורים, און דער ראש ישיבה זאל האבן כוחות פון אויבן ווייטער אנצוגיין עד ביאת הגואל!

## תְּשׁוּבָה:

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת וישב, ט"ו כסליו, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

**איך האב ערהאלטן דיין בריוו.**

**די עצה פאר זעלבסטזיכערקייט (סעלף קאנפידענס) איז אמונה;** ווי מער א מענטש נעמט אריין אין זיך אז עס איז גארנישט דא אויסער דעם אייבערשטן, די גאנצע וועלט איז איין שטיק אייבערשטער, דער אייבערשטער איז אין יעדע זאך, אין דומם, צומח, חי, מדבר - אלעס איז נאר א פארשטעלאכטץ פונעם אייבערשטן, דאס ברענגט אריין אין

אַ מֶענְטְשׁ אַ זִיכֶערְקֵייט, דָאס מַאכְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זִיכֶער מִיט זִיךְ. נָאר אֱמוּנָה אִיז דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וֶועג אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן אַלֶע סְפֵיקוֹת אוּן פוּן אַלֶע קָאפְּדְרֵייעֶנִישְׁן.

וְוִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה? זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פט, ב): "אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי"; וְוִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלְץ מֶער אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. פַּרְנָסָה - גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַ שִׁידוּךְ - גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּן אִים. אֵיינְמָאל מֶען לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִיז דֶער לֶעבְּן אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְבוּלְבָּל פוּן אַ צְוֵוייטְן, מֶען אִיז מֶער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אוּן מֶען טְרַאכְט מֶער נִישְׁט: 'וָואס וֶועט אַ צְוֵוייטֶער זָאגְן אוֹיף מִיר?' 'וָואס טְרַאכְטְן דִי חֲבֵרִים אוֹיף מִיר וְכוּ'?' נָאר מֶען אִיז שְׁטַארְק מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אֱמֶת,** דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערִיקֵייטְן, דוּ בִּיסְט פַארְמַאכְט אוּן פַארְקְלֶעמְט, דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן קוּמֶען דִיר כְּסֵדֶר אַרוֹיף אִינֶעם זִכָּרוֹן, דוּ זֶעסְט ווִי מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר, דוּ הַאלְטְסְט זִיךְ אִין אֵיין דֶערְמַאנֶען ווִי מֶען צֶעבְּרֶעכְט דִיר, עֶס קוּמְט דִיר אַרַיין אִין מַחֲשָׁבָה כְּסֵדֶר דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיף דִיר גֶעשְׁרִיגְן טוֹיזְנְטֶער מָאל: "דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט", "פוּן דִיר וֶועט גָארְנִישְׁט זַיין" וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער דוּ דַארְפְּסְט גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז

שִׂמְחָה אַ חִסָּרוֹן, אָבֶער בַּיי מִיר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אִיז שִׂמְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה", אַז מֶען גֶעדֶענְקְט אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אִיז נִשְׁט מֶעגְלִיךְ אֶנְצוּהוֹיבְּן אַ נֵייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן, וַוייל מֶען קְלַאפְּט זִיךְ אַרָאפּ מִיטְ'ן פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, אָבֶער אַז מֶען פַארְגֶעסְט וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מַאכְט אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה, דֶעמָאלְט קֶען מֶען אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, אַזוֹי אִיז מֶען מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דַיין הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין פָּשׁוּטֶ'ע שְׂפְּרַאךְ, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; וִוי מֶען הָאט דִיר פַארְשֶׁעמְט דוּרְכְאוֹיס אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער יָארְן, וִוי מֶען הָאט דִיר צֶעקְלַאפְּט. דֶערְצֵייל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס דוּ גֶעדֶענְקְסְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַלֶע דַיינֶע גֶעפִילְן וִוי מֶען הָאט דִיר גֶעהַאלְטְן פַאר דִי 'שְׁוַוארְצֶע שֶׁעפְּסְל' פוּן צְוִוישְׁן דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אִיךְ וִויל גְלֵייבְּן אַז מַיין פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּן דִיר, מַיין שִׁידוּךְ קוּמְט נָאר פוּן דִיר, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְּרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר נִשְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִים בִּיז דַיין אֱמוּנָה וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר שְׁטַארְק. דֶעמָאלְט וֶועט דִיר שׁוֹין נִשְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דֶער זָאגְט אוֹיף דִיר אוּן וָואס יֶענֶער הַאלְט פוּן דִיר, דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק מִיט דִיר אַלֵיין.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי אַלֶע טֶערֶעפִּיסְטְן און קֵיינֶער הָאט דִיר נָאךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן; יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין אַלֵיינְס גֶעזֶען אַז קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן וֶועסְטוּ קֶענֶען זָאגְן וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יח, א): "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים"; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ א, יב) אַז יִתְרוֹ הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אֵיינְס, און עֶר הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן. יֶעצְט, וֶוען דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצָה, דוּ וֶועסְט אָנְהוֹיבְּן מַאכְן 'הִתְבּוֹדְדוּת', דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, וֶועסְט אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס בַּאדֶערְט דִיר - וֶועסְטוּ אוֹיךְ קֶענֶען זָאגְן: "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים", 'אִיךְ' וֵויים אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

**עֶס** אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן "סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס", נָאר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, נָאר דוּרְךְ "אֱמוּנָה"; זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, מֶען שְׁלֶעפְּט זִיךְ פוּן אֵיין טֶערֶעפִּיסְט צוּם צְוֵוייטְן, מֶען גֶעבְּט אוֹיס מָמוֹן וְדָמִים און "דֶערְוַוייל גֵייט אַרִיבֶּער כַּמָּה וְכַמָּה שָׁנִים" וָואס מֶען לַיידְט נֶעבֶּעךְ אִינֶערְלִיכֶע יְסוּרִים הַשֵּׁם יְרַחֵם. אַלֶע יְסוּרִים וָואס עֶס אִיז דָא קוּמְט נִישְׁט צוּ צוּ יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ - אִינֶערְלִיכֶע יְסוּרִים וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַּיינִיגְט זִיךְ אִין זַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה, אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן

מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי אַלֶע סָארְט מַחֲלוֹת רָעִים וָואס מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

**נָאר** דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיסְהֵיילְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "אוּן אִיךְ הֵייל זִי"; דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל חִיזוּק אוּן גְרִינְגֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

**מַאךְ** זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן הוֹיבּ אָן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן; כַאפּ אַ שְׁפַּאצִיר יֶעדְן טָאג מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה וָואס דוּ הָאסְט, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן אַ נֵייעֶ מֹחַ, אַ נֵייעֶ הַארְץ. וֵויין צוּ אִים, וַוייל נָאר דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיט אוּן צוּ וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קלא

## וָואס אִיז פְּשַׁט וָואס מוֹהֲרַ"ש שְׁרַייבְּט אַז דִי יָאר אִיז וִוי אַ רִינְגְל?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס מוֹהֲרַ"ש זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל" (חֵלֶק כ"ב דַף ע"ח) אַז יֶעדֶעס יָאר אִיז אַזוֹי וִוי אַ רִינְגְל וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג אוּן אִין דֶעם לִיגְט דֶער סוֹד פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין בְּפַּשְׁטוּת וָואס מוֹהֲרַ"ש מֵיינְט דֶערְמִיט, אוּן וִוי אַזוֹי זֶעט מֶען דוּרְךְ דֶעם דִי הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**מוֹהֲרַ"שׁ אִיז מַסְבִּיר** (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק כב, ג' אֲלָפִים רפב)**, אַז לִכְאוֹרָה אִיז דָאךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען בִּכְלַל זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'טֶבַע' וֶוען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אֲפִילוּ דֶער טֶבַע אִיז דָאךְ אוֹיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוֹיבּ אַזוֹי וִוי אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן אַז עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וִוי 'טֶבַע'? נָאר טֶבַע אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן**

'טַבַּעַת' - אַ רִינְגְל. ווִי אַזוֹי מַאכְט מֶען אַ קֵייטְל? מֶען נֶעמְט אַסַאךְ רִינְגְלֶעךְ אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אֵיין רִינְגְל אִינֶעם צְוֵוייטְן בִּיז עֶס וֶוערְט אַ קֵייטְל. אַזוֹי הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דֶער וֶועלְט, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז נָאךְ אַ רִינְגֶעלֶע, אֵיין רִינְגְל גֵייט אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן רִינְגְל בִּיז עֶס פִירְט זִיךְ אוֹיס שֵׁיינֶע זַאכְן אוּן עֶס וֶוערְט אַ שֵׁיינֶע קֵייטְל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט צוּרִיק אוֹיף אַלֶעם וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, וֶועט עֶר זֶען ווִי שֵׁיין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט זַיין לֶעבְן. יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים, לְטוֹב צִי לְרָעָה, אִיז נָאךְ אַ סִיבָּה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען וָואס עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען.

מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט דָארְט אִינֶעם בְּרִיוו, אַז דָאס וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְן, אִיז נָאךְ אַ רִינְגֶעלֶע מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. וַוייל וֶוען אַלֶעם וָואלְט גֶעגַאנְגֶען פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ גוּט, וָואלְט עֶר אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא, ג): "צָרִיךְ אָדָם לְהַחֲזִיק טוֹבָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּזְמַן שֶׁהַיִּסּוּרִין בָּאִין עָלָיו, לָמָּה? שֶׁהַיִּסּוּרִין מוֹשְׁכִין אֶת הָאָדָם לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס עֶר גֵייט אַרִיבֶּער, וַוייל דָאס שְׁלֶעפְּט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "אַן עוֹשֶׁר וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט נֶעמֶען אַ תְּהִילִים; וָואס דַארְף עֶר אַ

תְּהִילִים? עֶר הָאט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף. וֶוער נֶעמְט אַ תְּהִילִים? אַן אָרֶעמַאן, נָאר אֵיינֶער וָואס אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים, דֶער טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר אֵיינֶער וָואס דַארְף אַ יְשׁוּעָה נֶעמְט דֶעם תְּהִילִים'ל אִין הַאנְט. אוֹיב מֶען זֶעט שׁוֹין יָא אַמָאל אַן עוֹשֶׁר זָאגְט תְּהִילִים, אִיז נָאר וַוייל עֶפֶּעס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ'"; קוּמְט אוֹיס אַז דָאס וָואס מִיר זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן אִיז נָאר וַוייל עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז וָואס אִיז אַרִיבֶּער וְכוּ', דִי שְׁוֶועריקַייטְן וָואס גֵייט אִיבֶּער הָאט אוּנְז גֶעשְׁטוּפְּט צוּם רֶבִּי'ן, דִי שְׁוֶועריקַייטְן הָאט אוּנְז גֶעשְׁטוּפְּט מִיר זָאלְן זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען מֶען קוּקְט צוּרִיק זֶעט מֶען וִוי פוּן יֶעדֶע צָרָה, פוּן יֶעדֶע שְׁוֶועריקַייט וָואס זֶעט אוֹיס וִוי 'טֶבַע', פוּן יֶעדֶע טַבַּעַת, יֶעדֶעס רִינְגֶעלֶע - אִיז גֶעוָוארְן אַ שֵׁיינֶע קֵייטְל.

**דָאס** אִיז דֶער סוֹד פוּן רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער רֶבִּי לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס. עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער רֶבִּי לָאזְט אוּנְז נִישְׁט שְׁלָאפְן, עֶר וֶועקְט אוּנְז אוֹיף מִיר זָאלְן אָנְהוֹיבְּן כְּסֵדֶר מִיט אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה, מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעקְלַאפְּט.

**דֶערְפַאר** פָארְן מִיר יֶעדֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער אָנְפַאנְג פוּנֶעם יָאר, אוּן אַלֶעס גֵייט נָאכְן אָנְהוֹיבּ. מִיר הוֹיבְּן אָן דֶעם יָאר מִיט

אֱמוּנָה, אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן וֶוען מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקַייטְן, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר הַאלְטְן אִינְמִיטְן מַאכְן אַ שֵׁיינֶעם קַייטְל אוּן יֶעדֶע שְׁוֶועריקַייט אִיז נָאךְ אַ רִינְגֶעלֶע אִינֶעם שֵׁיינֶעם קַייטְל וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אוּנְז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קלב

### הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מוֹחֵל גֶעוֶוען פַאר דָוִד נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, עֶס גֶעט מִיר כֹּחַ אָנְצוּגֵיין יֶעדְן טָאג. אוֹיךְ הֶער אִיךְ אוֹיס דִי הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֶערְנְט פָאר אִין נַ"ךְ.

אִין אֵיינְס פוּן דִי שִׁיעוּרִים אִין נַ"ךְ הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט אַז וֶוען נָתָן הַנָּבִיא אִיז גֶעקוּמֶען זָאגְן פַאר דָוִד הַמֶּלֶךְ אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גְלַייךְ גֶעזָאגְט "חָטָאתִי" - אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְ'ן עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין.

לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם; אִיז מִיר אַבִּיסְל שְׁוֶוער, ווייל לוֹיט וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אֵייבִּיג פַארְשְׁטַאנֶען פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶר בְּלַאט אִין

לֶעבְּן, מֶען בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין עוֹנֶשׁ. אוֹיבּ אַזוֹי פַארְוָואס הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף?

איך הָאף אוּן אִיךְ גְלֵייבּ אַז וֶוען אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה הֶעלְפְט עֶס; אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶס בֶּעסֶער מַסְבִּיר זַיין?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת וַיֵּשֶׁב, ט"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק א, מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א): יֶעדֶע מִצְוָה אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ מִצְוַת עֲשֵׂה סַיי אַ מִצְוַת לֹא תַעֲשֶׂה, אוֹיבּ מֶען הָאט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אֵיינֶע פוּן דִי מִצְווֹת, סַיי בְּשׁוֹגֵג סַיי בְּמֵזִיד. וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (בַּמִּדְבָּר ה, ז): "וְהִתְוַדּוּ אֶת חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ"; וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זִיךְ מִתְוַדֶה? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם, מֶען זָאל אַזוֹי זָאגְן: "אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי, וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה", אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה, אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן; דָאס אִיז וִידּוּי, אוּן דֶער רַמְבַּ"ם

פִּירְט אוֹיס: "וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה - הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח", וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים, בְּחֻקֹּתַי): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "מִיַּד שֶׁהֵם מִתְוַדִּים עַל עֲוֹנוֹתֵיהֶם, מִיַּד אֲנִי חוֹזֵר וּמְרַחֵם עֲלֵיהֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת בִּין אִיךְ אִים גְלַייךְ מוֹחֵל, אוּן אִיךְ פִיר זִיךְ מִיט אִים מִיט רַחֲמָנוּת; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה מֶעקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיס זַיינֶע זִינְד. דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז, אַז דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט נָאר אִינֶעם זִינְד, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ תְּשׁוּבָה גְלֵייבְּט עֶר נִישְׁט אַז עֶר קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת דַארְף יֶעדֶער אִיד גְלֵייבְּן אַז עֶר קֶען אוֹיף אַלֶעס תְּשׁוּבָה טוּן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיב): "אִם אַתָּה מַאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְקַלְקֵל, תַּאֲמִין שֶׁיְּכוֹלִין לְתַקֵּן", אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס גְלֵייבּ אוֹיךְ אַז דוּ קֶענְסְט פַארְרֶעכְטְן; מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין דֶעם, מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נֶעמְט אָן אוּנְזֶער תְּשׁוּבָה אוּן עֶר וַוארְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פַארְוָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן, עֶר הָאט דָאךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן; קוֹדֶם דַארְפְסְטוּ ווִיסְן וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת נו.): "כָּל הָאוֹמֵר דָּוִד חָטָא, אֵינוֹ אֶלָּא טוֹעֶה", וֶוער עֶס זָאגְט אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ

הָאט גֶעזִינְדִיגְט אִיז זִיךְ טוֹעֶה; וַוייל אַלֶע סָאלְדַאטְן אִין דִי צַייטְן פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ פְלֶעגְן גֶעבְּן אַ גֶט פַאר זֵייעֶר וַוייבּ אֵיידֶער זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אִין מִלְחָמָה (עַיֵּין שָׁם בְּתוֹסְפוֹת, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל גֵּט, וְנִרְאֶה לְרַבֵּינוּ תַּם) כְּדֵי זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין עֲגוּנוֹת. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין קז.): "רְאוּיָה הָיְתָה בַּת שֶׁבַע לְדָוִד מִשֵּׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית", בַּת שֶׁבַע אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעגְרֵייט פַאר דָוִד הַמֶּלֶךְ נָאךְ פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית, "אֶלָּא שֶׁאֲכָלָהּ פַּגָּה", נָאר עֶר הָאט דָאס גֶענוּמֶען פַאר דִי צַייט. נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֲבוֹדָה זָרָה ד:): רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי זָאגְט: "דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעוִויזְן פַאר אוּנְז אַ וֶועג, אַז אוֹיבּ מִיר פַאלְן אַרָאפּ, זָאלְן מִיר תְּשׁוּבָה טוּן".

וָוען מֶען לֶערְנְט נְבִיאִים וּכְתוּבִים דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דָאס צוּ לֶערְנֶען מִיט רַשִׁ"י, וָואס עֶר בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דֶעם פְּשַׁט וִוי אַזוֹי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן דָאס גֶעלֶערְנְט. מֶען טָאר נִישְׁט לֶערְנֶען נַ"ךְ אָן פֵּירוּשׁ רַשִׁ"י וַוייל מֶען קֶען זִיךְ זֵייעֶר טוֹעֶה זַיין אוּן נָאכְדֶעם קוּמֶען צוּ פַארְדְרֵייעֶן דִי תּוֹרָה. מִיר וֵוייסְן נָאר וִוי אַזוֹי חַזַ"ל לֶערְנֶען דָאס אָפּ, חַס וְשָׁלוֹם מִיר זָאלְן דָאס לֶערְנֶען וִוי דִי מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים לֶערְנֶען דָאס; אוֹיף דֶעם זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת כח:): "מִנְעוּ בְּנֵיכֶם מִן הַהִגָּיוֹן", מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט לֶערְנֶען צוּפִיל מִקְרָא, וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט מִקְרָא אָן מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא קֶען מֶען זֵייעֶר פַארְקְרִיכְן, דֶערְפַאר זָאגְט עֶר גְלַייךְ: "וְהוֹשִׁיבוּם בֵּין בִּרְכֵּי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", זֶע צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער מִשְׁנָה אוּן גְמָרָא, וַוייל דָארְט קֶען מֶען נִישְׁט פַארְקְרִיכְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג) **אַז** תְּהִילִים אִיז מְסוּגָל צוּ תְּשׁוּבָה; ווייל אִיז אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן און עֶר וֶועט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים קָשִׁים וּמָרִים.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

## קלג

### אִיךְ בִּין מַמָּשׁ קְרַאנְק אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה, וְוִי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וֵויים נִישְׁט וואוּ אָנְצוּהוֹיבְּן, אִיךְ בִּין פוּל מִיט שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה, מַיין לֶעבְּנ'ס שְׁטֵייגֶער אִיז פַארְדְרֵיידְט גֶעוָוארְן, און בָּאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' זֵייעֶר אַ פֵיינֶע גֶעלוּנְגֶענֶע וַוייבּ וָואס שְׁטֶעלְט מִיר צוּ אַלֶעס וָואס אִיךְ דַארְף, בִּין אִיךְ אָבֶּער קְרַאנְק אִין מֹחַ, עֶס צִיט מִיר צוּ בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט און אִיךְ לַייד אַסַאךְ דֶערְפוּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְקְרִיכְן דֶערְפוּן.

אוֹיךְ מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ אַסַאךְ מִיט שְׁמִירַת עֵינַיִם, אִיךְ בִּין פָּשׁוּט קְרַאנְק און אִיךְ מוּז קוּקְן אוֹיף פְרוֹיעֶן, אִיךְ זוּךְ אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶּער עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**וויסְן** זָאלְסְטוּ אַז דָאס אִיז אַ מַחֲלָה; נִישְׁט סְתַם אַ קְרַאנְקְהֵייט, נָאר אַ קְרַאנְקְהֵייט וָואס וֶוען דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זָאל וֶוען שְׁטֵיין, וָואלְטְן דִי סַנְהֶדְרִין גֶעגֶעבְּן פַּאר דִי מַחֲלָה נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער ווִי 'סְקִילָה' (וַיִּקְרָא כ, יג).

**קוּק** ווִי הַארְבּ דִי עֲבֵירָה אִיז, אַז דֶער רֶבִּי וָואס זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפב) אַז מֶען דַארְף מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ אוֹיף אַ רָשָׁע גָמוּר, דָאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכָר", מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי עֲבֵירָה הַנַּ"ל; זֶעט מֶען ווִי הַארְבּ דִי עֲבֵירָה אִיז.

**עֶם** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם רְמַ"ע מִפַּאנוֹ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (מַאֲמָר תִּקּוּנֵי הַתְּשׁוּבָה, פֶּרֶק ה) אַז דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דִי עֲבֵירָה אִיז, אַז מֶען וֶוערְט מְגוּלְגָל אִין חַיּוֹת - שָׁפָן וְאַרְנֶבֶת (הָאזְלֶעךְ) וְכוּ', עֶר בְּרֶענְגְט דָארְט אַז מֶען דַארְף פַּאסְטְן אוֹיף דִי עֲבֵירָה כְּמִנְיַן רג"ל וָואס בַּאטְרֶעפְט זָכוּ"ר, קוּק אַרֵיין דָארְט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן לג) אַז דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז תְּפִיסָה.

**אָבֶער** דֶער רֶבִּי הָאט אַן עֵצָה פַאר דִיר אוֹיךְ, דֶער רֶבִּי קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז קְרַאנְק אוּן לַיידְט פוּן דִי עֶקְלְדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת קֶען אוֹיךְ אַרוֹיס

קְרִיכְן פוּן זַיינֶע עֶקְלְדִיגֶע גֶעמֵיינֶע שְׁמוּץ אוּיב וֶועט עֶר פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "אֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוּיב וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וָוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "צִי תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט וִוי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֵוייקְט זִיךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחֲמָנָא לִצְלָן, קֶען דִי תּוֹרָה מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶּענֶען אַלֶע זַיינֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד; וֶוען דוּ לֶערְנְסְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים לֶערְן דָאס אוֹיף אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פַאר דִיר.

דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ אִין סַיי וֶועלְכֶע מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ; בִּפְרָט אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד" (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מֶען מַאכְט זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג מִקְרָא - אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, מִשְׁנָה - מֶען זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, נָאכְדֶעם גְמָרָא - מֶען לֶערְנְט דַפִּים גְמָרָא כְּסִדְרָן, פוּן אָנְהוֹיבּ שַׁ"ס בִּיז מֶען עֶנְדִיגְט אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְן צְוֵוייטְן, דוּרְכְדֶעם קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן פוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין רֶבִּינְ'ס חֶדֶר אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען מֶענְטְשְׁן מִיט אַלֶע סָארְט אָנְשִׁיקֶענִישְׁן, מִיט אַלֶע סָארְט מַחֲלוֹת אוּן מִיט אַלֶע סָארְטְן נֶערְוְון וְכוּ'; דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימּוּד עֶרְנְסְט, הָאבְּן זִיךְ גֶעטוֹישְׁט מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה. זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס פוּן זֵייעֶרֶע מַחֲלוֹת אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. אֲפִילוּ עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען אַז מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט הֶעלְפְן, זֶענֶען זֵיי אָבֶּער אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער.

**דֶערְפַאר,** אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר וִוי דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע ווִיל דִיר אַרָאפּ וַוארְפְן אִין עֶקְלְדִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס קֶען דִיר אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן פַאר דַיין גַאנְץ לֶעבְן, זָאלְסְטוּ אָנְנֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, וֶועסְטוּ הָאבְן כֹּחַ צוּ מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם יֵצֶר הָרָע.

**זֶע** צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת; הוֹיבּ אָן מַסֶכֶת בְּרָכוֹת אוּן גֵיי אִין אַ סֵדֶר אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, בִּיז דוּ עֶנְדִיגְסְט אֵיין מַסֶכְתָּא נָאכְ'ן צְוֶוייטְן. אַזוֹי זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה. נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהוֹיבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנָיוֹת פוּן אָנְהוֹיבּ, דָאס זָאלְסְטוּ טוּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

**מִשְׁנָיוֹת** הָאט אַ כֹּחַ אַרוֹיס צוּ שְׁלֶעפְּן אַ מֶענְטְשׁ אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין טִיפְן אָפְּגְרִינְד, עֶר לִיגְט אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית; מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אַז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּן (תְּהִלִּים ל, ד): "הֶ'עֱלִיתָ מִ'ן שְׁ'אוֹל נַ'פְשִׁי" אִיז מִשְׁנָ"ה; אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט מִשְׁנָיוֹת, נֶעמְט עֶס אִים אַרוֹיס פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

# קלד

**אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵייט מִיט אַ מֵיידְל,**
**מֶעג אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ הַייקֶעלֶע שְׁאֵלָה. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט זִיךְ גֶעדְרֵיידְט מִיט אַ מֵיידְל בֶּעפָאר מֶען הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט טָאר מֶען נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר.

עֶס אִיז דָא אַ מֵיידְל וָואס אִיז גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט מִיר, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעוֶוען מִיט אִיר עֶטְלִיכֶע מָאל וְכוּ'.

וָואס אִיז דִי הַלָכָה אִין אַזַא פַאל? וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, י"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט; אוֹיבּ מֶען דְרֵיידְט זִיךְ סְתַם אַזוֹי אַרוּם מִיט אַ מֵיידְל וְכוּ' אָן קַיין חוּפָּה וְקִידוּשִׁין, אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט אוּן וַוארְט אַז דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן

**מִיט איר כְּדַת וְכַדִין, דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. מִיט דֶעם וָואס דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועסְטוּ אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.**

**עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא הֲלָכָה אַז אוֹיבּ מֶען אִיז גֶעוֶוען מִיט וְכוּ' טָאר מֶען נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּית נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל.**

# קלה

**ווי אַזוֹי פִירְט מֶען אַ יְשִׁיבָה מִיט בָּחוּרִים?**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ גֶעבְּן אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר דִי אַלֶע חִיזוּקִים, דָאס אִיז מַמָשׁ מְחַיֶה אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער כֹּחַ וָואס אִיר הָאט פוּן הִימְל.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע פְרַאגֶעס אִיבֶּער אַייעֶר יְשִׁיבָה, אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ אַ יְשִׁיבָה אוּן אִיךְ לֶערְן זִיךְ פוּן אַייךְ ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ בָחוּרִים.

אִיז דָא בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה תַּקָנוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט עוֹבֵר זַיין אוֹיף דֶעם? וָואס טוּט אִיר וֶוען אַ בָּחוּר פַאלְט אִין קְדוּשָׁה, מַאכְט אִיר אַ שְׁוַוייג, אָדֶער אִיר וַוארְפְט אִים אַרוֹיס? דָאס וָואס מֶען זֶעט ווִי דִי בָּחוּרִים זִיצְן אַזוֹי שְׁטִיל אוּן הֶערְן אוֹיס מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים, ווִי אַזוֹי מַאכְט אִיר דָאס?

בְּקִיצוּר, ווי אַזוֹי הַאלְט מֶען בָּחוּרִים? יֶעדֶער פוּן דִי בָּחוּרִים הָאט דָאךְ זַיינֶע אֵייגֶענֶע רְצוֹנוֹת, אֶפְשַׁר נֶעמְט אִיר לְכַתְּחִילָה אַרַיין נָאר דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מְקַבֵּל צוּ פָאלְגְן אַלֶעס אִין יְשִׁיבָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**גֶעלוֹיבְּט** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט בָּחוּרִים תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם וּמִידּוֹת טוֹבוֹת שׁוֹין פַּאר אִיבֶּער פִּיפְצְן יָאר; פִינְף יָאר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער פוּן דְרַייצְן יָאר, אוּן יֶעצְט וֶוערְט צֶען יָאר פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה - הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב".

**יֶעדֶער** בָּחוּר וָואס וויל קוּמֶען לֶערְנֶען בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה קֶען קוּמֶען לֶערְנֶען, בַּיי אוּנְז אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֵּחֲזִי וָואס טְרַייבְּט אַוֶועק תַּלְמִידִים פוּן יְשִׁיבָה, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוֹיף גֵּחֲזִי, אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא, וַוייל עֶר פְלֶעגְט מְרַחֵק זַיין תַּלְמִידִים פוּן אֱלִישָׁע הַנָּבִיא (סַנְהֶדְרִין קז:).

**אַשְׁרֶיךָ** וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶיךָ אַז אִיר נֶעמְט צוּזַאמֶען בָּחוּרִים אוּן אִיר זֶענְט זֵיי מְחַזֵּק, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט פַאר אַ צְוֵוייטְן

אִיד. אַז מֶען הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דָאס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז): "מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג", אֵיינֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת, דֶער קֶען זַיין אַ רֶבִּי, אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל, "כִּי עִקַּר הָרַחֲמָנוּת הוּא כְּשֶׁיִּשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ נוֹפְלִין חַס וְשָׁלוֹם בַּעֲווֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, כִּי זֶהוּ הָרַחֲמָנוּת הַגָּדוֹל מִכָּל מִינֵי רַחֲמָנוּת", דֶער גְרֶעסְטֶער רַחֲמָנוּת אִיז, רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט טוּן עֲבֵירוֹת. ווייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער רַחֲמָנוּת, "וְזֶהוּ עִקַּר הָרַחֲמָנוּת, לְרַחֵם עַל יִשְׂרָאֵל עַם קָדוֹשׁ, לְהוֹצִיאָם מֵהַמַּשּׂאוֹי הַכָּבֵד שֶׁל עֲווֹנוֹת". וֶוען מֶען נֶעמְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מֶען שַׁיינְט אַריין אִין זֵיי אֱמוּנָה, זֵיי זָאלְן וויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט זֵיי, זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן פוּן זֵייעֶרע אַלְטֶע מַעֲשִׂים אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס הֵייסְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דֶערְפַאר, אַז אִיר נֶעמְט צוּזַאמֶען בָּחוּרִים אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוֹיבְן אִין הִימְל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** וָואס אִיר פְרֶעגְט, וָואס דַארְף מֶען טוּן וֶוען מֶען זֶעט אַ בָּחוּר פַאלְט בִּקְדוּשָׁה; עֶרְשְׁטְנְס, וֶוען אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה טְרֶעפְט זִיךְ אַז אִין זַיין יְשִׁיבָה גֶעפִינְט זִיךְ אַ קְרַאנְקֶער בָּחוּר וָואס הָאט שַׁייכוּת מִיט אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים וְכוּ', דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה פַאר דִי אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אוּן פוּן אַזַא בָּחוּר דַארְף מֶען זֵייעֶר שְׁנֶעל פָּטוּר וֶוערְן. וֶוען אַ בָּחוּר טוּט עֲבֵירוֹת מִיט אַ חַבֵר וְכוּ', אַזַא אֵיינֶעם רוּפְט מֶען נִישְׁט מִיט אַן

איידעלע טיטל "פּאלט בקדושה", ווייל איינער וואס טוט מעשי תועבה איז א קראנקער מענטש וואס טאר נישט זיין צווישן קינדער אדער בחורים. ביי דעם איז נישט שייך רחמנות, פארקערט, דאס איז דער ריכטיגער רחמנות, צו ראטעווען אלע אנדערע בחורים, זיי זאלן בלייבן געזונט און נאך ווען חתונה האבן.

מען דארף אסאך רעדן צו בחורים זיי זאלן זיך אכטונג געבן פון נישט געזונטע מענטשן; מען דארף רעדן אפן צו זיי, עס איז נישט גענוג אז מען רעדט צו זיי מיט רמזים, קינדער און יונגע בחורים פארשטייען נישט קיין רמזים, אז מען רעדט נישט צו זיי אפן זיי זאלן אנטלויפן פון מנוולים, זיי זאלן וויסן אז קיינער קען זיי נישט אנרירן וכו', ווען זיי פאלן נאכדעם קרבנות פאר די קראנקע בעלי עבירה.

צווייטנס; דאס וואס בחורים גייען אריבער וכו' און זיי האבן זייערע איינענע נסיונות אין פגם הברית - הוצאת זרע לבטלה רחמנא לצלן, זיי דארף מען מחזק זיין אן א שיעור. ווייל ווען א מענטש זינדיגט אין די עבירה פון פגם הברית, ער איז מוציא זרע לבטלה רחמנא לצלן, ווערט ער ביי זיך זייער צעקלאפט, ער שפירט ביי זיך ווי דער אייבערשטער דארף אים נישט און ער גייט ארום מיט א שרעקליכער צער, זיי דארף מען זייער אסאך מחזק זיין.

מוהרא"ש זכרונו לברכה האט געזאגט אז ער איז אראפ געקומען אויף די וועלט נאר צו מחזק זיין בחורים;

מוהָרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן גוּזְמָאוֹת פוּן סְפָרִים פַאר בָּחוּרִים, זֵיי מְעוֹדֵד זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אוֹיף צוּ גֶעבְּן. מוהָרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן דִי סְפָרִים: "סֵפֶר אוֹצָר הַקְדוּשָׁה", "סֵפֶר קְדוּשַׁת יִשְׂרָאֵל", "סֵפֶר שְׁמִירַת הַבְּרִית"; דָאס דַארְף מֶען גֶעבְּן פַאר בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען, דָאס וֶועט זֵיי אוֹיפְלֶעבְּן.

דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז זֵיי מְחַזֵק זַיין בָּרַבִּים; דָאס הֵייסְט, אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ בַּיי דִי דְרָשׁוֹת דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּשׁוּבָה וְכוּ', אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מוֹחֵל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיב אִיז עֶר זִיךְ מִתְוַדֶה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל.

**פְּרִיוַואט** אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ פַּאטְשְׁקֶען אִין דִי עִנְיָנִים; עֶס אִיז אַ טָעוּת פוּן מְנַהֲלִים אַז זֵיי רֶעדְן פְּרִיוַואט וְכוּ'. לֵיידֶער זֶענֶען דָא מְנֻוָולִים וָואס זוּכְן צוּטְרִיט צוּ בָּחוּרִים, קוּמֶען זֵיי מִיט אַ שְׁלַייעֶר כְּאִילוּ זֵיי הֶעלְפְן דֶעם בָּחוּר, זֵיי מַאכְן אַ טַבְלָא (טְשַׁארְט) אוּן הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן מִיטְ'ן בָּחוּר וִויפִיל מָאל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען וְכוּ', וִויפִיל טֶעג עֶר אִיז רֵיין וְכוּ'; דִי זֶענֶען גְרוֹיסֶע מְנֻוָולִים. לֵיידֶער זֶענֶען בָּחוּרִים נִישְׁט צוּגֶעגְרֵייט אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע פְּרִיוַואטֶע מַעֲשִׂים ה' יְרַחֵם.

**נִישְׁט** קַיין חִילוּק צִי דָאס אִיז אַ מַשְׁגִיחַ, אַ חַבְרוּתָא אָדֶער אַ מַגִיד שִׁיעוּר וְכוּ', וֶוער עֶס קְרִיכְט אַרַיין אִין יֶענֶעמְס

קִישְׁקֶעס אִיז אַ מְנִיוָול, אִיךְ שְׁרַייבּ דָאס אָן מוֹרָא, וַוייל דָאס אִיז דֶער מְצִיאוּת.

**נִישְׁט** אַזוֹי וֶוערְט מֶען נָאנְט מִיט בָּחוּרִים, אוּן נִישְׁט אַזוֹי גֶעווּאוּנְט מֶען זֵייעֶר הַארְץ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת אַהֲבָה, סִימָן ז): "כְּשֶׁתְּחַזֵּק אֶת הָאָדָם בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא יֹאהַב אוֹתְךָ", וֶוען דוּ וֶועסְט מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶועט עֶר דִיר לִיבּ הָאבְּן; דָאס אִיז דִי וֶועג צוּ גֶעוואוּנֶען בָּחוּרִים, דָאס אִיז דִי וֶועג וָואס בְּרֶענְגְט לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַ רֶבִּי מִיט תַּלְמִידִים.

**עֶס** זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, זֵיי מֵיינֶען אַז מִיט דֶעם וָואס זֵיי וֶועלְן גֶעבְּן פַאר דִי בָּחוּרִים זֵייעֶר קַאר צוּ דְרַייוְון וְכוּ' אָדֶער מַתָּנוֹת, וֶועט דֶער בָּחוּר אִים לִיבּ הָאבְּן, עֶר וֶועט גֶעווִינֶען צִיטְרוֹי צוּ אִים וְכוּ'; אֶפְשָׁר אוֹיף דִי מִינוּט הָאסְטוּ אִים גֶעכַאפְּט וְכוּ', אָבֶער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶועט דֶער בָּחוּר בִּכְלַל נִישְׁט אַרוֹיף קוּקְן אוֹיף דֶעם, עֶס וֶועט אִים נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וָואס מַאכְט אַז אַ בָּחוּר זָאל אַרוֹיף קוּקְן זַיין מַשְׁגִּיחַ, מַגִּיד שִׁיעוּר, רֶבִּי , וְכַדוֹמֶה, אִיז, אַז מֶען אִיז אִים מְחַזֵּק אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען רֶעדְט צוּ אִים פַאזֶעטִיווּ: "דוּ קֶענְסְט יָא", "דוּ וֶועסְט עֶס בַּאוַוייזְן".

**אַז** אִיר הָאט אַ יְשִׁיבָה דַארְפְט אִיר אַרַיין לֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען תּוֹרָה; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ זִיסְן 'דֶרֶךְ הַלִימוּד' - אַ וֶועג צוּ לֶערְנֶען פַאר

אַלֶעמֶען, פַאר יוּנְג אוּן אַלְט, פַאר אַ גוּטֶע קָאפּ אָדֶער אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). אוֹיבּ מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִימוּד בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, קֶען יֶעדֶער לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָה, בְּלִי גֻזְמָא.

**דָאס** וָואס אִיר פְרֶעגְט, ווִי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז דִי בָּחוּרִים זִיצְן בַּיי דִי שִׁיעוּרִים מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, עֶס אִיז שְׁטִיל אוּן מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס מֶען רֶעדְט וְכוּ'; ווייסְן זָאלְט אִיר אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק א): "דֶּרֶךְ אֶרֶץ קָדְמָה לַתּוֹרָה"; אוֹיבּ מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין מִיט תַּלְמִידִים דַארְף זַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיז אַ שָׁאד יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אָדֶער בָּחוּרִים, דָאס אִיז קָדְמָה לַתּוֹרָה. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווָאוּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל מִיט זֵיי לֶערְנֶען".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַייעֶרֶע תַּלְמִידִים.

# קלו

## וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט דְרָאגְס?

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וואו עֶס אִיז דָא אַ מְקוֹר אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען קַיין דְרָאגְס (סַמִים). דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֵוייסְט דָאךְ זִיכֶער אַז עֶס דְרֵיידְט זִיךְ הַיינְט אִין דִי יְשִׁיבוֹת גְרִינְגֶע דְרָאגְס.

אֶפְשָׁר וֵוייס אִיךְ פְּשׁוּט נִישְׁט וָואס דְרָאגְס טוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ? וָואס אִיז עֶס אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ גְלֶעזְל אַלְקָאהָאל? אִפְשַׁר שֶׁעדִיגְט עֶס דֶעם מֹחַ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער? אֶפְשָׁר טָאר מֶען נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן מִיט אַבִּיסְל, וַוייל נָאכְדֶעם צִיט עֶס צוּ מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶערֶע?

בִּיטֶע מִיר קְלָאר מַאכְן אִיבֶּער דֶעם, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ** וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס גֵייט פָּאר מִיט דִיר; דוּ פְרֶעגְסְט וואו עֶס אִיז דֶער מָקוֹר פוּן דִי תּוֹרָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט נֶעמֶען דְרָאגְס (סַמִים). אִיךְ וֶועל דִיר פְרֶעגְן אַ שְׁטֶערְקֶערֶע שְׁאֵלָה: "וואו שְׁטֵייט אַז מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן קַיין סַם (רַעַל)?" וֶועסְטוּ מִיר אַוַדַאי עֶנְטְפֶערְן: "וַוייל אַז מֶען עֶסְט סַם שְׁטַארְבְּט מֶען"; דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט דְרָאגְס. וֶוען מֶען נֶעמְט דְרָאגְס פַארְבְּרֶענְט מֶען זִיךְ

דֶעם מֹחַ, מֶען קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט טְרַאכְטְן גֶעהֶערִיג, מֶען פַארְלִירְט סַיי דֶעם גַשְׁמִיוּת'דִיגְן לֶעבְּן, און כָּל שֶׁכֵּן דֶעם רוּחְנִיוּת'דִיגֶער לֶעבְּן. מֶען אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער זֶעלְבֶּער מֶענְטְשׁ פוּן פְרִיעֶר, מֶען דְרֵייְדְט זִיךְ אַרוּם אָנְגֶע'דְרָאגְ'ט אַזוֹי ווִי אֵיינֶער וָואס אִיז פַאר'שִׁיכּוֹר'ט אִינְגַאנְצְן.

**אֵיינֶער** וָואס נֶעמְט דְרָאגְס וֶוערְט מִיט דִי צַייט צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם בִּיז עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֵיין אָנְדֶעם. אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין דְרָאגְס וֶוערְט עֶר פָּשׁוּט מְשׁוּגָע, עֶר וֶועט טוּן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט צוּ בַּאקוּמֶען דְרָאגְס, אוֹיבּ הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גֶעלְט וֶועט עֶר גֵיין גַנְב'עֶנֶען גֶעלְט, אַבִּי צוּ בַּאקוּמֶען דְרָאגְס. דֶער סוֹף וֶועט זַיין אַז עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען אִין מְשׁוּגָעִים הוֹיז אָדֶער אִין תְּפִיסָה, אָדֶער וֶועט עֶר זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן.

**מֶען** דַארְף רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן ווִיסְן וָואס דֶער סוֹף אִיז פוּן אֵיינֶער וָואס נֶעמְט דְרָאגְס, כְּדֵי זֵיי זָאלְן נִישְׁט פַארְכַאפְּט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים וָואס זוּכְן אַרַיין צוּ כַאפְּן אוּמְשׁוּלְדִיגֶע קִינְדֶער אִין דֶעם. ווַייל אֵיינְמָאל מֶען אִיז טוֹעֵם פוּן דֶעם בִּיטֶערְן טַעַם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ קְרִיכְן פוּן דֶעם, און מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ פַאר'ן גַאנְצְן לֶעבְּן. דֶערְפַאר הֶערְט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת ווִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען זִיךְ דָאס לֶעבְּן רַחְמָנָא לִיצְלָן, ווַייל דֶער לֶעבְּן אִיז זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד.

**לַיידֶער** גֵייט אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם; אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל נֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת

וָואס דָאס קֶען הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה זָאל מֶען לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם בַּאשֶׁעפֶער - מַאכְט פְרֵיילִיךְ דֶעם מֶענְטְשׁ, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז מֶער נִישְׁט אַלֵיין. וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁפִּירְט מֶען וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר, עֶר הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אַנְשְׁטָאט דֶעם נֶעמְט מֶען נֶעבֶּעךְ סַם הַמָּוֶת, מֶען נֶעמְט דְרָאגְס, וָואס דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער דֶעם צָרָה בִּיז מֶען פַארְלִירְט דָאס לֶעבְן.

מֶען הֶערְט לֵיידֶער אָן אַ שִׁיעוּר מַעֲשִׂיּוֹת וִוי גַאנְצֶע שְׁטוּבֶּער צֶעפַאלְן, נָאר וַוייל דֶער מַאן - דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים, זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל נָאר פַארְזוּכְן אַבִּיסְל, בִּיז עֶר פַארְגֶעסְט אַהֵיים צוּ קוּמֶען, עֶר בְּלַייבְּט שְׁלָאפְן אִין זַיין אָפִיס וְכוּ', אָדֶער אִין זַיין קַאר, בִּיז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה וֶוערְט אוֹיס.

אַלֶעם פַאנְגְט זִיךְ אָן מִיט דֶעם וָואס מֶען פָאפְּט זִיךְ אַלֵיינְס אָפּ, מֶען טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אִיךְ נֶעם נָאר אַבִּיסְל', 'עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אֵיין שְׁלֶעפּ וְכוּ''; דוּ קֶענְסְט הַיינְט הֶערְן כָּל מִינֵי הֶסְבֵּרִים פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן וְכוּ', מֶענְטְשְׁן וָואס לֶעבְן אָן יִרְאַת שָׁמַיִם, וָואס בַּארֶעכְטִיגְן דָאס נֶעמֶען דְרָאגְס: 'וָואס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ?' 'וָואס אִיז דְרָאגְס אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵוייטֶע סָארְט עֶדִיקְשְׁן?' אָבֶער אַ

מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען אִים אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קלז

## אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵיידְט מִיט אַ פְּרוֹי, מֶעג אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְן מִיט אִיר?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה,

אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעהַאט גֶעשְׁרִיבְּן אַ שְׁאֵלָה (מִכְתָּב קלד) אוֹיבּ אִיךְ מֶעג חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ מֵיידְל מִיט וֶועמֶען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעדְרֵיידְט פַאר דִי חֲתוּנָה, לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ ווִיכְטִיגֶע נְקוּדָה, אַז זִי אִיז גֶעוֶועןחֲתוּנָה גֶעהַאט בְּשְׁעַת מַעֲשֶׂה וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועןמִיט אִיר, אוּן יֶעצְט הַאלְט זִי פַאר אַ גֶט; מֶעג אִיךְ חֲתוּנָה הָאבְן מִיט אִיר?

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר

וַויי אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן אֵשֶׁת אִישׁ, ווִי בִּיטֶער אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט עוֹבֵר גֶעוֶוען אוֹיף אַן עֲבֵירָה וָואס דֶער עוֹנֶשׁ אוֹיף דֶעם אִיז טוֹיט שְׁטְרָאף; עֶפְּן

אויף אַ חוּמָשׁ און קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (וַיִּקְרָא כ, י): "וְאִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת אֵשֶׁת אִישׁ, אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת אֵשֶׁת רֵעֵהוּ, מוֹת יוּמַת הַנֹּאֵף וְהַנֹּאָפֶת", אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶועט טוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַן אֵשֶׁת אִישׁ דַארְף מֶען הַרְגֶ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ, און אוֹיךְ דִי פְרוֹי; וַוייא אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא זַאךְ און דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט, דוּ ווִילְסְט נָאךְ גֵיין חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר.

**עֶם** וֶוערְט בְּפֵירוּשׁ גֶע'פַּסְקְ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אֶבֶן הָעֵזֶר, סִימָן יא, סָעִיף א): "אֲסוּרָה לְבַעַל, וַאֲסוּרָה לַבּוֹעֵל וְכוּ'", אוֹיבּ אַ פְרוֹי - אַן אֵשֶׁת אִישׁ, הָאט גֶעטוּן אַן עֲבֵירָה מִיט אַ פְרֶעמְדֶע מַאן, אִיז זִי אָסוּר צוּ בְּלַייבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אִיר מַאן און זִי אִיז אָסוּר חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט וֶועם זִי הָאט גֶעזִינְדִיגְט.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט זִיךְ אָפְּטְשֶׁעפֶּען פוּן דִי פְרוֹי און דוּ וֶועסְט אָפְּהַאקְן אַלֶע דַיינֶע פַארְבִּינְדוּנְגֶען וָואס דוּ הָאסְט מִיט אִיר, אַז נִישְׁט וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער דַיין סוֹף. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, יב): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְוַותֵּר, חוּץ מִן הַזִּמָּה וְהַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶעם אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מְוַותֵּר חוּץ וֶוען אֵיינֶער טוּט שְׁמוּץ. קוּק אַרַיין אִין רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק טו מֵהִלְכוֹת סַנְהֶדְרִין, הֲלָכָה ג): וֶוען אֵיינֶער הָאט שַׁייכוּת וְכוּ' מִיט אַן אֵשֶׁת אִישׁ, אֲפִילוּ דִי פְרוֹי אִיז צֶעטֵיילְט, זִי אִיז סֶעפֶּערֵיטֶעד און זִי ווִיל זִיךְ גֶט'ן, כָּל זְמַן זִי הַאלְט נָאךְ פַאר אַ גֶט אִיז זִי אַן אֵשֶׁת אִישׁ, פַּסְקְ'נְט דֶער רַמְבַּ"ם דָארְט אַז: "מִיתָתוֹ בְּחֶנֶק".

**קְלַאפּ** דִיר אַרוֹיס פוּן קָאפּ אַז דוּ גֵייסְט מִיט אִיר חֲתוּנָה הָאבְּן; אַ פְּרוֹי וָואס גֵייט אוּנְטֶערְן רוּקְן פוּן אִיר מַאן אִיז אַ פַאְרשָׁאלְטֶענֶע פְּרוֹי, אַ זִינְדִיגֶע פְּרוֹי וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר אַלֵיינְס, אַנְטְלוֹיף פוּן אִיר, הַאק אָפּ אַלֶע קְשָׁרִים מִיט אִיר, אַז נִישְׁט וֶועט דִיר זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן וָואס שְׁנֶעלֶער.

# קלח

## אוֹיף אַ צָרָה דַארְף מֶען בֶּעטְן אָדֶער דַאנְקֶען?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת וָואס זֶענֶען מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת!

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט פוּן אֵיינֶעם פוּן דִי רַבָּנִים פוּן בְּרֶסְלֶב וָואס הָאט גֶעזָאגְט אִין אַ דְרָשָׁה אַז וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ חַס וְשָׁלוֹם, דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר צֶען מִינוּט אוֹיף דִי צָרָה, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֶען אַ יְשׁוּעָה. הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ דָאס אִיז טַאקֶע דֶער רִיכְטִיגֶער וֶועג.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ!

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה 'הִתְבּוֹדְדוּת'; מוֹהֲרַא"ש זָאגְט, וֶוען מִיר וָואלְטְן מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן נָאר צוּ בַּאקוּמֶען דִי מַתָּנָה, וָואלְט שׁוֹין אַלֶעס כְּדֵי גֶעוֶוען.

**'הִתְבּוֹדְדוּת'** אִיז טַייטְשׁ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׂפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, אַלֶעס דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן י) אַז עֶר אִיז צוּ גֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כה; ק) עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אַסַאךְ צַדִיקִים, אַז זֵיי אַלֶע זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת, זֶענֶען דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אוֹיף יֶעדְן נָאמֶען וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט, אַז אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן אִים בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וֶוען** אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער צָרוֹת וְיִסוּרִים, אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה אַרוֹיס צוּ גֵיין דֶערְפוּן - דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה מִן הַתּוֹרָה צוּ שְׁרַייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אַ צָרָה (רַמְבַּ"ם, פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תַּעֲנִיּוֹת, הֲלָכָה א), אוּן אַזוֹי לֶערְנְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז מִיר זָאלְן נָאר אַנְטְלוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֵויינֶען צוּ אִים עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צֶען מִינוּט אוֹיף דִי צָרָה וָואס מֶען הָאט וְכוּ', דָאס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה. וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה זֶעט מֶען וָואס דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים הָאבְּן גֶעטוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ צָרָה; וָואס הָאט יִצְחָק אָבִינוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף קִינְדֶער? עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כה, כא): "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ", יִצְחָק אָבִינוּ הָאט גֶעדַאוֶונְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סג, ה): "יִצְחָק אָבִינוּ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין אֵיין ווִינְקְל, רִבְקָה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִינֶעם אַנְדֶערְן ווִינְקְל, אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוֶונְט בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן קִינְדֶער"; וָואס הָאט יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֵשָׂו וִויל אִים הַרְג'עֶנֶען? עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס הָאבְּן דִי אִידְן גֶעטוּן אִין מִצְרַיִם וֶוען פַּרְעֹה הָאט זֵיי גֶעפַּיינִיגְט? זֵיי הָאבְּן גֶעקְרֶעכְצְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּ אִים עֶר זָאל זֵיי הֶעלְפְן.

**נֶעם** דֶעם סֵפֶר תְּהִילִים, קוּק וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט צָרוֹת אוּן יִסוּרִים - עֶר הָאט

גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער", "רַאטֶעוֶוע מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצה) אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט עֶפֶּעס גוּטְס אוֹיף וָואס עֶר קֶען דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים שְׁלֶעכְטְס, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אִין דִי שְׁלֶעכְטְס עֶפֶּעס גוּטְס, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ד, ב): "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִּי", אִין דִי צָרָה הָאסְטוּ מִיר בְּרֵייט גֶעמַאכְט.

**עֶס** אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ וִוי צוּ זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ: "דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי צָרָה וָואס דוּ הָאסְט", עֶס אִיז סְתָּם לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן מֶענְטְשְׁן; גֵיי צוּ אַ אִיד וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער פַאר לַאנְגֶע יָארְן אוּן זָאג אִים עֶר זָאל יֶעדְן טָאג טַאנְצְן פַאר צֶען מִינוּט: "אַ מְחַיֶה אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער", "אִיךְ דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קִינְדֶער", דָאס אִיז סְתָּם לֵיצָנוּת גֶעמַאכְט אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם אִיד. אַוַדַאי דַארְף מֶען טַאנְצְן יֶעדְן טָאג, מֶען דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט - מֶער וִוי צֶען מִינוּט, אָבֶּער מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן.

**אַ** מֶענְטְשׁ דַארְף גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אִים אִיז זִיכֶער לְטוֹבָתוֹ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס עֶס אִיז גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוֹיף דֶעם בֶּעטְן מִיר (תְּהִלִּים פה, ח): "הַרְאֵנוּ ה' חַסְדֶּךָ", וַוייז אוּנְז אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אַלֶעס

וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אִיז חֲסָדִים; אָבֶּער אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַ צָרָה אִיז דָא אֵיין עֵצָה - בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחְמָנוּת, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַוֶועק נֶעמֶען פוּן אִים זַיינֶע יְסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קלט

**אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט אַ חָתָן פוּן יְשִׁיבָה אָבֶּער עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם ווִיל אִיךְ זָאגְן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע הֶערְלִיכֶע עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען אַייךְ בַּאצָאלְן.

פַאר בְּעֶרֶךְ צְווֵיי יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעפוּנֶען פוּן דִי הֶערְלִיכֶע הַאטְלַיין אוּן עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעעֶפְנְט אַ נַייעֶ וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ טְרַאכְטְן אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן אַנְדֶערְשׁ צוּ מַיין טַאטֶע מַאמֶע, בְּקִיצּוּר אִיךְ בִּין מַמָּשׁ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן פַאר הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אִין מַיין קָאפּ אַז וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ שִׁידּוּכִים וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן... אִיךְ הָאבּ נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם גֶעצְווִיְנְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן, פָּשׁוּט ווַייל דָאס הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט.

לְמַעֲשֶׂה בִּין אִיךְ אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן בְּעֶרֶךְ אַ חוֹדֶשׁ צוּרִיק צוּ אַ ... בָּחוּר וָואס וֵוייסְט גָארְנִישְׁט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיךְ דֶערְמַאן מִיךְ צוּ וֶועם אִיךְ בִּין צוּם סוֹף אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן, וֵויין אִיךְ... וואוּ זֶענֶען מַיינֶע מִילְיָאנֶען תְּפִילוֹת?

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן פָּשׁוּט אוּן בִּילִיג, אוּן יֶעצְט דַארְף אִיךְ סְפֶּענְדֶען אוֹיף אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקֵייטְן.

וִויפִיל אִיךְ וֵויים אַז דֶער שִׁידוּךְ אִיז בַּאשֶׁערְט פוּן הִימְל, קֶען אִיךְ מִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'**

**מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.**

**ווִיסְן זָאלְט אִיר, אַז אַלֶע בָּחוּרִים פוּן אַלֶע יְשִׁיבוֹת זֶענֶען הַיינְט רוּבָּם כְּכוּלָּם מְקוֹרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַלֶע הֶערְן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן יְשִׁיבָה אוּן אַלֶע נֶעמֶען דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן דִי מֵפִיצִים.**

**צוּם קוֹל בְּרֶסְלֶב הָאטְלַיין רוּפְן יֶעדְן טָאג אַריין צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן; רוֹב פוּן דִי וָואס רוּפְן זֶענֶען בָּחוּרִים פוּן אַלֶע יְשִׁיבוֹת אַרוּם דִי וֶועלְט, מֶען זֶעט דָאס נִישְׁט אַרוֹיס אָפְן וַוייל יֶעדֶער שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם צְוֵוייטְן - דֶער בָּחוּר הֶערְט דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט, עֶר הָאט מוֹרָא פוּן זַיינֶע מַגִּידֵי**

שִׁיעוּר, דֶער מַגִיד שִׁיעוּר הֶערְט דָאס אַלֵיינְס, אָבֶער עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֶערְט דָאס פַאר זִיךְ, נָאר עֶר שֶׁעמְט זִיךְ פוּן וְכוּ'.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ; זַייעֶר אַסַאךְ מָאל הֶערְט דֶער מַאן אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה דֶערְמִיט, עֶר בַּאקוּמְט שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ זַיין וַוייבּ, ווייל וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוֹיס - לֶערְנְט קֵיינֶער נִישְׁט אוֹיס. פַאְרפַאלְן, אַלֶע זֶענֶען דָאס שׁוֹין הַיינְט מוֹדֶה, אַז נָאר דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן פְּרָאבְּלֶעם. דֶער מַאן טְרַאכְט נָאר: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין וַוייבּ זָאל עֶס אוֹיךְ הֶערְן', אִין דֶער צַייט וָואס זִי הֶערְט דָאס שׁוֹין אוֹיךְ אוֹיס שְׁטִילֶערְהֵייט...

**אִיךְ** הָאבּ שׁוֹין גֶעהֶערְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן אִינְגֶעלַייט ווִי זֵיי הָאבְּן מִיר דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי פְלֶעגְן שְׁטִילֶערְהֵייט הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה אוּן זֵיי פְלֶעגְן מִתְפַּלֵל זַיין אַז זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע שְׁטוּבּ, אַ שְׁטוּבּ וָואס וֶועט זִיךְ פִירְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת. זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן ווייטֶער שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעהֶערְט דִי שִׁיעוּרִים אוּן זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען דֶערְמִיט שְׁטִילֶערְהֵייט. בִּיז אֵיין טָאג הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְווִיסְט אַז זַייעֶר ווייבּ הֶערְט דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט נָאךְ פוּן אַלְס מֵיידְל, אוּן זִי בֶּעט שְׁטִילֶערְהֵייט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן זָאל אוֹיךְ זַיין מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן אוּן פָאלְגְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. ווִידֶערְאוּם דֶער אִינְגֶערְמַאן ווִיל קוּמֶען צוּ

דִי שִׁיעוּרִים, אָבֶּער עֶר וֵוייסְט נִשְׁט ווִי אַזוֹי מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן פוּן דִי נוֹשֵׂא מִיט זַיין וַוייבּ, זִי שְׁטֵייט אִין בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר מַאן זָאל הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים וָואס לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז זֵיי גֶעפִינֶען אוֹיס אֵיינֶער פוּנֶעם צְוֵוייטְן...

**אִיר** זָאלְט וַוייטֶער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶנְק זָאלְן אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב, מִיט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת; קִינְדֶער וָואס וֶועלְן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קִינְדֶער וָואס וֶועלְן הָאבְּן אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן גְלֵייבְּן אִין צַדִיקֵי אֱמֶת, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶנְק הֶעלְפְן אִיר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ חַיִים טוֹבִים.

קַיין אֵיין תְּפִלָּה גֵייט נִשְׁט לְאִיבּוּד, יֶעדֶע תְּפִלָּה נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה.

**דָאס** וָואס אִיר שְׁרַייבְּט וֶועגְן בִּילִיג חֲתוּנָה הָאבְּן, אַז אִיר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן בִּילִיג וְכוּ'; וואוּיל אִיז פַאר אַ כַּלָּה וָואס זָאגְט פַאר אִיר חָתָן: "אִיךְ דַארְף נִשְׁט קַיין עֶכְטֶע צִירוּנְג". זִי זָאגְט פַאר אִיר חָתָן: "אִיךְ פְרֵיי מִיךְ מִיט דִיר אַלֵיין"; "אִיךְ ווִיל אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן נִשְׁט בָּארְגְן קַיין אֵיין אִיבֶּערִיגֶע דָאלֶער פַאר מַיינֶע צִירוּנְגֶען, וְכַדוֹמֶה". וואוּיל אִיז פַאר אַ כַּלָּה וָואס זָאגְט פַאר אִיר מַאמֶע: "מַאמֶע, אִיךְ דַארְף נִשְׁט קַיין חֲתוּנָה קְלֵייד וָואס קָאסְט גֶעלְט; מִיר אִיז גוּט אַ חֲתוּנָה קְלֵייד פוּן אַ גְּמַ"ח וָואס קָאסְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר דָאלְלֶער"; אַזַא כַּלָּה וֶועט זוֹכֶה

זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת אוּן צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, וַוייל זֵי גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אִיר טַאטֶע אוּן מַאמֶע.

**וְזִיפִּיל** עֶלְטֶערְן גֵיין אַרָאפּ פוּן זִינֶען וֶוען עֶס קוּמְט חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער; זֵייעֶר לֶעבְּן וֶוערְט אוֹיס, זֵיי וֶוערְן גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי חוֹבוֹת, אַלֶעס נָאר וֶועגְן נַארִישֶׁע קִינְדֶער וָואס עַקְשְׁנֶ׳עוְן זִיךְ פַאר טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, טֵייעֶרֶע שְׁטְרַיימְל, טֵייעֶרֶע צִירוּנְג וְכוּ׳.

**דַאנְקְטְם** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טְרֶעפְן אַייעֶר שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל, דוֹרוֹת יְשָׁרִים מְבוֹרָכִים.

## קמ

### זָאל אִיךְ קוֹיפְן אַ פִּישׁ-טֶענְק?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער ווילְן אַז אִיךְ זָאל זֵיי קוֹיפְן אַ פִּישׁ טֶענְק, וויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיב עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ פְּרָאבְּלֶעם דֶערְמִיט פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ד כסליו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**עֶס** אִיז נִישְׁט גוּט צוּ הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם בַּעַל חַי, וַוייל עֶס בְּרֶענְגְט נָאר צָרוֹת בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת, בִּפְרַט אוֹיבּ מֶען פַארְגֶעסְט צוּ גֶעבְּן עֶסְן פַאר דִי בַּעֲלֵי חַיִּים בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז אַ פָּארְפָאלְק וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף קִינְדֶער, הָאט דֶער אֲרִיזַ"ל זֵיי גֶעזָאגְט: "דָאס וָואס אִיר הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער אִיז, וַוייל אִיר הָאט אַ הִינֶער שְׁטַייג בַּיי אַייךְ אִין חָצֵר וואוּ אִיר הָאדֶעוֶועט הִינֶער, דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ לֵייטֶער וָואס אוֹיף דֶעם פְלֶעגְן דִי הִינֶער אַרוֹיף גֵיין אוּן אַרָאפּ גֵיין טְרִינְקֶען וַואסֶער, אָבֶּער אַזוֹי וִוי דִי פְרוֹי הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי לֵייטֶער שֶׁלֹּא בְּכַוָּנָה, דֶערְפַאר אִיז זִי גֶעשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן אַז זִי הָאט נִישְׁט קַיין קִינְדֶער". זֶעט מֶען וִוי הַארְבּ עֶס אִיז וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט בַּעֲלֵי חַיִּים.

**דֶערְפַאר** אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם בַּעֲלֵי חַיִּים; זָאלְסְט מַסְבִּיר זַיין פַאר דַיינֶע קִינְדֶער דִי הַארְבְּקַייט פוּן צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת רַחֲמָנוּת, חֵלֶק ב׳, סִימָן ד): "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלְּצַעֵר אֶת בַּעֲלֵי חַיִּים, כִּי יַזִּיק לוֹ",

מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ טְשֶׁעפֶּען בַּעֲלֵי חַיִים, וַוייל אַז מֶען אִיז מְצַער בַּעֲלֵי חַיִים וֶועט עֶס בְּרֶענְגֶען אַ הֶיזֵק פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קמא

**ווִיפִּיל צְדָקָה דַארְף מֶען גֶעבְּן? וָואס טוּט מֶען וֶוען מֶען מוּפְט צוּ אַ נַייעֶ דִירָה?**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וֵויל אִיךְ בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה. יֶעדֶע דְרָשָׁה וָואס אִיךְ הֶער דִי אַלֶע יָארְן אִיז מַמָשׁ כְּמַיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה, נָאךְ יֶעדֶע שִׁיעוּר מַאךְ אִיךְ אָפּ אַז אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן נָאכְצוּמָאל צוּ פָאלְגְן אוּן אֶפְשֶׁר דָאס מָאל וֶועט עֶס גֶעלוּנְגֶען...

אִיךְ וָואלְט גֶעוָואלְט פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, א) בְּנוֹגֵעַ וָואס עֶס שְׁטֵייט אַז וֶועם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ, שִׁיקְט עֶר אִים צוּ אַן אָרִימַאן צוּ בֶּעטְן צְדָקָה, אִיז מֵיין שְׁאֵלָה צִי עֶס גֵייט אוֹיךְ אָן אִין שׁוּל? וַוייל אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ גֶעבְּן מֵיין גַאנְצֶע מַעֲשֵׂר גֶעלְט אוּן צְדָקָה גֶעלְט פַּאר דִי יְשִׁיבָה, אוּן אִין שׁוּל וִוי אִיךְ דַאוֶוען זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ צְדָקָה גֵייעֶרְ'ס, עֶס קֶען זַיין בַּיי אֵיין מִנְיָן 20-25 גֵייעֶרְ'ס, וָואס אוֹיבּ גֶעבּ אִיךְ פַּאר יֶעדְן אֲפִילוּ נָאר אַבִּיסְל, נוּצְט זִיךְ אוֹיס כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע צְדָקָה גֶעלְט.

ב) אַזוֹי ווִי מָארְגְן גֵיי אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' מוּפְּן, וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן אוֹיבּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס סְפֶּעצְיֶעלֶע הַנְהָגוֹת וֶוען מֶען מוּפְּט?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דִי טַייעֶרֶע צַייט צוּ עֶנְטְפֶערְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה כֹּחַ אוּן גֶעזוּנְט ווַייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

## דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְדָקָה;

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט:): "שְׁקוּלָה צְדָקָה כְּנֶגֶד כָּל הַמִּצְווֹת", דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס ווִי אַלֶע מִצְווֹת פוּן דִי תּוֹרָה; אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה אִיז עֶס זֵייעֶר הַארְבּ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם, י.): "כָּל הַמַּעֲלִים עֵינָיו מִן הַצְּדָקָה כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", אַז מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין צְדָקָה אִיז עֶס אַזוֹי ווִי מֶען דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, קד.): וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אֵיינֶעם, שִׁיקְט עֶר אִים אַ מַתָּנָה - אַן אָרֶעמַאן; וֶוען אַן אָרֶעמַאן קוּמְט צוּ דִיר בֶּעטְן צְדָקָה, זָאלְסְטוּ טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַייזְט דִיר אַז עֶר הָאט דִיר לִיבּ.

**אִיךְ** הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַ אִיד וָואס הָאט גֶעעֶפְּנְט אַ נַייעֶ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶר הָאט גֶערוּפְן מוֹהַרְא"שׁ זָאל קְלַאפְּן מְזוּזוֹת בַּיי אִים אִין גֶעשֶׁעפְט; הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט אַז מוֹהַרְא"שׁ הָאט אִים דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַן אָרֶעמַאן אָן אִים צוּ גֶעבְּן אַ נְדָבָה; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ גֶעבְּן פַאר הוּנְדֶערְט אָרֶעמֶעלַייט - פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - אֵיין דָאלֶער, וִוי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ הוּנְדֶערְטֶער, אוּן אַוֶועק שִׁיקְן נַיין אִין נַיינְצִיג מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט", אוּן מוֹהַרְא"שׁ הָאט אִים גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אָרֶעמֶעלַייט, דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען אַן אָרֶעמַאן, אֲפִילוּ וֶוען דוּ בִּיסְט אָנְגֶעצוֹיגְן וְכוּ', וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר: "זָאלְסְט עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן פַאר דִי גֶעלְט גֵייעֶר'ס קְלֶענֶערֶע סְכוּמִים, אָבֶּער זָאלְסְט גֶעבְּן פַאר יֶעדְן, וִוי צוּ גֶעבְּן פַאר אֵיינֶעם אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע גָארְנִישְׁט".

**אוֹיף** דֶעם וָואס דוּ פְרֶעגְסְט אוֹיף הַנְהָגוֹת וֶוען מֶען צִיט זִיךְ אַרִיבֶּער אִין אַ נַייעֶ דִירָה וְכוּ'; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אֵייבִּיג צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אוּן מֶען זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק שִׁיקְן אַ אִיד פוּן שְׁטוּבּ אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אִים גֶעבְּן אַ נְדָבָה אָדֶער עֶפֶּעס עֶסְן וְכוּ'. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ו, יז): "אַ טִיר וָואס אִיז נִישְׁט אָפְן פַאר צְדָקָה, וֶועט זַיין אָפְן פַאר'ן דָאקְטֶער ה' יְרַחֵם"; וֶוען אַ אִיד קוּמְט צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר אַ נְדָבָה זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער צוּם טִיר אוּן אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן גֶעבְּן צְדָקָה. מֶען גֶעבְּט פַאר

יֶעדְן קִינְד אַ דָאלְלֶער און מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, אַזוֹי אִיז מֶען זֵיי מְחַנֵךְ צוּ וִויסְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צְדָקָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זִיךְ אַרִיבֶּער צִיעֶן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אִינֶעם נַייעֶם דִירָה און נָאר מַאכְן דָארְט שִׂמְחוֹת, אָמֵן.

# קמב

**אִיךְ וִויל אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן נִישְׁט.**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל פוּן אַכְצְן יָאר, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר חֵשֶׁק צוּ הָאבְּן אַ שִׁידוּךְ אַ בָּחוּר פוּן אַייעֶר גֶעוַואלְדִיגֶע יְשִׁיבָה, אָבֶּער מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דֶערִין, ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי אִיבֶּערְצֵייגְן יָא צוּ זוּכְן פַאר מִיר אַ בָּחוּר פוּן יְשִׁיבָה?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִקֵּץ - חֲנוּכָּה, ד' דַחֲנוּכָּה, כ"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ג)**: "מָצִינוּ**

בַּתּוֹרָה בַּנְּבִיאִים וּבַכְּתוּבִים שֶׁאֵין זִוּוּגוֹ שֶׁל אִישׁ אֶלָּא מִן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", מִיר גֶעפוּנֶען אִין דִי תּוֹרָה, נְבִיאִים אוּן אִין כְּתוּבִים, אַז אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִין דִי תּוֹרָה שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כד, נ): "וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל, וַיֹּאמְרוּ, מֵה' יָצָא הַדָּבָר", אִין נְבִיאִים שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים יד, ד): "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", אוּן אִין כְּתוּבִים שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, יד): "בַּיִת וָהוֹן נַחֲלַת אָבוֹת, וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", זֶעעֶן מִיר אִיבֶּערָאל אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט שִׁידוּכִים.

מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס בַּאקוּמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת תְּפִלָּה, חֵלֶק ב', סִימָן י): "עַל יְדֵי תְּפִלָּה יָכוֹל לְשַׁנּוֹת זִוּוּגוֹ הַנִּכְרָז בַּשָּׁמַיִם", דוּרְךְ תְּפִילָה קֶען מֶען טוּישְׁן אֲפִילוּ דִי שִׁידוּךְ וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל; אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן, אַז לֵאָה הָאט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט עֵשָׂו הָרָשָׁע, אָבֶּער זִי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ אַזַא רָשָׁע, הָאט זִי גֶעוֵויינְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כט, יז): "וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת" - פוּן אַסַאךְ וֵויינֶען, אַז זִי זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ עֵשָׂו; זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן צוּ אַ צַדִיק, צוּ יַעֲקֹב אָבִינוּ. בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אִיר תְּפִלָּה, זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט יַעֲקֹב אָבִינוּ אוּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן דִי הֵיילִיגֶע שְׁבָטִים.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּפִילָה; אוֹיב מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצו): "אַ מֶענְטְשׁ טָאר זִיךְ נִישְׁט אַיינְ'עַקְשְׁנֶ'ען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז אִים גֶעבְּן וָואס עֶר בֶּעט, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט רַחֲמָנוּת, אַזוֹי וִוי אַן אָרֶעמַאן בֶּעט זִיךְ בַּיי אֵיינֶעם אַז מֶען זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים". נָאכְדֶעם זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מח): "אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן, נִישְׁט אָפְּלָאזְן וָואס עֶר טוּט - סַיי אִין תּוֹרָה אוּן סַיי אִין תְּפִילָה". לִכְאוֹרָה זֶעט דָאס אוֹיס וִוי אַ שְׁטִיקְל סְתִירָה; דָא זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן אִים צוּ בֶּעטְן, אוּן פְרִיעֶר זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט עַקְשָׁנוּת. אִיז דָאס מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר, בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִירָה, ווייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, נִישְׁט אָפְּלָאזְן צוּ דַאוֶונֶען; אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הֶערְן אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "מֶען דַארְף דִיר נִישְׁט", אֲפִילוּ עֶס זָאלְן קוּמֶען מַלְאָכִים אוּן נְשָׁמוֹת פוּן הִימְל אִים זָאגְן: "מֶען דַארְף דִיר נִישְׁט", זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט ווארּסְנְדִיג מַאכְן נָאר ווייטֶער אָנְגֵיין מִיטְ'ן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ זַיין אַ דּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דוֹחַקְתּוֹ", וֶוער עֶס עַקְשְׁנְ'ט זִיךְ - עֶר זָאגְט 'עֶס מוּז יֶעצְט גֶעשֶׁען דָאס אוּן דָאס', דֶער וֶועט וֶוערְן זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן צֶעבְּרָאכְן; נָאר

מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס אִיז גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר טוּט נָאר וָואס עֶס אִיז גוּט.

## קמג

### אוֹיף וֶועלְכֶע עֲבֵירוֹת הֶעלְפְט "תִּיקוּן הַכְּלָלִי"?

## שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר, 17 יָאר אַלְט, אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה אוֹיף דֶעם בְּרִיוו פוּן אַ בָּחוּר וָואס פְרֶעגְט וֶועגְן זָאגְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי אוֹיף מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָּלָה (מִכְתָּב קג), צִי דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ אוֹיף טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אַ פְרֶעמְדֶע בָּחוּר (מִשְׁכַּב זָכָר), אָדֶער עֶס הֶעלְפְט נָאר אוֹיף מוֹצִיא זַיין זֶרַע לְבַטָּלָה? אוֹיב עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט, וָואס קֶען יָא זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף דֶעם?

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ - חֲנוּכָּה, ד' דְּחַנוּכָּה, כ"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז זֵייעֶר הַארְבּ, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (נִדָּה יג:)**: "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא**

זֶרע לְבַטָלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חַזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָמִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָמִים. אוּן "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**עֶס** וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רמ, סָעִיף יד): וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית - "זִקְנָה קוֹפֶצֶת עָלָיו, וְכֹחוֹ תָשַׁשׁ" - וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן פַארְעֶלְטֶערְט, מֶען פַארְלִירְט דִי כּוֹחוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ "עֵינָיו כֵּהוֹת, וְרֵיחַ רַע נוֹדֵף מִפִּיו", דִי אוֹיגְן וֶוערְן אִים אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, עֶס הוֹיבְּט אָן גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן זַיין מוֹיל; "וְשַׂעַר רֹאשׁוֹ וְגַבּוֹת עֵינָיו וְרִיסֵי עֵינָיו נוֹשְׁרִים וְכוּ'", דִי הָאר פוּנֶעם קָאפּ פַאלְט אַרוֹיס, "וְהַרְבֵּה כְּאֵבִים חוּץ מֵאֵלּוּ בָּאִים עָלָיו", אוּן עֶס בְּרֶענְגְט אַסַאךְ וֵוייטָאג אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ בְּגַשְׁמִיּוּת.

**אִין** זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) אַז עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה אוֹיבּ מֶען זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה, אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט".

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְש זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן. מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ; מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וואוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אִים אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז וִויפִיל מָאל עֶר מַאכְט שׁוֹין אָפּ אַז עֶר גֵייט זַיין גוּט פַאלְט עֶר נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין דִי עֲבֵירָה.

**דֶערְפַאר** טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַארְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, בֶּעט אִים: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נִאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, דֶער לֶעבְּן אִיז מִיר נִמְאָס", אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן

גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער אִין וָואס דוּ לִיגְסְט.

**זָאג** יֶעדְן טָאג דֶעם "תִּיקוּן הַכְּלָלִי"; דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְתַקֵן גֶעוֶוען (קַאפִּיטְל ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ); דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא) אַז וֶוער עֶס זָאגְט דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים, דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן; דָאס הֶעלְפְט אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**לֵיידֶער** רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּ קִינְדֶער אוּן צוּ בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן עֲבֵירוֹת, אֲפִילוּ דִי מְלַמְדִים וָואס רֶעדְן שׁוֹין יָא, רֶעדְן נָאר בְּדֶרֶךְ רֶמֶז. רוֹב בָּחוּרִים פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס זֵיי רֶעדְן אוּן נָאכְדֶעם פַאלְן זֵיי אַרַיין אִין עֲבֵירוֹת בְּלֹא יוֹדְעִים. זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעפַאלְן אִין אַזָא עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה מִיט אַן אַנְדֶערֶע בָּחוּר, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט מִיט אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר וְכוּ' פַארְלִירְט מֶען דִי וֶועלְט אוּן אוֹיךְ יֶענֶע וֶועלְט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל וֶוערְן צוּרִיק גֶעזוּנְט, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן טוּן עֲבֵירוֹת מִיט אַ צְוֵוייטֶער בָּחוּר".

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה, וֶועט זַיין זֵייעֶר בִּיטֶער דַיין סוֹף. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "אָסוּר לְלַמֵד זְכוּת

עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכָר", מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס טוּט דִי עֲבֵירָה; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים, סִימָן ו): "בַּעֲווֹן מִשְׁכַּב-זָכָר נִתְפָּס בִּתְפִיסָה", וֶוער עֶס טוּט דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה, וֶועט צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

# קמד

## אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן אַמָאל, דַארְף אִיךְ גֵיין פַאר הִילְף?

### שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ הַיְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים. דִי לֶעצְטֶע יָאר הָאבּ אִיךְ שׁוֹין בָּרוּךְ ה' מְסַיֵּם גֶעוֶוען גַאנְץ מִשְׁנָיוֹת, ווִי אוֹיךְ בִּין אִיךְ יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי פְּסוּקִים פוּן יֶענֶעם טָאג, אַלֶעס אַ דַאנְק דִי שִׁיעוּרִים.

וָואס אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער גֶעטוּן עֲבֵירוֹת עֶטְלִיכֶע מָאל מִיט אַ צְוֵוייטֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס יֶענֶער אִיז לֵיידֶער קְרַאנְק אוֹיף דִי זַאכְן, בָּרוּךְ ה' אַז יֶענֶער גֵייט שׁוֹין פַאר הִילְף, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט פַאר יֶענֶעם צוּ וֶועם עֶר גֵייט פוּן דֶעם אוּן יֶענֶער הָאט מִיר גֶערוּפְן אַז עֶר ווִיל רֶעדְן מִיט מִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לְמַעֲשֶׂה אָפְּגֶעהַאקְט מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן אוּן אִיךְ טוּ נִישְׁט דִי זַאכְן מִיט קֵיינֶעם, אִיז מַיין שְׁאֵלָה צִי זָאל אִיךְ גֵיין צוּ יֶענֶעם וַוייל אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס יֶענֶעמ'ס צִיל אִיז, ווִי אוֹיךְ הַאלְט אִיךְ נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּ הִילְף, בָּרוּךְ ה' אִיךְ

האב שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג, אִיךְ הֶער דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ טוּ תְּפִילָה און תְּשׁוּבָה אויף דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט.

בָּרוּךְ ה' אַז אִיךְ לִיג נִישְׁט אִין דִי אַלֶע שְׁמוּץ, מַיין קָאפּ לִיגְט אִין אַרְבֶּעט, תּוֹרָה, שְׁטוּב, קִינְדֶערְלֶעךְ. דָאס אַז אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אֵיינֶעם לְדַעְתִּי מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ אֵיינֶעם וּבִפְרַט אַז אִיךְ וֵויים בִּכְלַל נִישְׁט צוּ וָואס יֶענֶער צִילְט דָא, און אִיךְ פִיל זִיךְ זֵייעֶר גֶעפַאלְן בַּיי מִיר צוּ גֵיין צוּ אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ וֶוען אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט אִין דִי סָארְט מַדְרֵיגָה.

אַזוֹי וִוי אִיךְ הַאלְט אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דֶער "אֵיינְצִיגְסְטֶער" מֶענְטְשׁ הַיינְט וָואס מֶען קֶען פְרֶעגְן דִי שְׁאֵלוֹת און וֶועט מִיר בֶּאֱמֶת זוּכְן צוּ הֶעלְפְן וִויל אִיךְ פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי אִיךְ זָאל מִיר דָא פִירְן.

אִיךְ וִויל עֶנְדִיגְן אַז אִיךְ בִּין מְקַנֵא דִי עוֹלָם הַבָּא פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וַוייל וִויפִיל אִיךְ זֶע בַּיי מִיר וָואס דִי שִׁיעוּרִים טוּעֶן אויף בִּין אִיךְ זִיכֶער אַז עֶס זֶענֶען דָא נָאךְ טוֹיזְנְטֶער אִינְגֶעלַייט און בָּחוּרִים וָואס עֶס טוּט זֵיי הֶעלְפְן אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ אויף אַלֶעם, כָּל טוּב.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ - חֲנוּכָּה, ד' דַחֲנוּכָּה, כ"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה, אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאר אֵיינְמָאל דוּרְךְ גֶעפַאלְן אִין דֶעם, דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן. אַז מֶען טוּט**

תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה, אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ פָארְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיוּן, עֶר וֶועט זָאגְן דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים (קַאפִּיטְל - ט"ז, ל"ב, מ"א, מ"ב, נ"ט, ע"ז, צ', ק"ה, קל"ז, ק"נ) אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת, "וֶועל אִיךְ זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית"; דֶערְפַאר אַז דוּ ווִילְסְט פַארְרֶעכְטְן וָואס דוּ הָאסְט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, כַאפּ זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין אוּמַאן ווִי שְׁנֶעלֶער אוּן דוּ זָאלְסְט זָאגְן דָארְט דֶעם תִּיקוּן הַכְּלָלִי. זָאלְסְט זִיךְ מִתְוַודֶה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים אַלֶעם דֶערְצֵיילְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, וֶועסְטוּ אַלֶעם פַארְרֶעכְטְן.

**עֶס** אִיז נַארִישׁ צוּ גֵיין צוּ מֶענְטְשְׁן וְכוּ' זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי זִינְד וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לב, א): "אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה", אַז מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְצֵיילְן פַאר מֶענְטְשְׁן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, וֶוער עֶס דֶערְצֵיילְט פַאר אַ צְוֵוייטְן זַיינֶע זִינְד, אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים; זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, בִּפְרַט אוֹיף דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן וְכוּ'. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט

תְּשׁוּבָה טוּן װעט דיר גוּט זַיין, אָבֶּער אַז מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף, בִּזְמַן שֶׁבֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָיָה קַיָּם װאלְטְן דִי סַנְהֶדְרִין גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה סְקִילָה.

מֵיין נִישְׁט אַז הַיינְט אִיז נִישְׁט דָא קַיין עוֹנֶשׁ אוֹיב מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבוֹת ל.) אֲפִילוּ מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין סַנְהֶדְרִין װאס זָאלְן מַעֲנִישׁ זַיין מִיט דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין, אָבֶּער דִי ד׳ מִיתוֹת בֵּית דִין גֵייט נָאךְ אָן אֲפִילוּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן - אוֹיב מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה; װער עֶס אִיז מְחוּיָב סְקִילָה, פַאלְט אַרָאפּ פוּן אַ דַאךְ, אָדֶער װערְט עֶר פַארְצִיקְט פוּן אַ חַיָה; װער עֶס אִיז מְחוּיָב שְׂרֵיפָה, װערְט פַארְבְּרֶענְט, אָדֶער בַאפְּט עֶר אַ בִּיס פוּן אַ שְׁלַאנְג; אַזוֹי אוֹיךְ, װער עֶס אִיז מְחוּיָב מִיתַת הֶרֶג, װעט עֶר גֶע׳הַרְגְ׳ט װערְן; װער עֶס אִיז מְחוּיָב חֶנֶק, װערְט דֶערְטְרָאנְקֶען אִין װַאסֶער, אָדֶער װערְט עֶר דֶערְשְׁטִיקְט; מֶען הֶערְט לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן זֵייעֶר אַסַאךְ שׁוֹידֶערְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן עֶקְסִידֶענְטְס און אַנְדֶערֶע פַארְשִׁידֶענֶע אוּמְגְלִיקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אוּמְזִיסְט, אַלֶעס װאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן לג): "װער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכָר, װעט צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה"; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת נִאוּף, חֵלֶק ב׳, סִימָן ח): "מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אֵיינֶער װאס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכוּר"; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ

זִיךְ גוּט בַּארֶעכֶענֶען וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבְבָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַרַיין לֵייגְן אִין דִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה, זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

## קמה

### ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען אַרַיין אַ חֵשֶׁק אִין בָּחוּרִים אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי פִילֶע חִיזּוּק וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ דוּרְךְ אַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים מִיט וָואס מִיר זֶענֶען זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

מִיר הָאבְּן צְוֵויי בָּחוּרִים אִינֶדערְהֵיים אוּן מִיר דַארְפְן הַדְרָכָה ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט זֵיי, ווִי אַזוֹי זֵיי מְחַנֵךְ צוּ זַיין, ווִי אַזוֹי אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶועגֶען אוּן זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

בִּפְרַט ווִי אַזוֹי זֵיי זָאלְן הָאבְּן חֵשֶׁק אוֹיפְצוּשְׁטֵיין אִינֶדערְפְרִי, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זֵיי אַרוֹיסְצוּשְׁלֶעפְּן פוּן בֶּעט יֶעדְן צוּפְרִי.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִקֵּץ - חֲנוּכָּה, ד' דַחֲנוּכָּה, כ"ז כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**הַיינְטִיגֶע** צַייטְן וֶוען דִי גַאס אִיז זֵייעֶר מְסוּכָּן דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶר הֵיים, דִי קִינְדֶער זָאלְן וֶועלְן פַארבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ אוּן זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

**רֶבִּי** נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז בַּיי מִיר חָשׁוּב צוּ מְחַנֵךְ זַיין מַיינֶע קִינְדֶער, פּוּנְקְט ווִי אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת אוּן זָאגְן 'תִּיקוּן חֲצוֹת'"; אַז מֶען וִויל אוֹיפְשְׁטֵיין בַּיי חֲצוֹת זָאגְן תִּיקוּן חֲצוֹת, דַארְף מֶען זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן פְּרִי, רֶבִּי נָתָן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין שְׁלָאפְן פַאר זַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים ווייל עֶר הָאט זֵיי גֶעוָואלְט מְחַנֵךְ זַיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט זֵיי, זֵיי מְחַנֵךְ זַיין צוּ מַאכְן בְּרָכוֹת, אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער וְכַדוֹמֶה. ווייל אַ קִינְד וָואס זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִים שֵׁיינֶערְהֵייט דֶערְמַאנְט נַאכְט נָאךְ נַאכְט צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אִים אִיז גְרִינְגֶער דָאס צוּ טוּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; אַוַדאי דַארְף יֶעדֶער מֶענְטְשׁ חִיזוּק, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ יֵצֶר הָרָע וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער מִיט אַ גוּטֶע חִינוּךְ אִיז דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אִידִישְׁקֵייט אַיינְגֶעבַּאקְן אִין הַארְצְן.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס אִיר פְּרֶעגְט ווִי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן וֶועלְן אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי; דָאס אִיז אַ פְּרַאגֶע

מִיט וָואס אַלֶע עֶלְטֶערְן מוּטְשֶׁען זִיךְ, אַלֶע זוּכְן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי מֶען קֶען מַאכְן דִי בָּחוּרִים זָאלְן אוֹיפְשְׁטֵיין. מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט: "מִיט גוּטְן פּוֹעֶל'ט מֶען בֶּעסֶער וִוי מִיט שְׁלֶעכְטְן"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז מֶען הָאט יָא גֶע'פּוֹעֶל'ט מִיט שְׁלֶעכְטְן, זָאל מֶען וִויסְן אַז מֶען וָואלְט דָאס גֶעקֶענְט פּוֹעֶלְ'ן אַסַאךְ גְרִינְגֶער אוּן שְׁנֶעלֶער מִיט גוּטְן"; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ בָּחוּר אִיז מִיר אוֹיךְ שְׁוֶוער גֶעוֶוען אוֹיפְצוּשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס וְכוּ', פְלֶעגְט מַיין מַאמֶע - זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק - זִיצְן בַּיי מַיין בֶּעט פַּארְטָאגְס אוּן מִיר וֶועקְן, זִי הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעבֶּעטְן בַּיי מִיר אִיךְ זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין, זִי פְלֶעגְט רֶעדְן אַזוֹי שֵׁיין אוּן זִינְגֶען נִיגוּנִים אִיךְ זָאל גֵיין לֶערְנֶען, אַז אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אוֹיפְשְׁטֵיין. וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט שֵׁיינֶעם צוּ דִי קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי זִיכֶער פָאלְגְן.

**מוֹהֲרָא"ש** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעצוֹיגְן קַיין מַארְמָארָאש וואוּ עֶס הָאבְן גֶעוואוֹינְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַמִּצְוֹות, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי וֶועט דֶער רֶבִּי קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן בַּיי דִי מַארְמָארָאשֶׁע אִידְן זֵיי זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין?" הָאט זֵיי דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֶועל זֵיי אַזוֹי לִיבּ הָאבְן, בִּיז זֵיי וֶועלְן פָאלְגְן וָואס אִיךְ לֶערְן זֵיי, אוּן וָואס אִיךְ פַארְלַאנְג פוּן זֵיי"; זֶעט מֶען אַז מִיט לִיבְשַׁאפְט קֶען מֶען אַלֶעס פּוֹעֶלְ'ן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין קז:): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה, וְיָמִין מְקָרֶבֶת"; וֶוען עֶס קוּמְט מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער אָדֶער תַּלְמִידִים, דַארְף מֶען טַאקֶע זָאגְן מוּסָר, אָבֶּער מִיט דִי רֶעכְטֶע הַאנְט זָאל מֶען זֵיי מְחַזֵּק זַיין, דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף גֶעבְּן מֶער חִיזּוּק אוּן מֶער לִיבְּשַׁאפְט, ווִי אַוֶועקְשְׁטוּפְּן.

**דֶער** אֱמֶת אִיז, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, דֶעמָאלְט אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער צַייט פוּן חִינוּךְ, דֶעמָאלְט אִיז דֶער צַייט פוּן "שְׂמֹאל דּוֹחָה", זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ. קִינְדֶער זָאלְן ווִיסְן אַז אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּארְן וְכוּ'. וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ שׁוֹין מִיט קִינְדֶער פוּן פֶערְצְן יָאר אוּן הֶעכֶער, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן, מֶען דַארְף מֶער פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי וְכוּ', דֶעמָאלְט אִיז דֶער צַייט פוּן "יָמִין מְקָרֶבֶת".

**לֵיידֶער** זֶעט מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ מִשְׁפָּחוֹת וואוּ מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג, שְׁפֶּעטֶער וֶועקְט מֶען זִיךְ אוֹיף - וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, אָבֶּער דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין אַכְט גֶעבְּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט פַארְלִירְן.

**נָאךְ** אַלֶע עֵצוֹת דַארְף מֶען גוּט ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר עֵצָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער אִיז "תְּפִילָה"; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים

זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְלֶעגְט זִיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְוֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְּן גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער". דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן קִינְדֶער וָואס וֶועלְן לִיכְטִיג מַאכְן דִי וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶנְק זָאלְן זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער, אָמֵן.

**אַ** פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

## קמו

**וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר וֶוערְן צַדִּיקִים, אִין דִי צַייט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גָאר הוֹיכֶע נְשָׁמוֹת?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֵיין יֶעדְן טָאג דִי טֶעגְלִיכֶע בְּרִיוו אוּן אִיךְ בִּין מִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּה דֶערְמִיט. יְיַשֶׁר כֹּחַ.

בַּיי דִי בְּרִיוו פוּן יוֹם א' מִקֵץ' שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז אַ צַדִּיק מֵיינְט נִישְׁט אֵיינֶער וָואס פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ, אוּן אַז אַ צַדִּיק קֶען אוֹיךְ

האבן נסיונות. דאס איז א זאך וואס איך טראכט אסאך דערפון, אז לכאורה ווי אזוי מען זעט זענען אלע גרויסע צדיקים געבוירן געווארן מיט א העכערע נשמה, אזוי ווי מען זעט ביים רבי'ן וויפיל ער האט שוין צוזאמגעלערנט נאך אלט זייענדיג וויניגער ווי זעקס יאר, אויך האט ער שוין נאך פאר דריי יאר געהאט שכל וואס א נארמאלער מענטש האט

ז. ציטירט פון ספר איש אמונות:

איינער וואס פאלט און הייבט זיך אויף - דער איז א שטארקער מענטש.

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת מקץ, כ"ב כסלו, שנת תשע"ח לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מיר האלטן יעצט בעפאר דעם הייליגן יום טוב חנוכה; חנוכה איז א לשון פון באנייען, חנוכה איז א צייט וואס א מענטש קען זיך אויפפרישן און אנהויבן פונדאסניי.

דער רבי האט געזאגט אויף זיך (שבחי הר"ן, סימן ו) אז ער פלעגט שטענדיג אנהויבן פונדאסניי דינען דעם אייבערשטן, און ער פלעגט מאכן עטליכע מאל א טאג א פרישע התחלה; "אלט טאר מען נישט זיין" - האט דער רבי געזאגט (שיחות הר"ן, סימן נא), דער יצר הרע וויל נאר אריין ווארפן דעם מענטש אין א זקנה, אז דער מענטש זאל שפירן ביי זיך אז ער קען שוין נישט ארויס קריכן פון זיין פלאנטער.

מיין נישט אז צדיקים האבן נישט קיין שווערע ביטערע נסיונות, מיין נישט אז זיי האבן נישט קיין נפילות וכו', דער חילוק איז, אז די צדיקים שטארקן זיך, זיי הייבן זיך אויף, אזוי ווי עס שטייט (משלי כד, טז): "כי שבע יפול צדיק וקם", אפילו ער פאלט אראפ הויבט ער אן פונדאסניי; ער קוקט נישט אויף צוריק, אויף וואס איז געווען, נאר ער קוקט אויף פאראויס. דערפאר זענען זיי זוכה צו שיינע זאכן, ווייל זיי שטארקן זיך.

א שטארקער מענטש איז נישט איינער וואס איז נישט אראפ געפאלן, שטארק מיינט, אז ווען מען פאלט הייבט מען זיך אויף, איינער וואס פאלט און הייבט זיך אויף - דער איז א שטארקער מענטש.

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געהאט א תלמיד וואס האט געהייסן רבי שאול פון טעפליק זכרונו לברכה, ער איז געווען א גרויסער עובד ה', ער האט געדאווענט און געלערנט מיט א געוואלדיגער ברען. איינמאל איז רבי נתן געווען אין טעפליק, און צוזעענדיג זיינע עבודות, ווי ער דינט דעם אייבערשטן מיט אזא התלהבות, האט אים רבי נתן געזאגט: "שאול שאול, איך האב פון דיר נאך נישט קיין הנאה;

נִישְׁט אֲפִילוּ בַּיי דִי פֶערְצִיג, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אַלֵיינְס דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען זַיין מַאמֶע הָאט אִים אוֹיסְגֶעקֶעמְט דִי הָאר אוּן עֶס הָאט אִים וֵויי גֶעטוּן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט פוּן שְׁרֵייעֶן וַוייל אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען לַיידְן אוּן שְׁוַוייגְן.

אוֹיךְ וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן קָאמַארְנֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעלֶערְנְט מִיט זַיין טַאטֶע בַּיי דִי נַיין יָאר כִּתְבֵי הָאֲרִיז"ל. אוֹיךְ הָאט דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט שׁוֹין אַלְס קִינְד מִיט זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער שְׁטִיפִּינֶעשְׁטֶער רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, נִגְלֶה אוּן נִסְתָּר.

וִוי אַזוֹי קֶען זִיךְ אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ אוֹיךְ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶר שְׁטֵייט אַזוֹי וַוייט פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים אוּן גְרֵייט גֶעוֶוען פַאר מְסִירַת נֶפֶשׁ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוְון.

---

וֶוען אִיךְ וֶועל זֶען וִוי שָׁאוּל פַאלְט אַרָאפּ אוּן הֵייבְּט זִיךְ צוּרִיק אוֹיף אוּן דִינְט וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן"; רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייטְן פַארְ'ן לֶעבְּן. וַוייל נִישְׁט אֵייבִּיג קֶען מֶען בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּרְצִיפוּת, עֶס קוּמְט אַמָאל אַ צַייט וֶוען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, אוּן דֶעמָאלְט - אוֹיבּ מֶען אִיז שְׁטַארְק - אִיז מֶען אַ רִיכְטִיגֶער הֶעלְד.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת דָאס וָואס מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן אוֹיף זִיךְ: 'פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין', וָואס אִיז אַ תּוֹצָאָה פוּן דָאס וָואס מֶען קוּקְט זִיךְ אָן, אוּן מֶען זֶעט זִיךְ אָנְגֶעפוּלְט מִיט פְּרָאבְּלֶעמֶען, נִסְיוֹנוֹת, נְפִילוֹת, וְכוּ' וְכוּ', מֶען טְרַאכְט: 'וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין פוּן מִיר'. דָאס אִיז אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶער טָעוּת, וַוייל דַוְקָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַאלְט אַרָאפּ אוּן עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ הֶעלְד. אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שְׁטַארְק, שְׁטַארְק אִיז דֶער וָואס הוֹיבְּט אָן פוּנְדָאסְנַיי, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ שְׁטַארְק וִוי אַ לֵייבּ אַז וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין וֶועט עֶר נִישְׁט אָפְּלָאזְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ל' כִּסְלֵיו, א' דר"ח טֵבֵת, ו' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אַסַאךְ שְׁמוּעֶסְן מִיט אוּנְזֶערֶע לַייט פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, עֶר פְּלֶעגְט זֵיי דֶערְצֵיילְן צוּ וָואס עֶר הָאט אַלְץ זוֹכֶה גֶעוֶוען; דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן פוּן זִיךְ, פוּן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן אִים וֶועלְן נָאכְמַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֶועט הֶערְן צוּ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין, וֶועלְן אַלֶע פְּרוּבִּירְן אִים נָאכְצוּמַאכְן.

וֶוען דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וְכוּ', אִיז גֶעוֶוען אַפָּאר מָאל וָואס מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן: "אִיר זֶענְט צוּ גֶעקוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת וַוייל אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן נָאךְ צַדִּיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת", שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו): "יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ זַיינֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן מִיט אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, אָדֶער מִצַּד יִחוּס, פְּלֶעגְט דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין, אוּן גֶעזָאגְט: 'אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען,

נִישְׁט וַוייל אִיךְ שְׁטַאם פוּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, אוּן נִישְׁט ווייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ', נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, אוּן יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם".

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד אוּן זַיין מַאמֶע דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת פֵיְיגָא הָאט גֶעקֶעמְט זַיין הָאר אוּן עֶס הָאט זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, הָאט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁרִיגְן וַוייל עֶר הָאט שׁוֹין דֶעמָאלְט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען לַיידְן; דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ גָאר גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה, אָבֶּער דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּן מִיט וֶוערְן אַ צַדִיק, קוּק אַרַיין אִין שִׁבְחֵי הָרַ"ן (סִימָן כה) אַז דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט: "אֲפִלּוּ אִם הָיָה מִמִשְׁפָּחָה הַיְרוּדָה שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, הָיָה זוֹכֶה גַּם כֵּן לְמַה שֶׁזָכָה עַל יְדֵי עֹצֶם עֲבוֹדָתוֹ וִיגִיעָתוֹ, שֶׁיָגַע וְטָרַח מְאֹד מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", אֲפִילוּ עֶר וָואלְט וֶוען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פָּשׁוּט'סְטֶע שְׁטוּב, וָואלְט עֶר אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, צוּלִיבּ וָואס עֶר הָאט אַזוֹי סַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט.

**יֶעדֶער** מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; קוּק אַרַיין אִין רַמְבַּ"ם הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה (פֶּרֶק ה', הֲלָכָה ב) ווִי עֶר זָאגְט דָארְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס ווִי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין. אִיךְ טַייטְשׁ דִיר אִיבֶּער דֶעם לָשׁוֹן פוּן רַמְבַּ"ם: "דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְן דִיר נִישְׁט אַיינְרֶעדְן דָאס וָואס מֶען קֶען הֶערְן פוּן נַארִישֶׁע מֶענְטְשְׁן ווִי זֵיי זָאגְן, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

הָאט שׁוֹין גוֹזֵר גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל זַיין אַ צַדִּיק אוּן וֶוער עֶס זָאל זַיין אַ רָשָׁע', עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אָדֶער פַּארְקֶערְט - וִוי יָרָבְעָם בֶּן נְבָט; יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זַיין אֵייגֶענֶע בְּחִירָה צִי עֶר זָאל זַיין אַ חָכָם אָדֶער אַ נַאר. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זַיין אַ רַחֲמָנוּת'דִיגֶער, אָדֶער פַארְקֶערְט - אַן אַכְזָר, אָדֶער אַ קַארְגֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ אִין אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

**אַ** פְרֵיילִיכְן חֲנוּכָּה.

## קמז

**אִיךְ וִויל בְּרֶסְלֶב אָבֶער מַיין וַוייבּ אִיז נִישְׁט מַסְכִּים.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין זִיךְ שְׁטַארְק מְחַזֵק מִיט'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַזָא שְׁאֵלָה: מַיין וַוייבּ אִיז זֵייעֶר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, זִי הַאלְט נִישְׁט אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אָבֶער אִיךְ פִיל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין אָן דֶעם, אוּן אִיךְ וִויל אַרַיינְלֵייגְן אַזָא חִינוּךְ אִין מַיינֶע קִינְדֶער, וָואס דַארְף אִיךְ טוּן?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ל' כִּסְלֵיו, א' דר"ח טֵבֵת, ו' דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרַט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אוֹיבּ** אִיז טַאקֶע אַזוֹי ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט, אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים; ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, צִי דוּ בִּיסְט אוֹיךְ מְקַיֵּים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת "שָׁלוֹם בַּיִת"; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי ווַייבּ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "כִּי אָמַר, הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וִיסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי ווַייבּ, ווַייל זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער זֵייעֶר אַסַאךְ וֵוייטָאג פוּן צַעַר גִידוּל בָּנִים, אוּן צַעַר לֵידָה וְכוּ'.

**אַז** דוּ הָאסְט הַנָּאָה פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֵוייסְטוּ מִן הַסְתָּם זִיכֶער דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי'ן מִיט אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים וָואס הָאט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט זַיין ווַייבּ; אַמָאל אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן בַּיים טִישׁ מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, אִינְמִיטְן הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "ווִי וַואגְט זִיךְ צוּ קוּמֶען צוּ מַיין טִישׁ אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט קַיין רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת!" אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן

זיצְן בַּיים טִישׁ. וֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעזֶען ווי דֶער רֶבִּי גֵייט אַרַיין אִין צִימֶער, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִימֶער אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, אוּן זִיךְ אַיינְגֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּי'ן, בִּיז דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אוּן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה. וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם אִינְגֶערְמַאן? מוֹהַרְאַ"שׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל צֶעאַמְפֶּערְט מִיט זַיין וַוייבּ בֶּעפָאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוּן דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן מִיט אִים בַּיי אֵיין טִישׁ, אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַקְפִּיד גֶעוֶוען מֶען זָאל הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, ווייל אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ הָאט מֶען נִישְׁט קַיין מֹחַ, מֶען וֶוערְט אוֹיס מֶענְטְשׁ, אוּן נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ.

**וָואס** דַארְפְסְטוּ רֶעדְן צוּ אִיר פוּן רֶבִּי'ן, פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִיר? דוּ לֶערְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים פַאר דִיר, זַיי זִיךְ מְחַזֵק מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן זַיי מְקַיֵים וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט. נֶעם דִי חִיזוּק מִיט דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, נוּץ דָאס סֵיי פַאר דַיין וַוייבּ אוּן סֵיי פַאר דַיינֶע קִינְדֶער.

**וָואס** אִיז "בְּרֶסְלֶב" אַז דַיין וַוייבּ וִויל דָאס נִישְׁט? לֵיידֶער הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעקְלֶעבְּט צוּם רֶבִּי'ן מֶענְטְשְׁן וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין אוּן זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן 'בְּרֶסְלֶב'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע): "עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן, וָואס דוּרְךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים זֶענֶען זֵיי גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן

צוּם צַדִּיק"; בִּפְרַט דָאס מְשׁוּגַעַת פוּן נ' נַח' - דָאס אִיז לֵייְדֶער גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַנְטְלוֹיפְן פוּן בְּרֶסְלֶב. וֶוען מֶען זָאל וֶוען אַרַיין קוּקְן פוּן דֶער נָאנְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז וָואלְט יֶעדֶער נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ גֶעוָואלְט אַז זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען דִי סְפָרִים, יֶעדֶע פְרוֹי וָואלְט גֶעוָואלְט אַז אִיר מַאן זָאל פָאלְגְן דֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי, אֶפְשַׁר פִּירְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מֵיינְט זִי אַז דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב, מְמֵילָא וִויל זִי נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי.

**פָאלְג** מִיר, מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחְלוֹקֶת, זוּךְ נִישְׁט וואוּ דוּ קֶענְסְט אִיר אוֹיפְרֶעגְן; דוּ לֶערְן וַוייטֶער דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן. זֶע צוּ הָאבְּן שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, הֵייבּ אָן פוּן אָנְהוֹיבּ וָואךְ, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ זָאגְן צְוֵויי מָאל דִי חוּמָשׁ אוּן אֵיינְמָאל דֶעם תַּרְגוּם - זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה.

**עֶס** אִיז יָדוּעַ דֶעם סִיפּוּר בַּיי סַאטְמַארֶער חֲסִידִים, אַז דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת יוֹם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע צְוֵויי קִינְדֶער - דֶער 'עֲצֵי חַיִּים' אוּן דֶער בַּעַל 'דִּבְרֵי יוֹאֵל' זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען גָאר קְלֵיין צוּ גֵיין נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי מָרְדְּכַי'לֶע מִנַאדְבוּרְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט זֵיי גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "קִינְדֶערְלֶעךְ, פִּילֶעוֶועט זִיךְ אִין חוּמָשׁ רַשִׁ"י (לֶערְנְט אַסַאךְ חוּמָשׁ רַשִׁ"י); אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט גְרוֹיסֶע

גְאוֹנִים וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וואוֹינְט, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעלֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ"י".

**אַזוֹי** אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת; אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט נִישְׁט מֶער וִוי צְוֵויי דְרֵיי מִינוּט, אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט - דָאךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסֵדֶר, וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נָאר לֶערְנֶען - זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, מֶען וֶועט שׁוֹין סַיי וִוי פַארְשְׁטֵיין; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה אַז דֶער קָאפּ עֶפְנְט זִיךְ אוֹיף, בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן הֵייבְּט מֶען אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין. אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעזֶען בַּיי אַסַאךְ בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

**אַז** דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט זוּכְן אוֹיסְצוּפִירְן וְכוּ', וֶועסְטוּ זֶען אַז דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר נָאךְ טְרַייבְּן צוּם רֶבִּי'ן, דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר זָאגְן: 'אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט גֵיין דַאוְוענֶען מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'ער אִידְן, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט גֵיין צוּ שִׁיעוּרִים וָואס מֶען לֶערְנְט פָאר פוּן רֶבִּי'ן', נָאר אֵיין זַאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר: "קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר, זוּךְ אִיר נִישְׁט צוּ מְחַנֵּךְ זַיין, זוּךְ אִיר נִישְׁט צוּ מְקָרֵב זַיין צוּם רֶבִּי'ן, גֶעבּ אִיר וָואס זִי דַארְף וְכוּ', וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּער דְרֵייעֶן בַּיי דִיר".

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קמח

## מֶעג זִיךְ אַ מֵיידְל דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מֵיידְל אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ אַרוֹיסְצוּגֵיין בַּיינַאכְט פוּן דֶערְהֵיים, סְפֶּעצִיעֶל פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס. צוּמָאל גֵיי אִיךְ צוּ אַ חַבֶרְ'טֶעס הוֹיז שְׁמוּעֶסְן אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען, אוּן אַמָאל סְתַם שְׁפַּאצִירְן אוֹיפְ'ן גַאס. ווִייל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן פַאר אַ מֵיידְל צוּ גֵיין בַּיינַאכְט אוֹיפְ'ן גַאס?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִי'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**ווִי מֶער מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אִיז בֶּעסֶער; אַ מֵיידְל קוּמְט נִישְׁט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אוֹיפְ'ן גַאס.**

**עֶס שְׁטֵייט אַ פָּסוּק** (תְּהִלִּים מה, יד)**: "כָּל כְּבוּדָּה בַת מֶלֶךְ, פְּנִימָה", דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער אִיז צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ; אַוַדַאי דַארְף מֶען גֵיין אִין גַאס עֶרְלֶעדִיגְן זַאכְן, מֶען דַארְף אַיינְקוֹיפְן וְכוּ', אָבֶער סְתַם אַרוֹיס גֵיין שְׁפַּאצִירְן בְּרֶענְגְט נָאר פְּרָאבְּלֶעמֶען.**

**וָואס** דַארְפְט אִיר מֶער פוּן דֶעם וָואס מֶען זֶעט דִי מַעֲשֶׂה אִין דִי תּוֹרָה, אַז שְׁכֶם הָאט פַארְכַאפְּט דִינָה, יַעֲקֹב אָבִינוּ'ס טָאכְטֶער, עֶר הָאט אִיר גֶעפַּיינִיגְט וְכוּ'. אַלֶעם הָאט זִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען וַוייל זִי אִיז אַרוֹיס שְׁפַּאצִירְן אִין דִי גַאסְן פוּן שְׁכֶם, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לד, א): "וַתֵּצֵא דִּינָה לִרְאוֹת בִּבְנוֹת הָאָרֶץ", דִינָה אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן; דוּרְךְ דֶעם אִיז גֶעשֶׁען דִי בִּיטֶערֶע מַעֲשֶׂה.

**עֶס** אִיז נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת פַאר מֵיידְלֶעךְ אַרוֹיס צוּ גֵיין מִיט חַבֶרְ'טֶעס שְׁפַּאצִירְן אוֹיף דִי גַאסְן, אַז אִיר ווִילְט גֵיין צוּ אַייעֶר חַבֶרְ'טֶעס שְׁטוּב שְׁמוּעֶסְן וְכַדוֹמֶה, אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער סְתַּם שְׁפַּאצִירְן אוֹיף דִי גַאסְן בְּרֶענְגְט נִישְׁט קַיין גוּטְס.

## קמט

**זָאל אִיךְ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר עֶ"י דִ"י עֶיטְ"שׁ דִ"י [ADHD]?**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס אִיר הַאלְט וֶועגְן דִי קְרַאנְקְהֵייט מַה שֶׁקּוֹרִין עֶ"י דִ"י עֶיטְ"שׁ דִ"י [ADHD] בְּלַעַ"ז, אוֹיבּ מֶען זָאל נֶעמֶען מֶעדֶעצִין פַאר דֶעם אוֹיבּ אַ דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען זָאל נֶעמֶען?

אוֹיךְ וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ מֶען זָאל נֶעמֶען "אַנְטִי דֶעפְּרֶעסַנְט" וֶוען דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען זָאל עֶס נֶעמֶען?

און די דְרִיטֶע שְׁאֵלָה; וֶוען מֶען נֶעמְט שׁוֹין פַּאר 2 יָאר די אַנְטִי דִיפְּרֶעסְנְט מֶעדֶעצִין, און דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען וֶועט נָאר קֶענֶען אַרָאפְּגֵיין פון די מֶעדֶעצִין אויב מֶען מַאכְט אַ סָארְט "טֶערֶעפִּי" וָואס הֵייסְט ס"י בּ"י ט"י [CBT], דָאס אִיז אַ גֶעוִויסֶער מְהַלֵךְ, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (תּוֹרָה עב, צום סוֹף) אַז וֶוען עֶס פַּיינִיגְט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ אַ מַחֲשָׁבָה אַז אַ גוֹי שְׁטֵייט פָּארְנְט פון אִים בִּשְׁעַת'ן דַאוֶוענֶען, זָאל עֶר אָפְּמַאכְן אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט אָן אַז דֶער גוֹי שְׁטֵייט דָארְט און עֶר זָאל זִיךְ וַוייטֶער בִּיקְן און דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען דֶער גוֹי שְׁטֵייט דָארְט; און דָאס אִיז פּוּנְקְט דִי זֶעלְבֶּע מְהַלֵךְ פון די [CBT] טֶערֶעפִּי. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז די עֵצָה הֶעלְפְּט נָאר לְפִי שָׁעָה, דֶער עִיקָר עֵצָה אִיז זִיךְ צוּ הֵיילִיגְן און אוֹיךְ צוּ פְּרֶעגְן אַ חָכָם אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ.

ווִיל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז נָאר לְגַבֵּי מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת בַּיים דַאוֶוענֶען וָואס מֶען דַארְף זִיךְ הֵיילִיגְן עֶס זָאל אַוֶועקְגֵיין, אָדֶער דָאס אִיז אוֹיךְ פַּאר מַחֲשָׁבוֹת פון נֶערְוֶועזְקֵייט ווִי לְמָשָׁל גוּט צוּצוּשְׁפַּארְן אַ טִיר בַּיינַאכְט, אָדֶער "עֶנְקְזַייעֶטִי", נִישְׁט אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, צִי אוֹיף דֶעם קֶען אִינְגַאנְצְן הֶעלְפְן ס"י בּ"י ט"י [CBT] אַלְץ אַ הִשְׁתַּדְלוּת מִיטְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**אַז** דֶער דָאקְטֶער הֵייסְט דִיר נֶעמֶען מֶעדֶעצִין - זָאלְסְטוּ אַוַדַאי נֶעמֶען; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן עב): "וֶוען אַ מֶענְטְש לַיידְט פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דִי מַחֲשָׁבוֹת פַּיינִיגְן אִים, אִיז דִי עֵצָה מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג מַאכְן דֶערְפוּן".

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שָׁם): "עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מֶענְטְש וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעלִיטְן אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דַאוֶונֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, וַוייל זַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה הָאט אִים גֶעמַאכְט זִיךְ דַאכְטְן וִוי עֶר זֶעט אַ גוֹי הַאלְט אַ צֶלֶם פָארְנְט פוּן אִים אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַוַדַאי נִישְׁט גֶעוָואלְט בִּיקְן צוּם צֶלֶם, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט זַיין מַחֲשָׁבָה - דָאס אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן, אָבֶּער יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶע'טַעֲנָה'ט מִיט זַיין מַחֲשָׁבָה אַז דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן, הָאט עֶר עֶס גֶעזֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן קְלָארֶער, יֶעדֶעס מָאל וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט זַיין מַחֲשָׁבָה הָאט עֶר עֶס גֶעזֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער. דֶער אִיד אִיז אַרוּם גֶעלָאפְן פְרֶעגְן אַן עֵצָה, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן. בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ חָכָם, דֶער חָכָם הָאט אִים גֶעזָאגְט אַזוֹי: 'פוּן הַיינְט אָן, יֶעדֶעס מָאל דוּ ווִילְסְט זִיךְ בִּיקְן בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה אוּן דוּ זֶעסְט מִיט דַיין מַחֲשָׁבָה וִוי דֶער גוֹי אִיז דָא מִיט'ן צֶלֶם, זָאל דִיר דָאס נִישְׁט אָנְגֵיין, לָאז אִים שְׁטֵיין מִיט'ן צֶלֶם אוּן מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וואוּסְנְדִיג פוּן דֶעם'".

דֶער עֵצָה אִיז אָבֶּער נִישְׁט דַוְקָא בַּיים דַאוֶונֶען, דֶער רֶבִּי נֶעמְט בְּלוֹיז אַלְץ אַ בֵּיישְׁפִּיל שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶונֶען, אָבֶּער דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדֶע צַייט; יֶעדֶעס מָאל עֶס קוּמְט אַריין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט

קְרִיגְן מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, וַוייל ווִי מֶער מֶען קְרִיגְט זִיךְ דֶערְמִיט וֶוערְן זֵיי נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן מֶען לַיידְט מֶער יִסוּרִים דֶערְפוּן. דִי עֵצָה אִיז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט ווֹאוּסְנְדִיג מַאכְן פוּן זֵיי; לְמָשָׁל, אַז מֶען הֵייבְּט אָן אִיבֶּער טְרַאכְטְן: 'אֶפְשֶׁר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס גֶעזָאגְט יֶעדֶעס וָוארְט פוּן קְרִיאַת שְׁמַע?' וְכַדוֹמֶה, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין זָאגְן: 'אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַרוֹיס גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן'; וַוייל אוֹיבּ מֶען הוֹיבְּט צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן דִי בִּלְבּוּלִים: 'אִיךְ הָאבּ יָא גֶעזָאגְט', קוּמְט אַ מַחֲשָׁבָה פַארְקֶערְט: 'הָאסְט נִישְׁט גֶעזָאגְט', עֶס גֵייט אַהִין אוּן צוּרִיק בִּיז דֶער מֹחַ פְּלַאצְט רַחֲמָנָא לִצְלַן.

**פִּירְט** דֶער רֶבִּי דָארְט אוֹיס: "דָאס אִיז אַן עֵצָה נָאר אוֹיף יֶעצְט, אָבֶּער וֶוער עֶס ווִיל אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת דַארְף זוּכְן אַ צַדִיק וָואס וֶועט אִים אוֹיסְרֵיינִיגְן אוּן אוֹיסְוַואשְׁן זַיין מֹחַ, בִּיז עֶר וֶועט פָּטוּר וֶוערְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת".

**מַיין** לִיבֶּער בְּרוּדֶער, וֶוען מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, מֶען הוֹיבְּט אָן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, קְרִיכְט מֶען אַרוֹיס פוּן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע פְּרָאבְּלֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט עֵצוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס לַיידְן נֶעבֶּעךְ אוֹיף שְׁוֶוערֶע גֵייסְטִישֶׁע מַחֲלוֹת, זֵיי לַיידְן נֶעבֶּעךְ פוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶעס גֵייט אַוֶועק אוֹיבּ מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ

בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ צוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הַחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחֲלוֹת, זֵיי לַיידְן דָאס נָאר ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צוּוַאם, זָאגְט דֶער רֶבִּי ווייטֶער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחֲלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעווייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת,

אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַריין אִין זִיךְ דִי אֱמוּנָה; עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל" - דַאן לֶעבְּט עֶר אַ רוּאִיג לֶעבְּן. מוֹהַרְאַ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער וֶוען עֶר פְלֶעגְט גֵיין אִין וַואלְד רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער אִין אָנְהוֹיבּ, עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ

זַיין אַלֵיינְס אִין וַואלְד, פוּן דִי חַיוֹת וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אוּנְטֶער גֶעזִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער: "מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין, וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין, וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אֵין שׁוּם מְצִיאוּת בִּלְעָדָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל, וּבְכָל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שָׁם אֲלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם". עֶר הָאט דָאס גֶע'חַזֶר'ט אָן אַ שִׁיעוּר, בִּיז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם פַּחַד פוּן קֵיינֶעם, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דִי שֵׁיינֶע נִיגוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער.

**ווִיסְן** זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה וֶוערְט אִים שְׁטַארְק זַיינֶע נֶערְוְון, אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְקֶערְט, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן סְתָם אַזוֹי אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, עֶר מֵיינְט אַז עֶס אִיז דָא טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל - אַזַא מֶענְטְשׁ לֶעבְּט שְׁטֶענְדִיג מִיט פְּחָדִים, מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת; מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ כְּסֵדֶר, אוּן פוּן דֶעם קוּמֶען אַלֶע נֶערְוְון קְרַאנְקְהֵייטְן לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם. דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה פַאר דִי וָואס לַיידְן אוֹיף דִי נֶערְוְון אִיז נָאר "אֱמוּנָה".

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ נָאר זִינְגֶען נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה; הַיינְט אִיז דָא זֵייעֶר שֵׁיינֶע נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, אַ גַאנְצְן טָאג זָאלְסְטוּ טַאנְצְן מִיט נִיגוּנִים פוּן אֱמוּנָה, בִּיז עֶס וֶועט ווערְן אַיינְגֶעבַּאקְן אִין דִיר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ זִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְהֶערְן צוּ דֶערְנִידֶערְן וְכוּ', דוּ וֶועסְט ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, און מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיר אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָאל הֵייסְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק, זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קנ

## מַיין וַוייבּ אִיז דֶעפְּרֶעסְט צוּלִיבּ מַיינֶע קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ.

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ עֶטְלִיכֶע בָּחוּרִים וָואס גְלִיטְשְׁן לֵיידֶער אַוֶועק, אִיךְ פְּרוּבִיר זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן און זֵיי מְחַזֵּק זַיין אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אָבֶער יֶעצְט קוּמְט דִי שְׁוֶוערְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אַז מַיין וַוייבּ אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסִיעָ פוּן דֶעם און אִיךְ וֵויים נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ, ב' טֵבֵת, זֹאת חֲנוּכָּה, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין מֶענְטְשׁ בְּזֶה הָעוֹלָם וָואס מוּטְשֶׁעט

זִיךְ נִישְׁט. אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז, מִיר זָאלְן פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

**אִיךְ** בֶּעט דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ; אַז מֶען הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אָנְצוּגֵיין, אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָוֶועקְפַאלְן.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּין, סִימָן סה): "כְּשֶׁאָדָם מְסַפֵּר לַחֲבֵרוֹ צַעֲרוֹ, צָרִיךְ הַשּׁוֹמֵעַ לְהַחְכִּים בִּשְׁעַת הַשְּׁמִיעָה, שֶׁלֹּא יָבוֹא עָלָיו הַצַּעַר הַזֶּה", וֶוען מֶען הֶערְט ווִי אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַ צָרָה דַארְף מֶען זַיין קְלוּג, אוּן טְרַאכְטְן: 'וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דֶער צָרָה זָאל נִישְׁט קוּמֶען אוֹיף מִיר'; דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶס הָאט אִים פַּאסִירְט אַ צָרָה, דַארְף עֶר טְרַאכְטְן: 'ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן עֶס זָאל נִישְׁט פַּאסִירְן נָאכְאַמָאל'. וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעעֶן אַז אַ קִינְד אִיז אָוֶועק גֶעפַאלְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג לֹא עָלֵינוּ, דַארְפְן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְן אַז דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט מִיט פַאלְן.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ מְחַזֵק זַיין דַיין וַוייבּ, זִי זָאל וַוייטֶער זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע, אוּן אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ וֶועט זִי דִיר מְחַזֵק זַיין; דֶער עִיקָר זַייט אַייךְ מְחַזֵק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, אִיר זָאלְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זָאלְט וַוייטֶער פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כּוֹחוֹת מְחַנֵךְ צוּ זַיין אַייעֶרֶע קִינְדֶער בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵב.

**שְׁלֹמֹה** הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קהלת יא, ו): "בַּבֹּקֶר זְרַע אֶת זַרְעֶךָ, וְלָעֶרֶב אַל תַּנַּח יָדֶךָ, כִּי אֵינְךָ יוֹדֵעַ אֵי זֶה יִכְשַׁר - הֲזֶה אוֹ זֶה, וְאִם שְׁנֵיהֶם כְּאֶחָד טוֹבִים"; מֶען טָאר נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַאלְן וָוען מֶען זֶעט ווי דִי אַרְבֶּעט פוּן יָארְן אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן. קוּק אָן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא ווִי עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן; עֶר הָאט גֶעהַאט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים, עֶר הָאט זִיךְ מִיט זֵיי גֶעמוּטְשֶׁעט. וָוער עֶס הָאט תַּלְמִידִים וֵוייסְט ווִי שְׁוֶוער עֶס אִיז צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט תַּלְמִידִים, מֶען דַארְף הָאבְּן כּוֹחוֹת עֲצוּמִים, מֶען דַארְף הָאבְּן אַייְזֶערְנֶע נֶערְוְון מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן בְּכַעַס וְכוּ', אוּן אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעשְׁטָארְבְּן. וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעטוּן? עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּן פְרִישׁ, עֶר הָאט גֶעעֶפְנְט נָאכְאַמָאל זַיין יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פִינְף תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי וֶועלְט.

**וָואס** הָאבְּן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס גֶעטוּן וָוען דֶער יִמַּח שְׁמוֹ'נִיק הָאט אוֹיסְגֶעהַרְגֶ'ט זֶעקְס מִילְיָאן אִידְן, גַאנְצֶעטֶע מִשְׁפָּחוֹת זֶענֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶס אִיז בְּלוֹיז אִיבֶּער גֶעבְּלִיבְּן (ירמיהו ג, יד): "אֶחָד מֵעִיר, וּשְׁנַיִם מִמִּשְׁפָּחָה"? זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן פְרִישׁ אַ נֵייעֶם דוֹר. מַיינֶע זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס, אַלֶע הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט אַיינְגֶעקְרִיצְט נוּמֶערְן אוֹיף זֵייעֶר הַאנְט, זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אִין אוֹישְׁוִויץ, זֵיי פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן ווִי זֵיי הָאבְּן אַלֶעס פַארְלוֹירְן, זֵייעֶר גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי, דִי זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע הֶעלְדְן זַייט דִי וֶועלְט שְׁטֵייט.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט ווִי זַיינֶע קִינְדֶער פַּאלְן אִים אַוֶועק אֵיינְס נָאכְ'ן צְוֵוייטְן, טָאר עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, עֶר דַארְף נָאכְמַאכְן רֶבִּי עֲקִיבָא, אָנְהוֹיבְּן פוּנְדְאסְנַיי.

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן ווַייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, דוּ וֶועסְט מְחַזֵק זַיין דַיין ווַייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, וֶועסְטוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, עֶס וֶועט דִיר גוּט זַיין בְּזֶה וּבְבָא.

## קנא

**דֶערְצֵיילְט וָואס עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלְס קִינְד וֶוען קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַן עֶלְטֶערֶער אִינְגֶערְמַאן, הִיבְּשׁ עֶלְטֶער פוּן אַייךְ, אִיךְ בִּין בָּרוּךְ ה' אַן אִישׁ מֶצְלָח, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' אַ מִשְׁפָּחָה אוּן אַ פֵיינֶע פַּרְנָסָה, גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אָבֶּער שְׁטִילֶערְהֵייט וֵויין אִיךְ צוּלִיבּ דִי נִסְיוֹנוֹת שֶׁל קְדוּשָׁה וָואס אִיךְ גֵיי דוּרְךְ זַייט אִיךְ גֶעדֶענְק זִיךְ.

אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אוּן אִיךְ בִּין אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְטֶער מֶענְטְשׁ אִין דִי פְּלַאץ וואוּ אִיךְ גֶעפִּון זִיךְ, נָאר אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ קְלִיפּ פוּן אַ דְרָשָׁה וָואס אִיר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין אַייעֶר יְשִׁיבָה, אוּן אִיךְ ווִיל אַייךְ מְחַזֵק זַיין אוּן דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם.

אִיךְ גֶעדֶענְק ווִי אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ חַבֵר וָואס מִיר הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם גֶעטוּן זֵייעֶר אוּמְוֶוערְדִיגֶע זַאכְן. אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְט

קִינְד, פַארְקֶערְט, אִין חֵדֶר בִּין אִיךְ גֶעוֶוען פוּן דִי בֶּעסְטֶע אוּן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטְסְטֶע קִינְדֶער אִין כִּתָּה, אָבֶּער אִין דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעקֶענְט, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַבִּיסְל נַאאִיוו אוּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין רְמָזִים, אַזוֹי וִוי אִיר זָאגְט אִין אַייעֶר דְרָשָׁה.

אָבֶּער וָואס עֶס טוּט מִיר דִי מֶערְסְטֶע וַויי אִיז אַז אִין דִי תְּקוּפָה פוּן מַיין בַּר מִצְוָה הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מַיין חַבֶר אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז "אַ זַאךְ וָואס אִיז נִישְׁט קַיין מִצְוָה אִיז אַן עֲבֵירָה", אוּן דָאס וָואס מִיר טוּעֶן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אִיז לִכְאוֹרָה נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אוּן אֶפְשָׁר גָאר אַן עֲבֵירָה, מִמֵילָא לָאמִיר דָאס מֶער נִישְׁט טוּן; בִּיז אַהֶער הָאט מַיין תְּמִימוּת גֶעגְרֵייכְט, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אַזוֹי.

אִיךְ הָאבּ צוּלִיבּ דֶעם שְׁטַארְקֶע טַעֲנוֹת אוֹיף דִי הַנְהָלָה, ווַייל מֶעגְלִיךְ אוֹיבּ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען קְלֵיין וָואלְט אֵיינֶער גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם בָּרַבִּים, וָואלְט אִיךְ יֶעצְט - וֶוען אִיךְ מַאךְ שׁוֹין חֲתוּנָה קִינְדֶער - נִישְׁט גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אִין עִנְיָנֵי קְדוּשָּׁה.

דֶערְפַאר שְׁרַייבּ אִיךְ דָאס אַייךְ, אַייךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף דֶעם. אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִיר זָאלְט הָאבְּן אַסַאךְ הַצְלָחָה.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִגַּשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

### אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט הֶערְן אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט; וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מִיט קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן זִיךְ

הִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת, זֵיי זָאלְן זַיין נִזְהָר אִין שְׁמִירַת הַבְּרִית... דָאס דַארְפְן מִיר זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִידִישֶׁע קִינְדֶער ווִילְן זַיין גוּט, אָבֶּער זֵיי ווֵייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. מֶען לֶערְנְט נִישְׁט אוֹיס פַאר קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים וָואס צוּ טוּן; אֲפִילוּ דִי עֶרְלִיכֶע מְלַמְּדִים וָואס רֶעדְן שׁוֹין יָא, רֶעדְן אוֹיךְ נִישְׁט קְלָאר, מֶען רֶעדְט נָאר מִיט רְמָזִים, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער אַז מֶען דַארְף זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן וְכוּ'", קִינְדֶער פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט וָואס מֵיינְט "וְכוּ' וְכוּ'", מֶען דַארְף רֶעדְן קְלָאר אוּן דֵייטְלִיךְ, מֶען זָאל ווִיסְן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן.

עֶס אִיז יָדוּעַ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶע מְלַמְּדִים זֵיי זָאלְן רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער וֶועגְן שְׁמִירַת הַבְּרִית, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעווִיסֶע רַבָּנִים בַּיי דִי אֲסִיפַת הַמְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, ווַייל אַז מֶען וֶועט רֶעדְן וֶועלְן זֵיי ווִיסְן וְכוּ', הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִסַאטְמַאר גֶעקְלַאפְּט אִין טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף יָא רֶעדְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט ווֵייסְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער בִּכְלָל פוּן וָואס זִיךְ צוּ הִיטְן.

בַּיי יֶענֶע אֲסִיפָה הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ (רַבָּא, פֶּרֶק יח): אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא הָאט דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ תַּלְמִידִים - בְּעֶרֶךְ צְוֵויי הוּנְדֶערְט תַּלְמִידִים;

נָאךְ אַ יָאר בִּין אִיךְ צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם שְׁטָאט פוּן דֶעם מְלַמֵד, וֶוען אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעזוּכְט דֶעם מְלַמֵד אִים צוּ טְרֶעפְן, הָאט מֶען מִיר גֶעזָאגְט אַז דֶער מְלַמֵד אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן צוּזַאמֶען מִיט זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ זֶענֶען אַלֶע תַּלְמִידִים גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ וויינֶען, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט: 'פַארְוָואס דֶער מְלַמֵד מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, מִיט דִי תַּלְמִידִים, זֶענֶען אַלֶע גֶעשְׁטָארְבְּן', בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אַ מַלְאָךְ פוּן הִימְל אוּן מִיר גֶעפְרֶעגְט: "אֵלִיָהוּ, פַארְוָואס וֵוינְסְטוּ?" הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט, "צִי דֶען זָאל אִיךְ נִישְׁט וויינֶען, אַז דִי אַלֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן..." הָאט מִיר דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "וֵויין נִישְׁט אֵלִיָהוּ, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶע מַעֲשִׂים, זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן עֲבֵירוֹת אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵויטְן"; הָאט דֶער רֶבִּי זי"ע מְסַאטְמַאר גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְדִים: "דָא זֶעט מֶען דֶער חִיוּב וָואס מְלַמְדִים הָאבְּן צוּ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן וָואס מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן".

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִין דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן גֶעהַאט אַ מַחֲלָה לֹא עָלֵינוּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ וואוּ מֶען גֵייט אַרוֹיס, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט הָאבְּן אַ קַאטֶעטֶער אַרוֹיס צוּ גֵיין לִצְרָכָיו אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע יְסוּרִים. הָאט דֶער הֵיילִיגֶע חֲתַם סוֹפֵר זי"ע גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ זִיךְ מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶעם שְׁטְרָאף, אִיךְ הָאבּ דָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְּרִית, נָאר וְוִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט

צוּ וֵוייניג צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אִיךְ פְלֶעג רֶעדְן נָאר אֵיין מָאל אַ יָאר בַּיי דִי ׳כָּל נִדְרֵי דְרָשָׁה׳ צוּ מַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען דֶעם עוֹנֶשׁ״.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִידוֹת, אוֹת נִאוּף, סִימָן מא): ״תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִשְׁתַּדֵל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה״, וֶוער עֶס וִויל אַ תִּיקוּן אוֹיף פְּגַם הַבְּרִית זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען טוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען, וִוי עֶר זָאל עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זֶען צוּ הֶעלְפְן דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אַז נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ, עֶר וֶועט אוּנְז לֶערְנֶען אַז מִיר אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן עֶר וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן פוּן אוּנְזֶער בִּיטֶערְ׳ן גָלוּת, אָמֵן.

# קנב

## מֶעג מֶען אוֹיפְהֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים?
## מֶעג מֶען קוּשְׁן דִי בִּילְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵׁם אַז אִיךְ הֶער אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן דִי חִיזּוּק יוֹמִי כִּמְעַט יֶעדְן טָאג, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל גֶעבְּן כֹּחַ פַאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין צוּ מְחַזֵק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה קוּמְט פוּן וִויעֶן וואוּ מֶען פְלֶעגְט הֶענְגֶען אַסאַךְ בִּילְדֶער אִינֶדערְהֵיים, אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ אוֹיפְצוּהֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים אוּן רַבָּנִים. לֶעצְטְנְס הָאט מִיר אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אַזוֹי צוּ טוּן ווייל עֶס לִיגְט אוֹיף בִּילְדֶער אַ רוּחַ הַטוּמְאָה, וְויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי?

אוֹיךְ וְויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג לָאזְן קִינְדֶער קוּשְׁן דִי בִּילְדֶער ווייל בַּיי אוּנְז פְלֶעגְט מֶען הֵייסְן קִינְדֶער קוּשְׁן דִי בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיִגַשׁ, ג' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם אוֹיפְצוּהֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט** (יְשַׁעְיָה ל, כ)**: "וְהָיוּ**

עֵינֶיךָ רֹאוֹת אֶת מוֹרֶיךָ"; אַדְרַבָּה, מִיט דֶעם בְּרֶענְגְט מֶען אַרַיין קְדוּשָׁה אִין שְׁטוּבּ, דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף פוּן קְלֵיינְוַוייז אָן מִיט צַדִיקִים.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער חַזוֹן אִישׁ זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן פַאר אַ מְנַהֵל פוּן אַ מוֹסָד עֶר זָאל אוֹיפְהֶענְגֶען בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים אִין אַלֶע קְלַאסְן, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁטֶענְדִיג זֶען דֶעם פְּנִים פוּן צַדִיקִים, אוּן דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען אוֹיף זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם.

**בַּיי** מוֹהַרָא"שׁ אִין שְׁטוּבּ הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהָאנְגֶען אַ בִּילְד פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן פוּן זַיין טַאטֶע - דֶער טָאקַיי'עֶר רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

**מוֹהַרָא"שׁ** הָאט גֶעזָאגְט, בַּיי עֲבֵירוֹת זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בַּמִדְבָּר רַבָּה י, ב): "עַיִן רוֹאֶה וְלֵב חוֹמֵד", אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע בִּילְדֶער, בְּרֶענְגְט דָאס צוּ מֶען זָאל גְלִיסְטְן צוּ טוּן עֲבֵירוֹת; אִיז דָאךְ בַּיי בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים - וָואס מִדָה טוֹבָה אִיז מְרֻבָּה מִמִדָה שֶׁל פּוּרְעָנִיוֹת - זִיכֶער אַז דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס קוּקְט אוֹיף אַ בִּילְד פוּן אַ צַדִיק עֶס זָאל זַיין "עַיִן רוֹאֶה וְלֵב חוֹמֵד", צוּ גוּטֶע זַאכְן, מֶען וֶועט גְלִיסְטְן צוּ זַיין אַ צַדִיק.

**אוֹיךְ** אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז קִינְדֶער זָאלְן קִישְׁן בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין קִינְדֶער אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מַכּוֹת כד.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים טו, ד): "וְאֶת יִרְאֵי ה' יְכַבֵּד" - "זֶה יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ

יְהוּדָה", עֶר פְּלֶעגְט אַרוּמְהַאלְזְן אוּן קִישְׁן יֶעדְן תַּלְמִיד חָכָם; דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז קִינְדֶער זָאלְן קִישְׁן בִּילְדֶער פוּן צַדִיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אַלֶע גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִיקֵי אֱמֶת וָואס הָאבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

## קנג

### מֶעג מֶען לָאזְן קִינְדֶער גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג לָאזְן קִינְדֶער גֵיין אַלֵיין אִין מִקְוֶה עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אָדֶער סַיי וֶוען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**מֶען** דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ לָאזְן קִינְדֶער אַלֵיינְס גֵיין אִין מִקְוֶה; קִינְדֶער קֶענֶען בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט גֵיין אַלֵיינְס אִין מִקְוֶה.

**לֵיידֶער** זֶענֶען דָא נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זוּכְן צוּ כַּאפְּן קָרְבָּנוֹת וְכוּ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַז מֶען פַאלְט אַרַיין אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, מֶען קֶען וֶוערְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ פַאר'ן לֶעבְּן.

**קִינְדֶער** טָארְן נִישְׁט גֵיין אִין מִקְוֶה נָאר מִיט זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין אִין אַ צַייט וֶוען דִי מִקְוֶה אִיז לֵיידִיג. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֵיין אִין מִקְוֶה וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעפּוּלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אֲפִילוּ אָן קִינְדֶער, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען מֶען גֵייט מִיט קְלֵיינֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קנד

### דַארְף מֶען דַאוֶונֶען שְׁנֶעל אָדֶער שְׁטַייט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ הַארְצִיגְן יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזּוּק בְּרִיוְון, אִיר זֶענְט מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת, זָאל אַייךְ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גֶעבְּן גֶעזוּנְט אוּן לֶעבְּן צוּ קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מְקָרֵב צוּ זַיין נְפָשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זְכוּת פוּן דֶעם. אַשְׁרֵיכֶם.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ שְׁאֵלָה, אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְס גֶעוֶוען אִין אֵיינֶע פוּן דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוֹיף שַׁבָּת אוּן מֶען הָאט אַזוֹי שְׁנֶעל גֶעבִיפֶּערְט דָאס

דאַוֶונען מַמָש ווי אײנֶער דאַרְף כַאפְּן אַ באַן, אִיךְ הָאבּ קוים גֶעקֶענְט אַרוּיס זָאגְן די וֶוערְטֶער (עֶס אִיז גֶעוֶוען שַבָּת, און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז קֵיינֶער דאַרְף נִישְׁט כַאפְּן דָארְט קַיין טְרֵעין...).

אִיךְ הָאבּ אויךְ נִישְׁט לִיבּ וֶוען מֶען צִיט אוֹיס סְתַם וֶוערְטֶער, אָבֶער אַזוֹי צוּ כִּיפֶּערְן נָאךְ דֶערְצוּ שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, צִי אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע, צִי זֵיי זֶענֶען מְשׁוּגָע. וואוּ יָאגְט מֶען זִיךְ? הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט ווִיסְן וָואס אִיז דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס בְּלִיק דֶערוּיף?

צוּם בַּאמֶערְקְן אַז אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן פוּן מוֹהֲרָ"אש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען בַּיים סוֹף פוּן די הַקְדָמָה ווִי עֶר שְׁרַייבְּט אַז "דֶער סִידוּר אִיז נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן פַאר הָרָצִים בַּסּוּסִים רֹכְבֵי הָרֶכֶשׁ הָאֲחַשְׁתְּרָנִים בְּנֵי הָרַמָּכִים, פַאר די וָואס כִּיפֶּערְן דֶעם דַאוֶוענֶען" וְכוּ', עַיֵּין שָׁם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** וֵויים נִישְׁט וואוּ דוּ הָאסְט גֶעדַאוֶוענְט און פוּן וֶועלְכֶע שוּל דוּ רֶעדְסְט; אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ הָאט מוֹהֲרָ"אש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט ווִי לַאנְג עֶס זָאל נֶעמֶען דָאס דַאוֶוענֶען. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי דַארְף נֶעמֶען דָאס דַאוֶוענֶען נִישְׁט מֶער ווִי צְוֵויי שָׁעָה; אַוַדַאי אַז מֶען קוּמְט אִין שוּל בַּיי בָּרוּךְ שֶׁאָמַר אָדֶער בַּיי נִשְׁמַת קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט כַאפְּן, עֶס זֶעט אוֹיס ווִי דוּ שְׁרַייבְּסְט (אֶסְתֵּר ח, יד): "הָרָצִים רֹכְבֵי הָרֶכֶשׁ הָאֲחַשְׁתְּרָנִים יָצְאוּ מְבֹהָלִים וּדְחוּפִים", מֶען דַאוֶוענְט שְׁנֶעל

און מֶען כַאפְּט אָפּ דֶעם דַאוֶוענֶען, אָבֶער אַז מֶען קוּמְט צַייטְלִיךְ אִין שוּל, מֶען הויבְּט אָן דָאס דַאוֶוענֶען מִיטְ'ן בַּעַל תְּפִילָּה פוּן אָנְהויבּ, דֶעמָאלְט אִיז זַייעֶר גֶעשְׁמַאק צוּ דַאוֶוענֶען, דָאס דַאוֶוענֶען הָאט אַ טַעַם וִוי זִיסֶע וַואסֶער, מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיט יֶעדֶעם וָוארְט.

**מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ שְׁלֶעפְּן בַּיים דַאוֶוענֶען;** אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ שְׁטֵייט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן נג, סְעִיף יא): אוֹיבּ דֶער בַּעַל תְּפִילָּה דַאוֶונְט שְׁטַייט וַוייל עֶר וִויל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט זַיין קוֹל - אִיז זַייעֶר גְרוֹיס זַיין שְׂכַר, אָבֶער אוֹיבּ עֶר טוּט דָאס סְתַם צוּ וַוייזְן זַיין שֵׁיינֶע קוֹל, אִיז עֶס אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען צִיט אוֹיס דָאס דַאוֶוענֶען קוּמֶען נִישְׁט מֶענְטְשְׁן אִין שוּל.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן נ): "כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בַּבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען. עֶר שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִין דַאוֶוענֶען; דָאס דַאוֶוענֶען הָאט בַּיי אִים אַ טַעַם פוּן "מַיִין מְרִירִין" - בִּיטֶערֶע וַואסֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת טו, כג): "וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתּוֹת מַיִם מִמָּרָה, כִּי מָרִים הֵם", דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דָאס וַואסֶער וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער; בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דֶער פָּסוּק צוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: כִּי מָרִים הֵם, "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען בִּיטֶער, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער וַוייל "זֵיי" זֶענֶען

גֶעוֶוען בִּיטֶער, דָאס וַואסֶער אִיז גֶעוָוארְן בִּיטֶער בַּיי זֵיי אִין מוֹיל. אַז מֶען קוּקְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפְּס, מֶען לִיגְט אִין נִאוּף, אִין בִּיטֶערֶע מַעֲשִׂים, אִיז קַיין שׁוּם וואוּנְדֶער נִישְׁט אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּם דַאוֶוענֶען דַאוֶוענְט מֶען נִישְׁט; מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט אוּן מֶען דַאוֶוענְט נִישְׁט.

**מוֹהַרְאַ"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קֶעגְן שְׁלֶעפְּן דָאס דַאוֶוענֶען; אֲפִילוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען אִיז מַמְלִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, דֶער אָנְהוֹיב פוּנֶעם יָאר, הָאט מוֹהַרְאַ"שׁ אוֹיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט וִוי לַאנְג עֶס זָאל נֶעמֶען דָאס דַאוֶוענֶען - פוּן אַכְט אַזֵייגֶער בִּיז צְוֵויי אַזֵייגֶער.

**מוֹהַרְאַ"שׁ** זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן צוּ דַאוֶוענֶען תְּפִילַּת שַׁחֲרִית רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּן שְׁנַת תשע"ב לִפְרַט קָטָן. מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר אַז אִיךְ דַאוֶוען שְׁנֶעל, "וואוּ אִיז דָא צוּ לוֹיפְן?" - הָאבְּן זֵיי מִיר פָּארְגֶעהַאלְטְן. אִיךְ הָאב אָבֶּער נָאר גֶעטוּן וָואס מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט; מוֹהַרְאַ"שׁ הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעוִויזְן מִיט דִי הֶענְט שְׁנֶעלֶער, שְׁנֶעלֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קנה

## ווי אַזוֹי לָאז איך זיך אָפּ פון מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַּארְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר אַלֶע חִיזוּק און עֵצוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַסַאךְ אִיבֶּער דִי הַארְבְּקַייט פוּן זִיךְ דְרֵייעֶן מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אִיךְ הָאבּ לַיידֶער אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווִי שְׁלֶעכְט זֵיי זֶענֶען, אִיךְ וֵויים אָבֶּער אַז פַאר מִיר אִיז זֵייעֶר שְׁלֶעכְט וֶוען אִיךְ דְרֵיי זִיךְ מִיט זֵיי, און אִיךְ וֵויים נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען אוֹיפְהֶערְן זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן מִיט זֵיי, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ בִּין זֵייעֶר קְלָאר אַז צוּם סוֹף וֶועל אִיךְ זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דֶעם, אִיךְ וֶועל זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף דִי זַאכְן וָואס אִיךְ וֶועל טוּן צוּלִיבּ זֵיי.

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר ווִי אַלֶע בָּחוּרִים, אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט חֲבֵרִים און הָאבְּן פָאן און אִיךְ קֶען זִיךְ שׁוֹין מִיט דִי חֲבֵרִים פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, אָבֶּער ווִי נָאר אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ הֶערְן אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים הָאבּ אִיךְ גֶעכַאפְּט ווִי נִישְׁט גוּט עֶס אִיז פַאר מִיר זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן מִיט זֵיי, מַיין שְׁאֵלָה אִיז נָאר ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זֵיי אָפְּלָאזְן?

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן וֶוען זֵיי הָאבְּן מִיר גֶערוּפְן, אָבֶּער מִיר טְרֶעפְן זִיךְ כְּסֵדֶר אוֹיפְ'ן גַאס, און זֵיי פְרֶעגְן מִיר אַלֶעמָאל פַארְוָואס אִיךְ קוּם נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, און עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער זֵיי אָפְּצוּזָאגְן אִין פָּנִים אַרַיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן נֶעמֶען דִי צַייט מִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן, און נָאכְאַמָאל אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר זָאלְן אַרַיין כַּאפְּן יֶעדְן טָאג תּוֹרָה תְּפִילָה, וַוייל נָאר דָאס וֶועט פוּן אוּנְז אִיבֶּערְבְּלַייבְּן.

**וַויסְן** זָאלְסְטוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, אַ מֶענְטְשׁ אִיז אֵיינֶער אַלֵיין; דִי אַלֶע חֲבֵרִים וָואס מֶען הָאט זֶענֶען גוּט וִוי לַאנְג עֶס גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ צָרָה, דֶעמָאלְט שָׁאקְלֶען זִיךְ אָפּ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע חֲבֵרִים אוּן מֶען בְּלַייבְּט אֵיינֶער אַלֵיין. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ צָרָה, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים בִּזְיוֹנוֹת דֶעמָאלְט קֶען עֶר זֶען צִי עֶר הָאט חֲבֵרִים, אוֹיבּ הָאט עֶר דֶעמָאלְט אַ חָבֵר וָואס רֶעדְט צוּ אִים אוּן אִיז אִים מְחַזֵּק - דָאס אִיז אַ חָבֵר.

**מוֹהֲרָא"שׁ** זָאגְט, מֶען זֶעט בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן יְהוּדָה מִיט תָּמָר, קוֹדֶם שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית לח, א): "וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו", יְהוּדָה אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן זַיינֶע בְּרוּדֶער, "וַיֵּט עַד אִישׁ עֲדֻלָּמִי", עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ מַאן וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטָאט עֲדוּלָּם, נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (שָׁם, יב; כ): יְהוּדָה

הָאט גֶעשִׁיקְט פְּרֶעגְן "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", זַיין חַבֵר פוּן עֲדוּלָם. פַארְוָואס קוֹדֶם שְׁטֵייט סְתָם "אִישׁ עֲדוּלָמִי" דֶער מַאן פוּן עֲדוּלָם, אוּן שְׁפֶּעטֶער שְׁטֵייט "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", זַיין חַבֵר פוּן עֲדוּלָם? זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת, עֶס אִיז אַ בִּזָּיוֹן צוּ רֶעדְן מִיט אִים, דֶעמָאלְט קֶען מֶען זֶען צִי מֶען הָאט חֲבֵרִים, אוֹיבּ אֵיינֶער רֶעדְט מִיט דִיר וֶוען דוּ הָאסְט אַלֶעס פַארְלוֹירְן, בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין וְכוּ' וְכוּ' דָאס אִיז אַ חַבֵר. אָנְהוֹיבּ וֶוען יְהוּדָה הָאט גֶעטְרָאפְן אַ חַבֵר פוּן עֲדוּלָם, רוּפְט אִים נָאכְנִישְׁט דִי תּוֹרָה אָן "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי", ווייל וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט מֶענְטְשְׁן אַרוּם זִיךְ, דָאס אִיז נָאךְ נִישְׁט קַיין חַבֵר, שְׁפֶּעטֶער וֶוען יְהוּדָה הָאט גֶעהַאט זַיין פַּרְשָׁה, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַן עֵצָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "תִּקַּח לָהּ פֶּן נִהְיֶה לָבוּז", עֶס וֶועט זַיין דָא בִּזְיוֹנוֹת, הָאט עֶר וַוייטֶער מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ הֶעלְפְן יְהוּדָה - דָאס הֵייסְט "רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי".

**סְתַם** זִיצְן אוּן פַארְבְּרֶענֶען נֶעבְּט מִיט חֲבֵרִים - דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, דָאס זֶענֶען בְּלוֹיז כְּלוֹמֶר'ישֶׁע חֲבֵרִים; דִי מִינוּט וָואס דוּ וֶועסְט זֵיי נִישְׁט צוּנִיץ קוּמֶען וֶועט מֶען זִיךְ אַוֶועק דְרֵייעֶן דִי פָּנִים פוּן דִיר, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז זִיךְ אָפּ פוּן נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים. נָאךְ אַבִּיסְל דַארְפְסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְן, דֶעמָאלְט הוֹיבְּט זִיךְ אָן דֶער לֶעבְן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט פַארְבְּרֶענֶען דַיינֶע נֶעבְּט מִיט נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים וֶועט דָאס הָאבְן אוֹיף דִיר אַ

שְׁלֶעכְטֶע הַשְׁפָּעָה, עֶס וֶועט דִיר שְׁטֶערְן אוֹיף שְׁפֶּעטֶער. וַוייל וֶוען מֶען טְרָאגְט אָן אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען וִויל וִויסְן צִי דֶער בָּחוּר אִיז אַ וואוילֶער בָּחוּר קוּקְט מֶען וֶוער זַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען, אַזוֹי וִוי עֶס גֵייט דֶער שְׁפְּרִיךְ וָוארְט: "וִוילְסְט מִיר קֶענֶען, קוּק וֶוער מַיין חָבֵר אִיז".

**אַנְשְׁטָאט** גֵיין פַארְבְּרֶענֶען דִי נֶעכְט מִיט חֲבֵרִים בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ, לֶערְן אַבִּיסְל חוּמָשׁ - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ, אוֹיךְ זֶע צוּ זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. מִשְׁנַיוֹת רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיּוֹת "נְשָׁמָה", וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אִיז עֶר זִיךְ מְשַׁנֶה אִינְגַאנְצְן, עֶר וֶוערְט רֵיין.

**מִשְׁנַיוֹת** הָאט אַ סְגוּלָה אַז עֶס שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע בְּלָאטֶע; אַז מֶען זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נֶעמְט עֶס אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִי טִיפְסְטֶע שְׁמוּצִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן אַרַיין גֶעפַאלְן.

**נָאכְדֶעם**, אַז דוּ הָאסְט נָאךְ אַבִּיסְל צַייט, זֶע צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל גְמָרָא; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער נָאמֶען פוּן דִי קְלִיפָּה וָואס מַאכְט אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; דֶערְפַאר אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט

נִישְׁט אִין אָנְהוֹיבּ וָואס דוּ לֶערְנְסְט, נִיטְאַמָאל עִבְרִי מִיט טַייטְשׁ קֶענְסְטוּ, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען, זָאל מֶען וַוייטֶער לֶערְנֶען, מֶען זָאל זָאגְן דִי וֶוערְטֶער בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין".

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ וֶועסְט פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וֶועט דִיר גוּט זַיין אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

# קנו

## אִיבֶּער הָרַב הַצַּדִּיק רֶבִּי אָשֵׁר פְרֵיינְד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה

### שְׁאֵלָה:

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, שְׁנַת חַיִּים וְאֹשֶׁר, הַצְלָחָה מְרֻבָּה אִין אַייעֶרֶע חָשׁוּבֶ'עַ פְּעוּלוֹת לְטוֹבַת דִי בָּחוּרִים אוּן לְטוֹבַת כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אַלְס אַ רוּחְנִיוּת'דִיגֶער מַשְׁפִּיעַ זֶענְט אִיר זִיכֶער בַּאוואוּסְטזִינִיג צוּם פַּאקְט אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, וָואס צְווִישְׁן זֵיי צֵיילְן זִיךְ אַזֶעלְכֶע וָואס גֶעהֶערְן צוּ פַארְשִׁידֶענֶע קְהִילוֹת אוּן טְרִינְקֶען מִיט דָארְשְׁט זֵייעֶרֶע רֶבִּי'ס דִיבּוּרִים - הֶערְן אוֹיס מִיט הֲנָאָה אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים דוּרְךְ דִי קְלִיפְּס וְכוּ' אוּן גֶענִיסְן דֶערְפוּן חִזּוּק, עֵצוֹת אוּן הִילְף. אוּן עֶס טוּט זִיכֶער זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף בַּיי זֵיי, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז וֶוערְטֶער קֶענֶען אַסַאךְ פּוֹעֵל'ן בִּקְדוּשָׁה, אוּן אִיר הָאט אַ גֶעוואַלְדִיגֶע זְכוּת הָרַבִּים. זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן וַוייטֶער, אִיר זָאלְט זֶען אַ בְּרָכָה אִין אַייעֶר אַרְבֶּעט, צוּ מְקָרֵב זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִיט דֶעם אַלֶעם ווִיל אִיךְ אַייךְ אוֹיפְמֶערְקְזַאם מַאכְן אוֹיף אַן אוּמְווִילְנְדִיגֶער טָעוּת ווָאס אִיר הָאט גֶעמַאכְט, מִיט דֶעם ווָאס אִיר הָאט גֶערֶעדְט אִיבֶּער דֶעם צַדִּיק מוֹרִי וְרַבִּי רֶבִּי אָשֵׁר פְּרֵיינְד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ מִיט אַ שְׁטִיקְל לַייכְטְזִינִיגְקַייט.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז רֶבִּי אָשֵׁר אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען פוּל רְדִיפוֹת, הַשְׁפָּלוֹת אוּן הִתְנַגְּדוּת פוּן מֶענְטְשְׁן ווֶעם עֶס אִיז גֶעווֶען שְׁווֶער צוּ הֶערְן דֶעם אֱמֶת פוּנֶעם דְּבַר ה׳, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק מִיטְ׳ן חוֹתָם פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווָאס אִיז אֱמֶת, אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּ שֶׁעמֶען פוּן קֵיינֶעם אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין כָּבוֹד, ווִיבַּאלְד עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַלְס אַ חָשׁוּב׳עֶר מַשְׁפִּיעַ פַאר דִי בְּרֵייטֶע גַאס, ווָאס עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן אַייעֶרֶע דְּרָשׁוֹת אַ כָּבוֹד צוּ דִי יִרְאֵי ה׳ וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, הָאט אִיר זִיכֶער נִישְׁט אִינְזִין גֶעהַאט צוּ פוֹגֵעַ זַיין אִין דֶעם צַדִּיק, נָאר צוּ מְחַזֵּק זַיין דֶעם רַעֲיוֹן אַז רַבֵּינוּ נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אוֹיךְ לִיבּ גֶעהַאט דִי פְּשׁוּט׳עֶ אוּן נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן. אָבֶּער מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט אִיר שְׁטַארְק ווֵיי גֶעטוּן דִי גֶעפִילְן פוּן דִי אָנְהֶענְגֶערְס פוּן רֶבִּי אָשֵׁר ווָאס הֶערְן אוּן זֶענֶען זִיךְ מְחַזֵּק פוּן אַייעֶרֶע חִזּוּק דְּרָשׁוֹת, כְּאִילוּ עֶס רֶעדְט זִיךְ דָא פוּן אֵיינֶער ווָאס אִיז גֶעווָארְן פַארְשֶׁעמְט אוּן הָאט דֶערְפַאר אָפְּגֶעלָאזְט וְכוּ׳; רֶבִּי אָשֵׁר הָאט קֵיינְמָאל אוֹיף אַ רֶגַע נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעווֶען מְקֻשָּׁר צוּ דִי אֱמֶת׳עֶ צַדִּיקִים בְּקֶשֶׁר שֶׁל קַיָּמָא.

נ. ב. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ צוּ רֶעדְן אִיבֶּער רֶבִּי אָשֵׁר, אוּן עֶס אִיז דָא אַסַאךְ ווָאס זִיךְ צוּ לֶערְנֶען פוּן זַיינֶע הַנְהָגוֹת, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נָאר אָנְגֶערִירְט דֶעם שְׁפִּיץ גָאפְּל, ווַייל חֲזָקָה עַל חָבֵר שֶׁאֵינוֹ מוֹצִיא מִתַּחַת יָדוֹ דָּבָר שֶׁאֵינוֹ מְתֻקָּן, אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז דָא ווָאס צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּן פַארְבֶּעסֶערְן, ווַייל נָאר אֵיינֶער ווָאס טוּט נִישְׁט הָאט נִישְׁט ווָאס צוּ פַארְבֶּעסֶערְן אוּן פַארְרֶעכְטְן.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז בַּאוואוּסְט אַז הָרַב הֶחָסִיד רֶבִּי אָשֵׁר זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶועֶן שְׁטַארְק מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶענוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן וְכוּ', בִּפְרָט דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרַיין לֵייגְן אִין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. אָבֶער אַזוֹי ווִי עֶס פֶעלְט נִישְׁט קַיין עַזּוּת פֶּנִים'עֶר בִּכְלַל, אוּן בִּפְרַט אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיין זֶענֶען דָא אַסַאךְ עַזּוּת פֶּנִים'עֶר, הֶפְקֵר מֶענְטְשְׁן - דָאס אִיז גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן מְרוּחָק וֶוערְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן בְּרֶסְלֶב.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע): עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס דוּרְךְ זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים אוּן זֵייעֶרֶע דִּיבּוּרִים זֶענֶען זֵיי גּוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם צַדִּיק; בִּפְרַט דִי נַייעֶ אָנְשִׁיקֶענִישׁ פוּן נַ, נַח, וָואס זֵיי זֶענֶען מְבַזֶּה דֶעם רֶבִּי'ן, וַוייל מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, אוּן זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט מְקוֹרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת צַדִּיק, סִימָן סט): "מִי שֶׁאוֹהֵב אֶת הַצַּדִּיק, צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַצַּדִּיק, שֶׁלֹּא יֵצֵא עָלָיו שֵׁם רָע", וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיס גֵיין אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אוֹיפְ'ן צַדִּיק.

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען דִי סִיבָּה פַארְוָואס הָרַב הַחָסִיד רֶבִּי אָשֵׁר זֵכֶר צַדִיק לִבְרָכָה אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן בְּרֶסְלֶב, ווייל אֵיינֶער פוּן דִי זְקֵנִים הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים מִיט חוּצְפָּה אוּן זִלְזוּל: "ר' אָשֵׁר, דֶער רֶבִּי קֶען אַייך נִישְׁט לַיידְן".

**אִין** אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען משֶׁה וֶועלְוָול, עֶס אִיז אַרוּיס אוֹיף אִים אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען אַז עֶר טוּט שְׁמוּץ, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּינְ'ס צִיוּן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "משֶׁה וֶועלְוָול דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר זָאלְסְט קוּמֶען דָא?" אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן טְשֶׁעהְרִינֶער רָב: "וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרַייסְט אוֹיף אִים, וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא? עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן". וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז עַד הַיּוֹם לַיידְן מִיר פוּן דִי מֶענְטְשְׁן.

**וָואס** מֵיינְסְטוּ, וָואס אִיז דָאס הִתְנַגְּדוּת פוּן סְקְווִירָא אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דִי גַאנְצֶע הִתְנַגְּדוּת? שׁוּלְדִיג אִין דֶעם זֶענֶען דִי עַזּוּת פְּנִים'עֶר פוּן בְּרֶסְלֶב. דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זַייעֶר גֶעהַאלְטְן פוּן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי עֶס בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ. אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט זִיך בַּאקְלָאגְט אַז עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל יֶעדֶע נַאכְט בַּעֲווֹן קֶרִי רַחְמָנָא לִצְלָן, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד זָאל אִים גֶעבְּן אַן

עֵצָה, הָאט אִים דֶער מַגִיד גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר צוּרִיק גֶעקוּמֶען נָאךְ אַפָּאר טֶעג אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט נִישְׁט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְּן אַן אַנְדֶערֶע עֵצָה, אוּן עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דִי עֵצָה הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט, עֶר וֶוערְט נִכְשָׁל בְּמִקְרֶה לַיְלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִיר גֶעבְּן אַ סְגוּלָה וָואס דוּ וֶועסְט שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן צוּרִיקוּמֶען צוּ מִיר, ווייל דִי סְגוּלָה וֶועט דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן", עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם סֵפֶר 'לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן' אוּן אִים גֶעזָאגְט: "לֶערְן יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פוּן דֶעם סֵפֶר, וֶועסְטוּ זִיכֶער וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן פוּן מִקְרֶה לַיְלָה".

וִוי אַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי גַאנְצֶע הִתְנַגְּדוּת? שׁוּלְדִיג זֶענֶען דִי עַזוּת פְּנִים'עֶר פוּן בְּרֶסְלֶב; אִין בַּארְדִיטְשׁוּב הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אַסַאךְ בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידִים, אוּן וֶוען מֶען פָארְט פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב קַיין אוּמַאן פָארְט מֶען אַרִיבֶּער סְקְוִוירָא. וֶוען זֵיי פְלֶעגְן פָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן קַיין אוּמַאן זֶענֶען זֵיי אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי דָוִד'ל מִסְקְוִוירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר פְלֶעגְט זֵיי אַרַיין נֶעמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט אוּן עֶר הָאט זֵיי זֵייעֶר מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט נָאךְ גֶעהֶערְט פוּן אַן אַלְטְן בְּרֶסְלֶב'עֶר אִיד פַאר זֶעבְּצִיג יָאר צוּרִיק וָואס עֶר אִיז גֶעפָארְן מִיט אַ גְרוּפֶּע בְּרֶסְלֶב'עֶר אִידְן קַיין

אוּמַאן, וֶוען זֵיי זֶענֶען דוּרְךְ גֶעפָארְן דִי שְׁטָאט סְקְוִוירָא הָאט דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רֶבִּי דָוִד מִסְקְוִוירָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט, עֶר הָאט גֶעהֵייסְן זַיינֶע חֲסִידִים זֵיי זָאלְן בְּרֶענְגֶען עֶסְן בְּרֵיוַח אוּן אָנְגְרֵייטְן פַאר זֵיי וואו צוּ שְׁלָאפְן.

**זֶענֶען** גֶעוֶוען עַזוּת פְּנִים׳עֶר וָואס פְלֶעגְן רֶעדְן צוּם סְקְוִוירָא׳עֶר רֶבִּי׳ן מִיט חוּצְפָּה, זֵיי פְלֶעגְן אִים רוּפְן בַּיים נָאמֶען וְכוּ׳ אַזוֹי וִוי מֶען רוּפְט אַ חַבֶר: ״... בְּרֶענְג נָאךְ זוּפ״, ״... בְּרֶענְג נָאךְ פְלֵייש״; דֶער פְרִיעֶרְדִיגֶער סְקְוִוירָא׳עֶר רֶבִּי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִזְהָר אִין כִּיבּוּד אָב, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּהֶערְן וִוי מֶען רֶעדְט צוּ זַיין גְרוֹיסֶער טַאטֶע׳ן מִיט זִלְזוּל, וַהֲוָה מַה דַהֲוָה.

**דָאס** זֶעלְבֶּע אִיז גֶעוֶוען אִין רֶבִּי נָתָן׳ס צַייטְן, וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מַחֲלוֹקֶת וְכוּ׳; וֶוער אִיז שׁוּלְדִיג אִין דֶעם? אוֹיךְ אֵיינֶער אַ לֵץ וָואס פְלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן אִינֶעם בְּרֶסְלֶב׳עֶר קְלוֹיז. עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר וָואס עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען קֵיין אֶתְרוֹגִים אִין גַאנְץ אוּקְרַיינֶע, דִי סַאוְורַאנֶער חֲסִידִים הָאבְּן פַארְשַׁאפְט אַן אֶתְרוֹג פַאר זֵייעֶר רֶבִּי פַאר אַסַאךְ גֶעלְט אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעשִׁיקְט מִיט אַ שָׁלִיחַ קֵיין סַאוְורַאן. אוֹיפְ׳ן וֶועג אִיז דֶער שָׁלִיחַ מִיד גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפּ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן; פּוּנְקְט אִיז אַ גוֹי אַרִיבֶּער דָארְט וואו דֶער שָׁלִיחַ אִיז גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם טֵייעֶרְן שַׁאכְטְל אִין וָואס דֶער אֶתְרוֹג אִיז גֶעוֶוען

אַייְנְגֶעפַּאקְט, הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מִן הַסְּתָם לִיגְט דָא אַ טֵייעֶרֶע דִיאַמַאנְט שְׁטֵיין', וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעעֶפְנְט הָאט עֶר גֶעזֶען אַ פְּרִי וָואס עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעמִישְׁט: 'פַארְוָואס פַּאקְט מֶען אַיין אַ פְּרִי אִין אַזַא טֵייעֶרֶע הַאלְטֶער?' הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'מִן הַסְּתָם אִיז דָאס זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּרִי, פַארְדֶעם הָאט מֶען דָאס אַזוֹי טֵייעֶר אַיינְגֶעפַּאקְט', עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְזוּכְן פוּן דֶעם טֵייעֶרְ'ן פְּרִי, הָאט עֶר אַרָאפְּגֶעבִּיסְן דֶעם עֶק פוּנֶעם אֶתְרוֹג, אָבֶער זֶעעֶנְדִיג וִוי בִּיטֶער דָאס אִיז הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן דֶעם פִּטּוּם אוּן צוּרִיק אַיינְגֶעפַּאקְט דֶעם אֶתְרוֹג שְׁטִילֶערְהֵייט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט דֶערְוֶועקְן אוּן בַּאמֶערְקְן וָואס עֶר הָאט דָא גֶעטוּן. לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער שָׁלִיחַ גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם אֶתְרוֹג צוּם רֶבִּי'ן פוּן סַאוְורַאן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ טוּמֶל דָארְט אִין שְׁטוּבּ, זֵיי הָאבְּן אַזוֹי לַאנְג גֶעוַוארְט וֶוען וֶועט שׁוֹין אָנְקוּמֶען דֶעם טֵייעֶרְ'ן אֶתְרוֹג, לְמַעֲשֶׂה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג אָן אַ פִּטּוּם... אַלֶע חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט קֵיין אֶתְרוֹג אוֹיף יוֹם טוֹב.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ לֵץ וָואס הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייְדְט אִין בְּרֶסְלֶב, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיים פֶּענְסְטֶער פוּנֶעם בְּרֶסְלֶב'עֶר בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֶרֶב יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, בִּשְׁעַת מֶען הָאט גֶעדַאוְונְט מִנְחָה אוּן גֶעזָאגְט דִי קָרְבָּנוֹת אוּן "פִּטּוּם הַקְטוֹרֶת"; יֶעדֶעס מָאל עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי סַאוְורַאנֶע חֲסִידִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, הָאט עֶר גֶעשְׁרִיגְן "פִּטּוּם הַק..." "פִּטּוּם הַק..." עֶר הָאט

נִישְׁט גֶעזָאגְט הַקְטוֹרֶת נָאר "הַק..." - דֶער פְּטוּם פוּנֶעם אֶתְרוֹג אִיז אָפְּגֶעהַאקְט. פַאר דִי סַאווְרַאנֶע חֲסִידִים הָאט דָאס זֵייעֶר גֶעבַּאדֶערְט הָאבְּן זֵיי פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידִים הָאבְּן דָאס אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט, זֵיי הָאבְּן אַרָאפְּגֶעבְּרָאכְן דֶעם פְּטוּם פוּן זֵייעֶר רֶבִּינְ'ס אֶתְרוֹג, וְהַבְעָרָה לְלַהֵב יָצָאת, וַהֲוָה מַה דַהֲוָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "מֶען קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף מִיר, מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אוּן אוֹיף אִים קְרִיגְט מֶען; אִיךְ קְרִיג אוֹיךְ אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ - זָאגְט דֶער רֶבִּי, אוֹיף אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס טוּט אַזֶעלְכֶע זַאכְן וָואס טוֹיגְן נִישְׁט קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ"; מֶענְטְשְׁן וֵוייסְן נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דָאס אִיז אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים, אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פָּנִים'עֶר. דָאס מַאכְט אַז יֶעדֶער קְלוּגֶער טַאטֶע אוּן מַאמֶע זָאלְן נִישְׁט מַסְכִּים זַיין אַז זֵייעֶר קִינְד זָאל זִיךְ דְרֵייעֶן אוֹיף אַ פְּלַאץ פוּן מְשׁוּגָעִים אָדֶער אוֹיף אַ פְּלַאץ פוּן עַזּוּת פָּנִים'עֶר, וָואס בֶּאֱמֶת הָאט דָאס נִישְׁט צוּטוּן מִיט בְּרֶסְלֶב, וַוייל אִיבֶּערָאל זֶענֶען דָא עַזּוּת פָּנִים'עֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קנז

## בִּיז וִויפִיל מֶעג מֶען זָאגְן פַאר קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דַארְף מֶען צִיטֶערְן פוּן דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער? הֶערְנְדִיג אַלֶע שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, ווִי דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף אַריינְלֵייגְן אַהֲבָה וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט קֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, הָאבּ אִיךְ אוֹיפְגֶעפַּאסְט אַז וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ מַיינֶע גְרוֹיסֶע קִינְדֶער צִיטֶער אִיךְ פוּן זֵיי, אִיךְ הָאבּ אַ פַּחַד אַז זֵיי קֶענֶען אָפְּפָארְן אוּן מַמָּשׁ יֶעדֶעס וָוארְט דַארְף זַיין גֶעמָאסְטְן אוּן גֶעוואוֹיגְן, וַוייל זֵיי קֶענֶען מִיךְ גוּט צוּפִיקְסְן...

אִיךְ לֵייג בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַריין לִיבְּשַׁאפְט, אָבֶער דָאךְ שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ טוּ עֶס מֶער מֵחֲמַת פַּחַד. אוּן וֶוער רֶעדְט וֶוען אִיךְ זֶע אַז מַיין אִינְגְל אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט עֶפֶּעס וֶוער אִיךְ גָאר שְׁטַארְק דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ ווַייז עֶס חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶער אִיךְ קְלֶער צוּ מִיר: 'רַחְמָנָא לִיצְלָן! אִיךְ לֵייג אֶפְשֶׁר נִישְׁט אַריין גֶענוּג לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפְּפָארְן אִין גֶעצֵיילְטֶע יָאר'.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז פַאר חוּצְפָּה טָאר מֶען נִישְׁט מְוַותֵּר זַיין אוּן מֶען דַארְף זַיין שְׁטְרֶענְג. אִיז אָבֶער דִי שְׁאֵלָה: נָאר חוּצְפָּה? וָואס טוּט זִיךְ וֶוען אַ קִינְד פָּאלְגְט זַיין יֵצֶר הָרָע מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס זַיין שֵׂכֶל אִיז נָאכְנִישְׁט מַשִּׂיג פַארְוָואס מֶען טָאר נִישְׁט, דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן אִים צוּ זָאגְן קְלָאר: "אִיךְ לָאז דִיר דָאס נִישְׁט טוּן אָן קַיין סִיבָּה! דוּ דַארְפְסְט מִיר פָאלְגְן"? בִּקִיצוּר, וָואס אִיז דִי גְבוּל וָואס מֶען זָאל ווִיסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַז דָאס קִינְד אִיז אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן וֶוען מֶען דַארְף ווִיסְן אַז חַס וְשָׁלוֹם צוּ פַּיינִיגְן וַוייל עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "מִן הַזְּהִירוּת - שֶׁלֹּא לְהִזָּהֵר"; דוּ זֶע אַרַיין צוּ לֵייגְן אַסַאךְ לִיבְּשַׁאפְּט אִין דַיינֶע קִינְדֶער אַז זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין אִין שְׁטוּבּ, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צוּ זַיין מִיט דִיר וְכוּ'. זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת; דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת בַּיים טִישׁ, שְׁמוּעֶס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, הֶער אוֹיס זֵייעֶרע מַעֲשִׂיּוֹת, אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר נִישְׁט אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט וְכוּ', זֶע אַז תּוֹרָה וּמִצְוֹת זָאל זַיין אַ פְּרֵיילִיכֶע זַאךְ בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ, נִישְׁט קַיין וֵויינֶעדִיגֶע זַאךְ.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועגְן נָאכְגֶעבְּן קִינְדֶער וְכוּ'; נָאכְגֶעבְּן אַ קִינְד אַלֶעס וָואס עֶר בֶּעט אִיז נִישְׁט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס אִיז אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן עֶלְטֶערְן, אַ שְׁוַואכְקַייט פוּן נִישְׁט קֶענֶען זָאגְן נֵיין. קִינְדֶער וָואס מֶען גֶעבְּט זֵיי אַלֶעס וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אוּן אַלֶעס וָואס זֵיי בֶּעטְן וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, וֶוען זֵיי וֶוערְן עֶלְטֶער קֶענֶען זֵיי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְקוּמֶען מִיטְ'ן לֶעבְּן, וַוייל נִישְׁט אַלֶעס קֶען מֶען הָאבְּן אִין לֶעבְּן, אָבֶּער ווִיבַּאלְד מֶען הָאט זֵיי נָאכְגֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶע'חָלוֹמְ'ט, זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט, קֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְנֶעמֶען דָאס לֶעבְּן.

דוּ מִישְׁט צוּזַאם הודוּ מִיט כּוּשׁ; אַז אַ קִינְד אִיז אוֹיפְגֶעְרֶעגְט

וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הֵייסְן אִים טוּן זַאכְן וָואס עֶר ווִיל נִישְׁט, דָאס הֵייסְט נִישְׁט פַּיינִיגְן; וואוּ קוּמְט אַרֵיין מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט אַרויסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה וֶוען עֶר אִיז אוֹיפְגֶעְרֶעגְט וְכוּ׳, פַּארְקֶערְט, אַז מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵךְ קִינְדֶער, מֶען לָאזְט זֵיי טוּן וָואס זֵיי ווִילְן, דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס גֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, דֶערְפַאר פַארְשְׁטֵיי אִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דוּ פְרֶעגְסְט.

פַּיינִיגְן מֵיינְט וֶוען עֶלְטֶערְן פַארְשֶׁעמֶען דִי קִינְדֶער, מֶען נֶעמְט אַ קִינְד און מֶען רַייסְט אִים אוּנְטֶער; לְמָשָׁל, מֶען ווִיל דֶער קִינְד זָאל אוֹיפְרוּימֶען דִי שְׁטוּב, מֶען זֶעט אַז דֶער קִינְד דְרֵייְדט זִיךְ אַרוֹיס פוּן פָאלְגְן (אַזוֹי ווִי אַלֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער) טָאר מֶען נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען פֶּערְזֶענְלִיךְ: "דוּ וֶועסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן", "דוּ בִּיסְט אַ פוֹילֶער", וְכוּ׳ וְכוּ׳, דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. נָאךְ אַ מָשָׁל, אַז עֶלְטֶערְן ווִילְן מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען וְכוּ׳, טָאר מֶען נִישְׁט אַרָאפּ רַייסְן דִי קִינְדֶער: "דוּ שְׁלָאךְ", "דוּ עֶקְלְדִיגֶע וְכוּ׳" - דָאס הֵייסְט פַּיינִיגְן. עֶלְטֶערְן וָואס טְשֶׁעפֶּען און רַייסְן אַרָאפּ דִי קִינְדֶער, וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט נָאר אַרוֹיסְגֵיין לְתַרְבּוּת רָעָה, נָאר זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן נֶערְוְון קְרַאנְקֶע.

אַזוֹי אוֹיךְ טָאר מֶען נִישְׁט צוּגְלַייכְן אֵיין קִינְד צוּם צְוֵוייטְן; מֶען טָאר נִישְׁט פָּארְהַאלְטְן אַ קִינְד: "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין אַזוֹי ווִי דֶעם שָׁכֵנְ'ס קִינְד?" "פַארְוָואס קֶענְסְטוּ נִישְׁט זַיין צוּזַאמְגֶענוּמֶען אַזוֹי ווִי יֶענֶעם?" 'ווייסְט פַארְוָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין ווִי יֶענֶעם? וַוייל אִיךְ בִּין אִיךְ, און יֶענֶער אִיז יֶענֶער'.

דָאס אַלֶעס הֵייסְט פַּיינִיגְן, אָבֶער פַארְלַאנְגֶען פוּן קִינְדֶער צוּ הֶעלְפְן וְכוּ', דָאס דַארְף מֶען טוּן אוּן דָאס הֵייסְט נִישְט פַּיינִיגְן.

וְעַל כּוּלָם דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער; מוֹהַרְאָ"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם וואו זִי פְּלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער.

## קנח

### וֶוער אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ הָאבּ פוּן אַייךְ, דִי שִׁיעוּרִים גֶעבְּן אַרַיין אִין מִיר אַ נַייעֶ לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דֶעם.

אַזוֹי וִוי עֶס קוּמְט יֶעצְט עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת - דִי יָארְצַייט פוּן רֶבִּי נָתָן, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיר קֶענְט מִיר אוֹיסְקְלֶארְן וֶוער רֶבִּי נָתָן

אִיז גֶעוֶוען, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַז פוּן רֶבִּי'ן הָאט מֶען יָא גֶעהַאלְטְן אָבֶּער פוּן רֶבִּי נָתָן נִישְׁט.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ נָאכְאַמָאל.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ו' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אַז** דוּ ווילְסְט וויסְן וֶוער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען רֶבִּי נָתָן'ס סְפָרִים. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים וָואס אִיז מְחַזֵק יֶעדְן אֵיינֶעם; יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען טְרֶעפְן חִיזוּק אִינֶעם סֵפֶר לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת.

רֶבִּי נָתָן אִיז מְגַלֶּה פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס רַחֲמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיבּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל יֶעדְן אֵיינֶעם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ חַנּוּן וּמַרְבֶּה לִסְלוֹחַ אוּן רֶבִּי נָתָן אִיז טַאקֶע נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן בַּיי דִי וֶוערְטֶער. עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה עֶרֶב שַׁבָּת אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "בָּרוּךְ אַתָּה ה', חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ", הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט אַן אַ שִׁיעוּר מָאל אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִפְטָר גֶעוָוארְן. וַוייל דָאס אִיז גֶעוֶוען רֶבִּי נָתָן - אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר נָאר דָאס מְגַלֶּה גֶעוֶוען פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי אַלֶע וָואס זָאגְן אַז מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן נָאר פוּן רֶבִּי'ן אוּן נִישְׁט פוּן רֶבִּי נָתָן, דִי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שע): "מֶען דַארְף דַאנְקֶען רֶבִּי נָתָן, וַוייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת". נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט מִיר נִישְׁט נָאר נָתָן, אוּן נַפְתָּלִי אַבִּיסְל".

**אַלֶע** סְפָרִים וָואס מִיר הָאבְּן הַיינְט פוּן רֶבִּי'ן אִיז נָאר אַדַאנְק רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; עֶר הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע תּוֹרוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן. דֶער עֶרְשְׁטֶער חֵלֶק לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָאט עֶר גֶעדְרוּקְט בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ פוּן רֶבִּי'ן אוּן דֶער צְווייטֶער חֵלֶק לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן הָאט עֶר גֶעדְרוּקְט נָאכְ'ן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְקוּת.

**בִּכְלַל** דַארְפְסְטוּ וויסְן, אַז וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט אוֹיף צַדִיקִים אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה. אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט עֶר אוֹיס וִוי אַ שֵׁיינֶער אִיד; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז:): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַזּוּת פָּנִים, בְּיָדוּעַ שֶׁנִּכְשַׁל בַּעֲבֵרָה", וֶוער עֶס אִיז אַן עַזּוּת פָּנִים אִיז אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ בַּעַל עֲבֵירָה; וִוי אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶער עַזּוּת פָּנִים וִוי אֵיינֶער וָואס וַוייגְט זִיךְ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִיקֵי אֱמֶת?! וִוי שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּ רֶעדְן אוֹיף צַדִיקֵי עוֹלָם, אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אוּן זַיין גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה?! עֶס אִיז נָאר וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פָּגוּם בִּבְרִית, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים נה, כא): "שָׁלַח יָדָיו בִּשְׁלֹמָיו חִלֵּל בְּרִיתוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט

אויף עֶרְלִיכֶע אִידְן, צַדִיקֵי אֱמֶת, אִיז עֶס וַוייל: "חִלֵּל בְּרִיתוֹ", דֶער מֶענְטְש זִינְדִיגְט אִין הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת; אֲפִילוּ פוּן אִינְדְרוֹיסְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט זֶען, פַארְקֶערְט נָאךְ, דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף צַדִיקֵי אֱמֶת זֶעעֶן אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן וִוי כְּלוֹמֶר'ישֶׁע פְרוּמֶע מֶענְטְשְׁן וְכוּ', דָאךְ זֶענֶען זֵיי פַארְפוֹילְט פוּן אִינֶעוֵוייניג.

**רֶבִּי** נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָכָם מוּפְלָג, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטַארְקֶער מַתְמִיד אוּן בָּקִי אִין שַׁ"ס אוּן אִין אַלֶע פוֹסְקִים, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעקֶענְט אוֹיסֶעוֵוייניג גַאנְץ שַׁ"ס מִיט אַלֶע תּוֹסְפוֹת. בַּיי זַיין בַּר מִצְוָה אִיז עֶר אַ חָתָן גֶעוָוארְן מִיט אַ טָאכְטֶער פוּן הַגָאוֹן הַצַדִיק הָרַב רֶבִּי דָוִד צְבִי אוֹיעֶרְבַּאךְ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען רָב אִין דְרֵיי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט - שַׁארִיגְרַאד, קְרֶעמְנִיץ, מָאהַלִיב; זַיין שְׁוֶוער הָאט גֶעזָאגְט: "מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעטְרָאגְן אַסַאךְ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פַאר מַיין טָאכְטֶער, אָבֶּער אַזַא גְלַאטֶע הַאלְז וִוי נָתָנְ'לֶע הָאבּ אִיךְ נָאךְ נִישְׁט גֶעזֶען".

**בֶּעפָאר** רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר גֶעוֶוען בַּיי אַנְדֶערֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים; עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי בָּרוּךְ'ל מִמֶעזִיבּוּזְש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעפָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי זוּשָׁא מֵהַאנִיפָּאלִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּם צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי מָרְדְכַי מִקְרֶעמִינִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שָׁלוֹם מִפְּרָאבִיטְשׁ אוּן צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מֵחַמֶעלְנִיק זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ; אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן אִים זֵייעֶר מְקַרֵב גֶעוֶוען אוּן זִיךְ מִיט אִים מְשַׁעֲשֵׁעַ גֶעוֶוען.

**צוּם** סוֹף אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם גְרוֹיסְן צַדִיק הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַדוּרְךְ קוּמֶען מִיט דִי בַּארְדִיטְשׁוּבֶע חֲסִידִים. דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַׁת לֵוִי פְלֶעגְט אִים זֵייעֶר לִיבּ הָאבְּן - מִיט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע לִיבְּשַׁאפְט, עֶר פְלֶעגְט אִים רוּפְן בִּלְשׁוֹן חִיבָּה "מַיין נָתָנְ'לֶע", אָבֶּער וְוִיבַּאלְד רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן דִי פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ' מִיט דִי סְעוּדוֹת וְכוּ', עֶר הָאט דָאס אָנְגֶעקוּקְט ווִי מֶען פַארְבְּרֶענְגְט סְתַּם דִי צַייט. עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין מִיט סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס צוּ טוּן, 'וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?' 'וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?' עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן אַ תֵּירוּץ אוֹיף דֶעם.

**בִּיז** אֵיין מָאל אִיז עֶר גֶעזִיצְן מִיט דִי תַּלְמִידִים פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ מִבַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּיי סְעוּדַת מְלַוֶה מַלְכָּה, אוּן מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גוֹרָל צְווִישְׁן זֵיי וֶועם מֶען זָאל שִׁיקְן קוֹיפְן בֵּייגְל, רֶבִּי נָתָן'ס נָאמֶען אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען בַּיים גוֹרָל אַז עֶר דַארְף גֵיין אַיינְקוֹיפְן בֵּייגְל, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן בֵּייגְל פַאר מְלַוֶה מַלְכָּה. אוֹיפְ'ן וֶועג אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'אוֹיף דֶעם בִּין אִיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, צוּ גֵיין קוֹיפְן בֵּייגְל?' עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, עֶר אִיז אַרַיין גֶעקְרָאכְן אִין אַ פַארְמַאכְטֶע שׁוּל דוּרְכְ'ן פֶענְסְטֶער, עֶר אִיז אַרוֹיף אִין וַוייבֶּער שׁוּל וואוּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ תְּהִילִים אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען זָאגְן

קַאפִּיטְל נָאךְ קַאפִּיטְל מִיט גְרוֹיסֶע בְּכִיּוֹת, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וָואס וֶועט זַיין דֶער תַּכְלִית מִיט מִיר?" עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעוֵויינְט בִּיז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן.

**עֶר** חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶר שְׁטֵייט בַּיי אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער, עֶר הוֹיבְּט אָן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ, עֶר קְרִיכְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיף אוּן עֶר פַאלְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס מָאל, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז אַרוֹיף הֶעכֶער אִיז עֶר גֶעפַאלְן שְׁטֶערְקֶער, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיף אַלֶע טְרֶעפּ בִּיז אוֹיבְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, פְּלוּצְלִינְג זֶעט עֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט אִים דִי וֶוערְטֶער: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת".

**שְׁפֶּעטֶער** וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועם עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי עֶר זָאגְט אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן הַאלְט זִיךְ", אִיז נִישְׁט קַיין צְוֵוייטֶער וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַלֵיינְס.

**דֶער** עִיקָר דַארְפְן מִיר פָאלְגְן וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעלָאזְט צַוָואָה; רֶבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת שְׁנַת תר"ה לִפְרָט קָטָן. אַפָּאר שָׁעָה בֶּעפָאר עֶר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער (אוּן דָאס אִיז פַאר אוּנְז אַזוֹי וִוי אַ צַוָואָה פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה): "נוּ, אַז עֶזְרָא הַסוֹפֶר גֵייט אַוֶועק

פוּן דֶער וֶועלְט אוּן טְרֵיף פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַבֵּר, אַזוֹיפִיל ווִי עֶס אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵיף פָּסוּל; נָאר אִיךְ הָאף, אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקוּן אוֹיף אַלְסְדִינְג", אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: "אִיךְ זָאג אַייךְ אָן אַז אַייעֶר עוֹבְדָא זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶס זָאל זַיין 'יָפוּצוּ מַעַיְנוֹתֶיךָ חוּצָה', אִיר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'"; (עֶזְרָא הַסוֹפֵר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת, רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס מְרַמֵז גֶעוֶוען אוֹיף זִיךְ, אַז עֶר הָאט גֶעהַאט נִשְׁמַת עֶזְרָא הַסוֹפֵר).

**דָאס** דַארְפְן מִיר טוּן, עוֹסֵק זַיין אִין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיר זָאלְן זַיין שְׁטַארְק מִיט 'גֶעלְט' מִיט 'רָצוֹן' אוּן מִיט 'טִירְחָא'; דָאס הֵייסְט, אֵיינֶער קֶען בְּרֶענְגֶען גֶעלְט צוּ דְרוּקְן - זָאל עֶר בְּרֶענְגֶען גֶעלְט, אֵיינֶער קֶען קוּמֶען הֶעלְפְן דְרוּקְן - זָאל עֶר קוּמֶען דְרוּקְן, אֵיינֶער קֶען גֵיין בַּיי דִי הַייזֶער מִיט דִי סְפָרִים וְכוּ', יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל צוּ לֵייגְן אַ הַאנְט, הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין מְגַלֶה זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קנט

## ווי אַזוי דאנק איך דעם אייבערשטן אויף די נס מיט ר' שלום מרדכי רובאשקין?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כָּל ווייל איך זיך באדאנקען פאר אייערע געוואלדיגע שיעורים, בִּזְכוּת די שיעורים און די דְרָשׁוֹת האב איך זייער סאך געבעטן און גערעדט צום אייבערשטן, און איך בעט נאך אלץ ברוך ה'.

איך האב אויך זייער פיל געבעטן אז ר' שלום מרדכי רובאשקין נֵרוֹ יָאִיר זאל באפרייט ווערן פון תְּפִיסָה, עס האט מיר זייער געבאדערט אז א איד זיצט אין תְּפִיסָה על לֹא דָבָר, נעכטן האב איך ספּעציעל נאכאמאל אנגעהויבן מתפלל זיין פאר אים, איך האב געטענה'ט מיט'ן אייבערשטן פארוואס זאל רובאשקין זיצן אין תְּפִיסָה, און יעצט הער איך די גוטע נייעס אז ער איז ברוך ה' באפרייט געווארן, ממש איך בין אן א לָשׁוֹן... ווי אזוי קען איך דאנקען דעם אייבערשטן פאר אזא נס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ פאר אלעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**איך האב ערהאלטן דיין בְּריוו.**

**די נס וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אונז אז ר' שלום מרדכי רובאשקין נֵרוֹ יָאִיר איז ארויס פריגע וואך פון תְּפִיסָה - דאס איז א נס פאר גאנץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.**

דִי נֵייעֶס הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטוּרֶעמְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; מִיר הָאבְּן גֶעטַאנְצְן שַׁבָּת נָאךְ אַלֶע תְּפִילוֹת אִין יְשִׁיבָה אוֹיף דִי נִיגוּנִים: "חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ", "פָּדָה בְשָׁלוֹם נַפְשִׁי וְגוֹ', וַאֲנִי אֶבְטַח בָּךְ".

יֶעדֶער אִיד פְרֵיידְט זִיךְ מִיט דִי נֵס; מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס דִי גֶעבֶּעט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מֶען זֶעט אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קֵיין יֵיאוּשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט. דָאס שְׁטַארְקְט אוּנְז אַלֶע מִיר זָאלְן וַוייטֶער בֶּעטְן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן אַ רְפוּאָה אוּן פַאר אַלֶע וָואס דַארְפְן יְשׁוּעוֹת, יֶעדֶע תְּפִילָה קוּמְט אָן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה: "פַּרְשַׁת שָׁלוֹם מָרְדְּכַי בֶּן רִבְקָה". מֶען הָאט גֶענוּמֶען אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ אוּן אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה פַאר לַאנְגֶע יָארְן, אַלֶע אִידְן פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאבְּן גֶעבֶּעטְן פַאר אִים יֶעדְן טָאג בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר אִיז בַּאפְרֵייט גֶעוָוארְן פוּן תְּפִיסָה פְּלוּצְלִינְג, אוּם זֹאת חֲנוּכָּה; דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן אִין זֵיי דִי אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ וָואס צוּ טוּן וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה - חוּץ תְּפִילָה. דָאס וֶועט אוֹיפְבּוֹיעֶן אִין זֵיי אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא פוּן וֶועם צוּ בֶּעטְן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ לוֹ לְבַדּוֹ

רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל וְאֵין רָאוּי לְהִתְפַּלֵּל לְזוּלָתוֹ", אִיךְ גְלֵייבּ אַז וֶוען מֶען דַארְף אַ יְשׁוּעָה דַארְף מֶען נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער** הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ נֵס, זָאל עֶר דָאס דֶערְצֵיילְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, דָאס וֶועט מַאכְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מַאכְן מִיט אִים נָאךְ נִיסִים".

**דֶערְפַאר**, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז ר' שָׁלוֹם מָרְדְּכַי אִיז אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה, דַארְף מֶען שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם נֵס אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּן מִיט אוּנְז נָאךְ נִיסִים.

**מִיר** דַארְפְן אַלֶע גְרוֹיסֶע נִסִים, אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע יִסוּרִים; דִי שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען לֵיידֶער פוּל מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אַז מִיר וֶועלְן דֶערְצֵיילְן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אוּנְז, וֶועט עֶר טוּן מִיט אוּנְז נָאךְ נִיסִים.

**מֶען** זֶעט דִי אַחְדוּת וָואס אִיז דָא בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אִים. אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן פוּן אַנְדֶערֶע קְרַייזְן, מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען, מֶענְטְשְׁן וָואס קֶענֶען אִים נִישְׁט - יֶעדֶער גֵייט אַרוּם מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שִׂמְחָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע נֵס. דָאס וַוייזְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶע אִידְן זֶענֶען פַארְאֵיינִיגְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אַחְדוּת, דָאס וֶועט בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בְּקָרוֹב מַמָּשׁ.

# קס

## אִיךְ פַאל אַסאַךְ דוּרְךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחְמָנָא לִצְלָן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַבִּיסְל דִי בְּרִיוְון וָואס אִיר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט פַאר מֶענְטְשְׁן, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ נָאךְ אוֹיךְ אַן הָאפֶענוּנְג.

שׁוֹין יָארְן וָואס אִיךְ פַאל לֵיידֶער דוּרְךְ מִיט דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵרָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, רַחְמָנָא לִיצְלָן. לֶעצְטְנְס גֵיי אִיךְ לֵיידֶער אוֹיךְ אוֹיף שְׁמוּצִיגֶע פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען מַאכְט מַאסַאדְזְשֶׁעס וְכוּ'. אָבֶער דָאס הַארְץ קְלַאפְּט מִיר זֵייעֶר אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה טוּן; אִיז דָא פַאר מִיר אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן עֲבֵירוֹת אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

אִיךְ הָאף אַז אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁרַייבְּן מַיין נָאמֶען.

אַ גְרוֹיסְן דַאנְק.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דִי עֲבֵרָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע עֲבֵירָה. אַזוֹי וַוייט, אַז**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחְמָנָא לִצְלָן, אִיז חַיָּיב מִיתָה. "רַבִּי יִצְחָק וְרַבִּי אַמִּי אָמְרֵי, כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", רֶבִּי יִצְחָק אוּן רֶבִּי אַמִּי זָאגְן, וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכַת דָּמִים, "רַב אַסִּי אָמַר, כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", רַב אַסִּי זָאגְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחְמָנָא לִצְלָן.

**נָאכְדֶעם** וָואס דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט בְּלַייבְּן דִי טִיפּוֹת צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמא) אַז דִי אַלֶע טִיפּוֹת וָואס מֶען אִיז מוֹצִיא לְבַטָּלָה וְכוּ', זֵיי גֵייעֶן נָאךְ דֶעם מֶענְטְשׁ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט אוּן זֶענֶען אִים מְלַוֶּה וְכוּ', דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע צַעַר אוּן בּוּשָׁה פַארְ'ן מֶענְטְשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן.

וָזייי פַאר דִי וָואס גֵייעֶן צוּ פְלֶעצֶער וואוּ מֶען מַאכְט אַ מַאסַאדְזְשׁ וְכוּ'; מֶען מֵיינְט אַז מֶען הָאט אַ פְרֵיילִיכְן סוֹף וְכוּ'. קוּק וָואס דֶער תּוֹרָה זָאגְט, וָואס דֶער סוֹף אִיז וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵרָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית (בְּרֵאשִׁית מו, יב): "וַיָּמָת עֵר וְאוֹנָן בְּאֶרֶץ כְּנַעַן", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶע'הַרְגֶ'עט עֵר וְאוֹנָן וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵרָה; אוֹיבּ טוּט מֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער בַּיים סוֹף. מֶען הָאט אַ שְׁלֶעכְטֶע סוֹף, אַ בִּיטֶערֶע סוֹף, מֶען וֶוערְט אַלְט אוּן שְׁוַואךְ, מֶען ווערְט אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ אוּן אַ שְׁלֶעכְטֶער

מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז דֶער סוֹף פוּן עֲבֵירוֹת, נִישְׁט ווִי מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ פְרֵיילִיכֶע סוֹף רַחְמָנָא לִצְלָן.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ דַארְפְסְט אַן עֵצָה זִיךְ צוּ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן נִישְׁט צוּ גֵיין אוֹיף דִי פְלֶעצֶער; אַ אִיד אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְרֶעגְן, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה ווֶוען עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּהֶערְן טוּן ווָאס מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן? הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן קי): "עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט צוּ פַארְשְׁטֵיין, אוֹיבּ מֶען ווִיל טוּט מֶען עֶס, אוּן אַז מֶען ווִיל נִישְׁט טוּט מֶען נִישְׁט". שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): "אִיךְ הָאבּ מִיר פַארְצֵייכְנְט ווָאס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט. ווַייל זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דִי קַשְׁיָא, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, דֶערְפַאר מֵיינֶען זֵיי אַז עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז נִישְׁט אַזוֹי, נָאר יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ בְּחִירָה אוּן קֶען אוֹיפְהֶערְן טוּן שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים".

**דָאס** ווָאס דוּ פְרֶעגְסְט צִי דוּ קֶענְסְט נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן; ווָאס אִיז דִי שְׁאֵלָה? זִיכֶער קֶענְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד, עֶר ווַארְט מֶען זָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה יט, ד) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (אִיּוֹב לא, לב): "בַּחוּץ לֹא יָלִין גֵּר"; "אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פּוֹסֵל לִבְרִיָּה, אֶלָּא לַכֹּל הוּא מְקַבֵּל; הַשְּׁעָרִים נִפְתָּחִים בְּכָל שָׁעָה, וְכָל מִי שֶׁהוּא מְבַקֵּשׁ לִכָּנֵס יִכָּנֵס", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווַארְפְט נִישְׁט אַוֶועק קֵיין שׁוּם מֶענְטְשׁ, דִי טִירְן

זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אָפְן, וֶוער עֶס וִויל צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען שְׁטֶענְדִיג צוּרִיקְקוּמֶען צוּ אִים. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת לד.): "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִים, אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִים לַעֲמוֹד שָׁם", אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר קוּמְט אָן אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו צַדִּיקִים קוּמֶען נִישְׁט אָן; וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַרַיין גֶעכַאפְּט בַּיים ס"מ אוּן רַייסְט זִיךְ אַרוֹיס פוּן דָארְט, עֶר קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוֹיבְן אִין הִימְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וואו דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז וִויפִיל מָאל מֶען וִויל שׁוֹין זַיין גוּט פַאלְט מֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרַיין אִין בְּלָאטֶע.

זוּךְ דִיר אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ אַהִינְגֵיין זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין דִיר, אוּן ווִי עֶר וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵרָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאב רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית, אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵרָה אַז עֶס אִיז מִיר שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אַרוֹיסְצוּרַייסְן דֶערְפוּן. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מִיךְ קֶענֶען הִיטְן מַיינֶע אוֹיגְן, גֶעבּ מִיר רֵיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּקְן שְׁמוּצִיגֶע מָאוִוים, שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפֶּס. וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט, דִי תַּאֲוַת נִאוּף פְלַאקֶערְט אִין מִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, גֶעבּ מִיר כֹּחַ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ הָאסְט מִיר לִיבּ. דֶער יֵצֶר הָרָע רֶעדְט מִיר אַיין אַז דוּ בִּיסְט בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ גֵיי אַרוּם מִיט נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען, אִיךְ רֶעד מִיר אַיין אַז דוּ דַארְפְסְט מִיר נִישְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

**אַזוֹי** זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּן אִים, וֶועסְטוּ סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין פְּלָאנְטֶער וואוּ דוּ לִיגְסְט.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טוּן תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

# קסא

**מֶעג אִיךְ לָאזְן מַיין בָּחוּר לֵיינֶען דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף דֶעם סֵייט?**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג לָאזְן מַיין בָּחוּר לֵיינֶען דִי שְׁאֵלוֹת אוֹיף דֶעם "בְּרֶסְלֶב סֶענְטֶער" וֶועבְּסֵייט, אָדֶער אִיךְ דַארְף מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר גֵייט וֶוערְן אוֹיפְגֶעקְלֶערְט?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**עֶס** אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ גֶעבְּן פַאר אַ בָּחוּר אַ קָאמְפְּיוּטֶער, אֲפִילוּ פַאר דִבְרֵי תּוֹרָה; וַוייל עֶר קֶען אָנְקוּמֶען דוּרְכ'ן קָאמְפְּיוּטֶער צוּ נִישְׁט גוּטֶע פְּלֶעצֶער. אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט עֶר זָאל לֵיינֶען דִי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת קֶענְסְטוּ בַּאשְׁטֶעלְן פוּן "קֶרֶן הַדְפָּסָה" דִי קוּנְטְרֵסִים, מֶען דְרוּקְט יֶעדֶע וָואךְ אַלֶע שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אוּן אַלֶע בְּרִיוו, דָאס וֶועט אִים מְחַזֵק זַיין.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ הָאסְט מוֹרָא עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיפְגֶעקְלֶערְט; אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעבֶּעךְ פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים. אֲפִילוּ דוּ זָאלְסְט לֶעבְּן נָאךְ טוֹיזְנְט יָאר

וֶועסְטוּ נִישְׁט ווִיסְן וָואס דַיין זוּן וֵוייסְט שׁוֹין יֶעצְט וְכוּ'; אוֹיבּ עֶפֶּעס וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען פוּן דִי בְּרִיוו יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר וֶועט זֶען אַז עֶר קֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל שֵׂכֶל פַארְ'ן לֶעבְּן צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ וַוייבּ, מִיט קִינְדֶער אוּן מִיט עֶלְטֶערְן וְכוּ'.

**וואוֹיל** אִיז פַאר עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מְחַזֵק זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, בִּפְרַט בָּחוּרִים, וָואס זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן; קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ ווִי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט. נָאר דֶער רֶבִּי הָאט פַאר זֵיי חִיזוּק, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אַרַיין אִין זֵיי אַ הָאפֶענוּנְג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קסב

**סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד; חִינוּךְ הַבָּנוֹת; לִימוּד סִפְרֵי רַבֵּינוּ; שִׁיעוּרִים בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, לְעֶצְמְנֶס בִּין אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק מִיט אַייעֶרֶע גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער אוֹיס יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע שָׁעָה פוּן דִי דְרָשׁוֹת אוּן אִיךְ ווִיל אַייךְ דַאנְקֶען פוּן טִיפְן הַארְצְן פַאר אַלֶעם וָואס אִיר הֶעלְפְּט מִיר אַזוֹי שְׁטַארְק אַרוֹיס, אוּן אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז נָאךְ פִילֶע אִידְן וֶוערְן גֶעהָאלְפְן אוּן מְחוּזָק פוּן דִי דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע זַאכְן:

א. אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן אוּן אִיךְ לֶערְן צְוֵויי סְדָרִים אִין כּוֹלֵל בְּמֶשֶׁךְ דֶעם טָאג, ווייל אִיךְ ווייסְן אוֹיבּ דֶער "סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד" פוּן רֶבִּי'ן אִיז אוֹיךְ נוֹגֵעַ פַאר מִיר, אָדֶער אִיז דָאס נָאר פַאר מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט אַ גַאנְצְן טָאג.

ב. עֶס אִיז מִיר לֶעצְטְנְס גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מַיין עֶרְשְׁטֶע מֵיידְל לְמַזָּל טוֹב, ווייל אִיךְ וויסְן וֶוען עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי חִינוּךְ בַּיי מֵיידְלֶעךְ אוּן וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זֵיי מְחַנֵךְ, לוֹיט דִי הַשְׁקָפָה פוּן רֶבִּי'ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא"ש.

ג. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְקוֹרָב צוּ וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, ווייל אִיךְ וויסְן וֶועלְכֶער סֵפֶר פוּן רֶבִּי'ן אִיךְ זָאל קוֹדֶם לֶערְנֶען.

ד. רְצוֹנֵינוּ לִרְאוֹת אֶת מַלְכֵּינוּ, עֶס אִיז דָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּנְדֶערְטֶער אוּן טוֹיזְנְטֶער אִידְן וֶועלְכֶע וַוארְטְן בְּכִלְיוֹן עֵינַיִם אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל דָא קוּמֶען גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין. אִיךְ בֶּעט אַייךְ בְּכָל לָשׁוֹן שֶׁל בַּקָשָׁה אַז אִיר זָאלְט קוּמֶען אַבִּיסְל דָא קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ מְחַזֵק זַיין דִי אִידְן פוּן דָא.

נָאכְאַמָאל, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**אִיךְ** פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שִׂיחָה וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְךְ,

קֶען מֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. נִישְׁט סְתַם אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיט תַּכְלִית. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג וִוי מִיר קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער דֶרֶךְ הַלִימּוּד פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַ דָבָר הַשָּׁוֶה לְכוּלָם; סֵיי פַאר אַ גוּטֶע קָאפּ אוּן סֵיי פַאר אַ שְׁוַואכֶע קָאפּ. דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן מו): "אִיךְ קֶען וַוייזְן פַארְ'ן גְרֶעסְטְן לַמְדָן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט, אוּן אִיךְ קֶען וַוייזְן פַארְ'ן שְׁוַואכְסְטְן קָאפּ אַז עֶר קֶען יָא לֶערְנֶען".

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶרֶךְ הַלִימּוּד (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ בִּשְׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען. זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיב דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ'. אָבֶּער אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט, וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, מֶען וֶועט קֶענֶען דוּרְכְלֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְמָרָא מִיט אַלֶע פוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, זוֹהַר הַקָדוֹשׁ וְכוּ'.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט צִי דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד אִיז אוֹיךְ פַּאר כוֹלֵל אִינְגֶעלַייט אָדֶער נָאר פַאר שְׁוַואכֶע בָחוּרִים; דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַדְרַבָּה! דֶער לַמְדָן אוּן דֶער מַתְמִיד, וֶוען זֵיי נֶעמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶועג פוּן לֶערְנֶען, קֶענֶען זֵיי אָנְקוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, הָאבְּן זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט פוּן וֶוען עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן חִינוּךְ וְכוּ'; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט: "חִינוּךְ הוֹיבְּט זִיךְ אָן נָאךְ פַּאר דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעבּוֹירְן". קִינְדֶער וָואס זֶעעֶן ווִי דִי עֶלְטֶערְן פִירְן זִיךְ אוֹיף עֶרְלִיךְ, אֵיידֶל וְכוּ' ווֶעלְן זֵיי אוֹיךְ זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. אַ טַאטֶע וָואס גֵייט יֶעדְן טָאג אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג, זֶעעֶן דָאס דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי וֶועלְן דָאס נָאכְמַאכְן. אָבֶּער אַ טַאטֶע וָואס דַאוֶוענְט נִישְׁט, אָדֶער עֶר טוּט אַ טוֹבָה עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ בַּיים וַואנְט אוּן מוּרְמֶעלְט אַפָּאר וֶוערְטֶער וְכוּ' וְכוּ', אָן דִי בְּגָדִים וְכוּ', וֶועלְן דִי קִינְדֶער נִישְׁט גֵיין דַאוֶוענֶען; מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גְרוֹיס, דֶעמָאלְט קֶען מֶען נִישְׁט אָנְכַאפְּן אַ קִינְד אוּן אִים שְׁלֶעפְּן בַּיים אוֹיעֶר אוּן שְׁרַייעֶן: 'גֵיי דַאוֶוענֶען!' נָאר אַז אַ קִינְד זֶעט ווִי דֶער טַאטֶע הָאט אַ גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל אוּן דַאוְונְט, עֶר רֶעדְט נִישְׁט בַּיים דַאוֶוענֶען, אַזַא קִינְד וֶועט אוֹיךְ דַאוֶוענֶען. אָבֶּער אַז דֶער קִינְד זֶעט ווִי

דָאס גַאנְצֶע דַאוְועְנֶען אִיז אַ לֵיצָנוּת בַּיי זַיין טַאטֶע, וֶועט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט דַאוְועְנֶען.

**בְּנוֹגֵעַ** וָואס פַאר אַ סְפָרִים דוּ זָאלְסְט אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען; מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן אִין חַיֵי מוֹהֲרַ"ן, דָאס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין.

**דָאס** וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶוען אִיךְ קוּם אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְכוּ'; עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר מִיר אִיבֶּער צוּ לָאזְן דִי יְשִׁיבָה, בַּיי מִיר אִיז דָאס דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ - זִיצְן מִיט בָּחוּרִים אוּן זֵיי מְחַזֵק זַיין. קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זֵייעֶר צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, זֵיי ווִילְן אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ אוּן עֶס גֵייט זֵיי אַזוֹי שְׁוֶוער.

**אִיךְ** הָאף אִם יִרְצֶה ה' בְּקָרוֹב צוּ קוּמֶען אוֹיף צְוֵויי דְרֵיי טֶעג.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קסג

**פַאר יֶעדְן גֵייט גוּט, נָאר נִישְׁט פַאר מִיר.**

## שְׁאֵלָה:

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאב אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר מָאל וֶועגְן מַיינֶע קִינְדֶער, דִי בָּחוּרִים וֶועלְכֶע פִירְן זִיךְ נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן אַז אִיךְ זֶע אַבִּיסְל אַ יְשׁוּעָה בַּיי בֵּיידֶע בָּחוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן, אִיךְ הָאב מִיט בֵּיידֶע גֶעמַאכְט אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, מִיטְ'ן עֶלְטֶערְן הַאלְט אִיךְ בַּיי מַעֲשֵׂר שֵׁנִי, אוּן מִיטְ'ן צְוֵוייטְן הַאלְט אִיךְ בַּיי יוֹמָא.

דֶער דַאנְק קוּמְט זִיךְ פַאר אַייךְ וָואס אִיר הָאט מִיר אַזוֹיפִיל מְחַזֵק גֶעוֶוען, אוּן גֶעגֶעבְּן הַדְרָכָה אוּן עֵצוֹת ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט זֵיי.

יֶעצְט הָאב אִיךְ אַ קְלֶענֶערֶע נִסָיוֹן, אִיךְ דַארְף זִיךְ אָבֶּער שְׁטַארְקְן אִין דֶעם. מַיינֶע צְווֵיי בָּחוּרִים זֶענֶען אֵיינֶער כִּמְעַט 21 יָאר, אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אִיז 18 יָאר, אָבֶּער מֶען טְרַאכְט נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט פוּן קֵיין שִׁידוּכִים. ווִידֶער אִיז דָא אֵיינֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי מִשְׁפָּחָה, מַיין וַוייבְּ'ס יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער, וָואס זִי מַאכְט יֶעצְט חֲתוּנָה אִיר עֶרְשְׁטֶע קִינְד, מִיט זֵייעֶר אַ נָארְמַאלֶע שֵׁיינֶע שִׁידוּךְ, אַלֶעס גְלַאנְצְט אוּן אַלֶעס אִיז פֵיין.

אִיז יֶעצְט דָא צְווֵיי זַאכְן וָואס בַּאדֶערְן מִיר, אֵיינְס דִי קִנְאָה אַז אִיךְ דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן אַז מַיין בָּחוּר לֶערְנְט כָּאטְשׁ אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת, דָארְט וואוּ עֶר אִיז אִין אִיטַאלְיֶע, אוּן בַּיי זֵיי מַאכְט מֶען אַזַא שֵׁיינֶע שִׁידוּךְ אוּן אַלֶעס אִיז פֵיין. אוּן דִי צְוֵוייטֶע אִיז וֶוען אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי שִׂמְחָה, יֶעדֶער ווּאוּנְטְשְׁט מִיר אָן: "אִם יִרְצֶה ה' בַּיי דִיר אוֹיף שִׂמְחוֹת", יֶעדֶער טְרַאכְט אַז אִיךְ בִּין אַ רַחְמָנוּת אוּן אִיךְ פִיל זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט בַּא'טַעמְ'ט.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת וַיְחִי, ט' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַזֵק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מִיר מוֹדִיעַ זַיין אַז דוּ זֶעסְט שׁוֹין אַ שִׁינוּי לְטוֹבָה בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער.

**עֶס** אִיז זֵייעֶר נַארִישׁ צוּ מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, ווַייל קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיי יֶענֶעם; עֶס קֶען אוֹיסְקוּקְן צוּמָאל פוּן אִינְדְרוֹיסְן אַז בַּיי יֶענֶעם גְלַאנְצְט אַלֶעס, עֶס דַאכְט זִיךְ אַז יֶענֶער אִיז מַצְלִיחַ אִין אַלֶעס, עֶר הָאט שְׁלוֹם בַּיִת, נַחַת וְכוּ'; אָבֶּער בֶּאֱמֶת הָאט דֶער מֶענְטְשׁ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין לֶעבְן, עֶס זֶעט נָאר אַזוֹי אוֹיס פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

**חֲכָמֵינוּ** זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קנב:): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ קִנְאָה - עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין", זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אַז בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דָאס נָאכְן שְׁטַארְבְּן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת גֵייט דָאס אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף לֶעבֶּעדִיגֶע מֶענְטְשְׁן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט קִנְאָה, וֶוערְן אִים זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט נָאךְ בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן עֶסְט עֶר זִיךְ אוֹיף, טְרַאכְטְנְדִיג: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא לֶעבְן ווִי יֶענֶער', 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אַזַא ווַייבּ ווִי יֶענֶער', 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ

נִישְׁט אַזַא הוֹיז ווי יֶענֶער, קִינְדֶער ווִי יֶענֶער'; אָבֶער בֶּאֱמֶת דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וויסְן, אַז אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְן אַזַא וַוייבּ, אַזֶעלְכֶע קִינְדֶער אוּן אַזַא סָארְט שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ', אִיז דָאס דִי בֶּעסְטֶע פַאר אִים, אוּן בֶּעסֶער קֶען נִישְׁט זַיין.

**דָאס** וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דוּ שְׁפִּירְסְט זִיךְ ווִי אַ רַחְמָנוּת וֶוען דוּ גֵייסְט אוֹיף שִׂמְחוֹת אוּן מֶען וואוּנְטְשְׁט דִיר וְכוּ'; וויסְן זָאלְסְטוּ אַז אַ רַחְמָנוּת אִיז נָאר אֵיינֶער וָואס טְרַאכְט אַז עֶר אִיז אַ רַחְמָנוּת. מֶען וֶוערְט נִישְׁט אַ רַחְמָנוּת וֶוען אַ צְוֵוייטֶער הַאלְט דִיר פַאר אַ רַחְמָנוּת, נָאר דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין זֵיי, מֶען הַאלְט זֵיי ווִי אַ רַחְמָנוּת, דָאס קוּמְט וַוייל דִי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַלֵיינְס אַרוּם צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעזֶעצְט. אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע הַשְׁגָחָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דִי סָארְט קִינְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ, אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מַיין וַוייבּ; מַיין פַּרְנָסָה - אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף - אַזַא אֵיינֶער גֵייט נִישְׁט אָן וָואס אַ צְוֵוייטֶער הַאלְט פוּן אִים, וָואס אַ צְוֵוייטֶער קוּקְט אוּן טְרַאכְט אוֹיף אִים. דֶערְפַאר אַז דוּ גֵייסְט צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה אוּן מֶען וואוּנְטְשְׁט דִיר מַזָל טוֹב, זָאלְסְטוּ עֶנְטְפֶערְן: "אָמֵן" בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב, וָואס קֶען דֶען שַׁאטְן אַ בְּרָכָה פוּן אַ צְוֵוייטֶער אִיד?

**אִיךְ** זָאג דָאס שְׁטֶענְדִיג פַאר מַיינֶע תַּלְמִידִים; אַסַאךְ מָאל זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ אוּן עֶס וֶוערְט זֵיי זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם וֶוען זֵיי דַארְפְן גֵיין אוֹיף שִׂמְחוֹת פוּן יוּנְגֶערֶע חֲבֵרִים. זֵיי זָאגְן מִיר: "אִיךְ בִּין נָאךְ אַ בָּחוּר אוּן מַיין חָבֵר רוּפְט מִיר צוּ אַ שָׁלוֹם זָכוּר, צוּ אַ קִידוּשׁ וְכוּ'", אַזוֹי אוֹיךְ בַּאדֶערְט זֵיי וֶוען מֶענְטְשְׁן גֶעבְּן זֵיי חִיזוּק, מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן זֵיי זֵייעֶר נָאמֶען אוּן מַאמֶעס נָאמֶען צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר זֵיי, אוּן דָאס מַאכְט זֵיי שְׁפִּירְן זֵייעֶר אוּמְבַּאקְוֶועם; זָאג אִיךְ זֵיי אַזוֹי: "קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט מַאכְן פַאר אַ רַחְמָנוּת - נָאר דוּ אַלֵיין. אַז דוּ הַאלְסְט זִיךְ פַאר אַ רַחְמָנוּת, אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן נִישְׁט גֵיין צוּ קַיין שִׂמְחוֹת, וֶועסְטוּ צֶעבְרָאכְן וֶוערְן, דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְעֶסְן פוּן צַעַר וְכוּ', וַוייל אַ רַחְמָנוּת וֶוערְט מֶען נִישְׁט דוּרְכְדֶעם וָואס יֶענֶער קוּקְט אוֹיף דִיר, נָאר וִוי אַזוֹי דוּ אַלֵיינְס קוּקְסְט זִיךְ אָן".

**אִיךְ** הָאף אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט וָואס אִיךְ זָאג דִיר אוּן דוּ וֶועסְט אַרוֹיס גֵיין פוּן דַיין קַטְנוּת הַדַעַת אַז דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג, כְּאִילוּ יֶענֶער הָאט עֶפֶּעס מֶער גֶעטוּן וִוי דִיר וְכוּ' אַז בַּיי אִים גְלַאנְצְט אַלֶעס אַזוֹי שֵׁיין אוּן אַלֶעס קְלַאפְּט. דוּ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דַאנְק אִים אוֹיף דִי חֶסֶד אַז דַיינֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען מִיט דִיר.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דַיינֶע קִינְדֶער אוּן שֶׁעפְּן נָאר אִידִישׁ נַחַת פוּן זֵיי, אָמֵן.

# קסד

## ווי אַזוֹי און וָואס דַארְף אַ לֶערֶערִין רֶעדְן אִין קְלַאס צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִידִישׁ לֶערֶערִין פַאר מֵיידְלֶעךְ פוּן 14 - 15 יָאר, אִיךְ הֶער אַייעֶרֶע שִׁיעוּרִים און אִיךְ לֶערְן מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ דִי לִימוּדִים וָואס אִיר לֶערְנְט. אַסַאךְ מֵיידְלֶעךְ בַּאמֶערְקְן עֶס, וַוייל זֵיי הֶערְן אוֹיךְ אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים און זֵיי וֵוייסְן אַז עֶס מוּז זַיין אַז דִי אַלֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס אִיךְ זָאג קוּמְט פוּן דָא.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען נֶעמְט דִי קוּרַאזְשׁ צוּ רֶעדְן צוּ דִי מֵיידְלֶעךְ עִנְיָנֵי צְנִיעוּת און עִנְיָנֵי קְדוּשָׁה; יֶעדְן טָאג אֵיידֶער אִיךְ גֵיי אַרַיין אִין קְלַאס בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הַיינְט רֶעדְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט. אִיךְ וֵוייס אַז מֶען מוּז רֶעדְן און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט וָואס אִיר זֶענְט מְרַמֵז בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אַז אַ לֶערֶערִין מוּז רֶעדְן אָפְן, אָבֶּער ווִי אַזוֹי? עֶס אִיז מַמָשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ!

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ'

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז אַייךְ און וואוֹיל אִיז אַייעֶר חֵלֶק אַז אִיר זֶענְט מְחַנֵךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע**

אִידִישֶׁע מַאמֶעס; אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ח:): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דָּנִיאֵל יב, ג): "וּמַצְדִיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד - אֵלּוּ מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת". אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס וָואס בַּאלַייכְטְן אוּן בַּאשֵׁיינֶען דִי וֶועלְט. מוֹהַרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט דָאס זֵייעֶר שֵׁיין מַסְבִּיר זַיין; פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי מֶען קֶען נִישְׁט צֵיילְן דִי שְׁטֶערְנְס פוּן דֶער וֶועלְט, אַזוֹי קֶען מֶען נִישְׁט צֵיילְן וִויפִיל זְכוּתִים אַ לֶערֶערִין הָאט. וַוייל אַ לֶערֶערִין פְלַאנְצְט אַיין אִין דִי קִינְדֶער תּוֹרָה, יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף אוּן טוּעֶן גוּטֶע זַאכְן גֵייט אַלֶעס אוֹיפְ'ן חֶשְׁבּוֹן פוּן דִי לֶערֶערִין.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט גֶעבְן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר יֶעדֶע מֵיידְל, בִּפְרָט פַאר דִי וָואס קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, פַאר דִי וָואס קוּמֶען פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס מֶען רֶעכְנְט זִיךְ נִישְׁט מִיט זֵיי, זֵיי דַארְפְן זֵייעֶר וִויכְטִיג מֶען זָאל זֵיי זָאגְן אַ גוּט וָוארְט, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל זֵיי דָאס גֶעבְן.

עֶס זֶענֶען לֵיידֶער דָא טִיטְשֶׁערְס וָואס וֶועלְן זִיךְ נֶעמֶען אוֹיף אַ מֵיידְל פוּן אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא אַז דִי מַאמֶע וֶועט פַארְפִירְן אוּן מִיט דִי מֵיידְל שְׁלָאגְט מֶען כַּפָּרוֹת וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג וְכוּ', מֶען לָאזְט אוֹיס

דִי נֶערְוְון אוֹיף דִי סָארְט מֵיידְלֶעךְ רַחְמָנָא לִצְלָן; אִיר זָאלְט זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ גֵיין פַּארְקֶערְט פוּן דֶעם, דַוְקָא פַאר דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע מֵיידְלֶעךְ דַארְף מֶען בְּעִיקָר וַוייזְן אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעבְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, פַאר זֵיי דַארְף מֶען גֶעבְן לִיבְשַׁאפְט.

**אוֹיבּ** מֶען גֶעבְט אַכְטוּנְג אוֹיף דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע קִינְדֶער דֶעמָאלְט הֵייסְט מֶען אַ רִיכְטִיגֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (מִדְרָשׁ שְׁמוֹת רַבָּה ב, ב-ג): דָוִד הַמֶלֶךְ אִיז גֶעוֶוען אַ פַּאסְטוּךְ אַלְץ יוּנְגֶער בָּחוּר; עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִי שְׁוַואכֶע אוּן יוּנְגֶע שֶׁעפֶעלֶעךְ זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן. עֶר פְלֶעגְט קוֹדֶם אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען דִי קְלֵיינֶע שָׁאף צוּ פַּאשֶׁענֶען וַוייל זֵיי הָאבְן נָאךְ נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע צֵיין אוּן זֵיי קֶענֶען נִישְׁט עֶסְן פוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה וָואס דָארְט אִיז זֵייעֶר הַארְט, אַז זֵיי זָאלְן אָפְּעֶסְן דִי וֵוייכֶע תְּבוּאָה. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעעֶפְנְט דִי טִיר פַאר דִי עֶלְטְסְטֶע שָׁאף אַז זֵיי זָאלְן עֶסְן פוּן דִי מִיטֶלְסְטֶע חֵלֶק פוּן דִי תְּבוּאָה, נָאכְדֶעם הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי מִיטֶעלֶע שָׁאף וָואס זֵיי הָאבְן גָאר שַׁארְפֶע צֵיינֶער אוּן זֵיי קֶענֶען עֶסְן דִי הַארְטֶע תְּבוּאָה אוּן אוֹיסְרַייסְן דִי וָוארְצְלֶען. הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט פַאר דָוִד: "דָוִד, אִיךְ זֶע ווִי דוּ הָאסְט רַחְמָנוּת אוֹיף שֶׁעפֶעלֶעךְ, דוּ בִּיסְט רָאוּי צוּ זַיין דֶער מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל", אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים עח, עא): "מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ, לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ, וּבְיִשְׂרָאֵל נַחֲלָתוֹ".

**אַ** טִיטְשֶׁער דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי קְלַאס; אַ טִיטְשֶׁער קֶען נִישְׁט זַיין נָאר טִיטְשֶׁער מִיט דֶעם וָואס זִי לֶערְנְט וָואס

מֶען דַארְף לֶערְנֶען. אַ טִיטְשֶׁער דַארְף וִויסְן וָואס עֶס טוּט זִיךְ צְווִישְׁן דִי מֵיידְלֶעךְ, אַ טִיטְשֶׁער דַארְף בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אַ מֵיידְל וָואס טְרֶעט אוֹיף אַנְדֶערֶע, אֶפְשָׁר הָאבְּן דִי מֵיידְלֶעךְ מוֹרָא פוּן גֶעווִיסֶע מֵיידְלֶעךְ וָואס טְשֶׁעפֶּען וְכוּ', דָאס אִיז דֶער עִיקָר שֶׁבְּעִיקָרִים - אוֹיסְלֶערְנֶען פַאר דִי מֵיידְלֶעךְ מִידוֹת טוֹבוֹת.

**אִיךְ** כַאפּ אָן אַ בֵּיישְׁפִּיל, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען מֵיידְלֶעךְ - בִּפְרַט קְלֵיינֶע מֵיידְלֶעךְ, אַז מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן קַיין סוֹדוֹת אִין קְלַאס, אָדֶער וֶוען אַ צְוֵוייטֶע מֵיידְל שְׁטֵייט נֶעבְּן דִיר, אוּן מֶען לֵייגְט דָאס אַרָאפּ מִיט מַעֲשִׂיוֹת וְכוּ', וַוייל דָאס הֵייסְט טְשֶׁעפֶּען.

**דָאס** וָואס אִיר פְרֶעגְט ווִי אַזוֹי מֶען הָאט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידוֹת פוּן קְדוּשָׁה וְכוּ'; עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם: "הַהֶכְרֵחַ לֹא יְגֻנֶּה", אַז מֶען דַארְף רֶעדְן פוּן דֶעם הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה. אִיךְ וֵויס אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן פוּן דִי עִנְיָנִים וְכוּ', מִיר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים פוּן קְדוּשָׁה, וַוייל מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט אוּן וָואס מֶען רֶעדְט, אָבֶער פָּטוּר בְּלֹא כְלוּם אִי אֶפְשָׁר - מֶען מוּז רֶעדְן.

**וֶוער** עֶס אִיז עוֹסֵק מִיט מֶענְטְשְׁן וְכוּ', וֵוייסְט אַז מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן אַסַאךְ צָרוֹת דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מְנוּוָלִים; זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִיז דָא שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען

און מֶען פְּרוּבִּירְט צוּ זֶען פַארְוָואס דִי מַאן און וַוייב לֶעבְּן נִישְׁט צוּזַאמֶען וְכוּ׳, בִּיז מֶען דֶערְוואוּסְט זִיךְ אַז דָא הָאט אֵיינֶער גֶעטְשֶׁעפֶּעט וְכוּ׳. דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ מֵיידְלֶעךְ זֵיי זָאלְן זִיךְ פִירְן אֵיידְל צְווִישְׁן זִיךְ אַלֵיינְס וד״ל, ווייל אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט ווייסְט מֶען נִישְׁט, און אַז מֶען ווייסְט נִישְׁט קוּמְט מֶען צוּ צוּ טוּן כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ מִצְרַיִם רַחְמָנָא לִצְלָן.

וֶוען מֶען דַארְף אַמָאל גֶעבְּן אַ קְנַס פַאר אַ מֵיידְל, טָאר מֶען נִישְׁט קַנְס׳עֶנֶען מִיט הֵייסְן זָאגְן תְּהִילִים וְכַדוֹמֶה; ווייל וֶוען זֵיי וֶועלְן וֶוערְן עֶלְטֶער וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶועלְן זָאגְן תְּהִילִים, עֶס וֶועט בְּלַייבְּן בַּיי זֵיי אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין מֹחַ אַז תְּהִילִים אִיז אַ קְנַס. מֶען קַנְס׳עֶט לְמָשָׁל, אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַלֶע טוּעֶן וְכוּ׳, וֶועסְטוּ דַארְפְן זִיצְן דָא אִין קְלַאס וֶוען מֶען גֵייט לָאנְטְשׁ וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַייעֶר הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

# קסה

## וואו שְׁטֵייט די מַעֲשֶׂה מִיטְ'ן אָרִימַאן וָואס הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם דֵיימַאנְט שְׁטֵיין?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַייךְ אִיבֶּער אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט גֶעפוּנֶען אַ דֵיימַאנְט אוּן הָאט עֶס פַארְלוֹירְן אוֹיפְ'ן שִׁיף, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דֶערְפוּן שְׁטַארְקֶע חִיזוּק.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ גֶעזוּכְט דִי מַעֲשֶׂה אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן אִין נָאךְ פְּלֶעצֶער, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפוּנֶען. אֶפְשָׁר וָואלְט אִיר מִיר גֶעקֶענְט אָנְוַוייזְן דֶעם מַרְאֵה מָקוֹם וואו דִי מַעֲשֶׂה וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט?

אַ גְרוֹיסֶער דַאנְק פַאר אַייךְ פַאר דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים, מֶען קְרִיגְט פוּן דֶעם אַ נַייעֶ לֶעבְּן.

## תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּנֶעם אָרֶעמַאן וָואס הָאט פַארְלוֹירְן דֶעם דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, וֶוערְט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר; דָארְט וֶועסְטוּ טְרֶעפְן זֵייעֶר שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען, דִי מַעֲשִׂיּוֹת הָאט

עֶר גֶעהֶערְט פוּן זַיין טַאטְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה. אִיךְ וֶועל דִיר שְׁרַייבְּן דִי מַעֲשֶׂה אַז דוּ זָאלְסְט זֶען ווִי שֵׁיין דֶער סוֹף אִיז אוֹיבּ מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ.

**דֶער** רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר סִיפּוּרִים נִפְלָאִים, ב): עֶס אִיז גֶעוֶוען אַן אָרֶעמַאן וָואס הָאט זִיךְ מְפַרְנֵס גֶעוֶוען פוּן פַארְקוֹיפְן עֶרְד צוּ מַאכְן דֶערְפוּן לֵיים, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְזוּכְן דִי סְפֶּעצְיֶעלֶע זַאמְד וָואס מֶען מַאכְט פוּן דֶעם לֵיים, אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס פַארְקוֹיפְן.

**אֵיינְמָאל** בִּשְׁעַת'ן גְרָאבְּן הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע שְׁטֵיין, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דֶעם שְׁטֵיין, הָאבְּן אִים דִי צִירוּנְג סוֹחֲרִים גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז וֶוערְד אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין דִי גַאנְצֶע מְדִינָה אֵיינֶער וָואס זָאל הָאבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן פַאר אַזַא טֵייעֶרֶע דֵיימַאנְט שְׁטֵיין, נָאר אִין לָאנְדָאן אִינֶעם עִיר הַמְּלוּכָה וֶועט מֶען קֶענֶען אָפְּקוֹיפְן פוּן אִים דֶער שְׁטֵיין.

**וַוייבַּאלְד** עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ פָארְן קַיין לָאנְדָאן, הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט אַלֶעס וָואס עֶר הָאט פַארְמָאגְט, בִּיז עֶר הָאט צוּזַאמֶענְגֶעקְלִיבְּן אַבִּיסְל גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט מִיט דִי גֶעלְט גֶעדִינְגֶען אַ פֶערְד אוּן וָואגְן וָואס זָאל אִים פִירְן צוּם יַם פָארְט.

**וָוען** עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פָארְט הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט פַאר אַ טִיקֶעט, אוּן וָוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיפְגֵיין אוֹיפְ'ן שִׁיף וָואס פָארְט קַיין לָאנְדָאן הָאט

מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעלָאזְט, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט. הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן מֶען זָאל אִים צוּלָאזְן צוּם שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן, עֶר הָאט גֶעוויזְן דֶעם דַיימַאנְט שְׁטֵיין פַארְ'ן שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶער בִּיזְנֶעס מַאן אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיטְ'ן קֶענִיג. גְלַייךְ הָאט אִים דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן אַרוֹיפְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן שִׁיף אוּן עֶר הָאט גֶעהֵייסְן דִי מְשָׁרְתִים מֶען זָאל אִים גֶעבְּן דֶעם שֶׁענְסְטְן צִימֶער, אוּן אִים מְכַבֵּד זַיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד.

דֶער אִיד פְלֶעגְט זִיךְ שְׁפִּילְן מִיטְ'ן דַיימַאנְט שְׁטֵיין בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעגֶעסְן, דָאס פְלֶעגְט אִים מַאכְן אַפֶּעטִיטְלִיךְ, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר אַיינְגֶעדְרִימְלְט אִינְמִיטְן עֶסְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט בַּאמֶערְקְט ווִי דֶער מְשָׁרֵת רוֹימְט אָפּ דֶעם טִישׁ מִיטְ'ן דַיימַאנְט אִינְאֵיינֶעם, אוּן אַלֶעס אַרַיין גֶעוָוארְפְן אִין וַואסֶער. דֶער אִיד וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן זֶעט אַז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְלוֹירְן... עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, עֶר אִיז שִׁיעוּר אַרָאפּ פוּן זִינֶען, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'וֶוען דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן וֶועט זִיךְ דֶערְוואוּסְן אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, וֶועט עֶר מִיר אַרַיין וַוארְפְן אִין וַואסֶער, וָואס קֶען אִיךְ דָא טוּן?' הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, עֶר וֶועט זִיךְ מַאכְן כְּאִילוּ עֶר אִיז רַייךְ אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ בַּיי זִיךְ דֶעם דַיימַאנְט שְׁטֵיין.

דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיין קוּמֶען צוּ אִים אִין צִימֶער שְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן דֶער אִיד הָאט זִיךְ וַוייטֶער גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי פְרִיעֶר; אֵיין טָאג

זָאגְט אִים דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן: "אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, ווייל אִיךְ דִיר פַּארְטְרוּיעֶן מִיט אַ גְרוֹיסְן סוֹד, אִיךְ הָאבּ דָא אִינֶעם שִׁיף אַסַאךְ סְחוֹרָה וָואס אִיךְ קֶען נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין לָאנְדָאן, וַוייל מֶען אִיז מִיר חוֹשֵׁד אַז אִיךְ גַנְבֶ'עֶ דָאס, אִיךְ וֶועל עֶס אִיבֶּערְשְׁרַייבְּן אוֹיף דַיין נָאמֶען אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ שְׁפֶּעטֶער פַּארְעֶכֶענֶען". אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶעטוּן; נָאכְן אָנְקוּמֶען קַיין לָאנְדָאן הָאט דֶער שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאקֶע פוּן וָואס עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַלֶע פַּארְמֶעגְנְס וָואס עֶר הָאט אִים אִיבֶּערְגֶעשְׁרִיבְּן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר.

דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דִי דַיימַאנְט שְׁטֵיין אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דֶעם אִיד'ס, וְהָא רְאַיָ' עֶר הָאט דָאס פַּארְלוֹירְן; דִי סְחוֹרָה פוּנֶעם שִׁיף הָאט גֶעהֶערְט פַאר'ן אִיד, וְהָא רְאַיָ' עֶר הָאט דָאס בַּאקוּמֶען; אוּן וִוי אַזוֹי אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַזוֹי רַייךְ? נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן".

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם נִמְשָׁל, וַוייל יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן אַנְדֶערֶע נִמְשָׁל, אוּן אֲפִילוּ בַּיים מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס טוּישְׁט זִיךְ דֶער נִמְשָׁל יֶעדֶע שְׁטִיק צַייט; אֵיינֶער פַארְלִירְט זַיין גֶעלְט, אֵיינֶער פַּארְלִירְט אַ שִׁידוּךְ, אֵיינֶער פַּארְלִירְט קִינְדֶער, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער אִיד הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט פַּארְלוֹירְן דֶעם דַיימַאנְט שְׁטֵיין, עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶעשְׁפִּילְט עוֹשֶׁר, עֶר הָאט וַוייטֶער גֶערֶעדְט מִיטְ'ן שִׁיף'ס קַאפִּיטַאן כְּאִילוּ מֶען

מֵיינְט נִישְׁט אִים, דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן רַייךְ וְכוּ'.

דִי גַאנְצֶע בְּרֶסְלֶב'עֶר חֲסִידוּת בַּאשְׁטֵייט פוּן אֵיין וָוארְט: "הִתְחַזְּקוּת!" אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אוֹיף אִים אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת. דָאס לֶערְנְט אוּנְז דֶער רֶבִּי, מִיר זָאלְן זִיךְ "דֶערְהַאלְטְן" אֲפִילוּ מֶען הָאט גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַזוֹי וִוי דֶער אִיד אוֹיפְ'ן שִׁיף אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, אָן גָארְנִישְׁט, יֶעדֶע רֶגַע קֶען מֶען אִים אַרַיין וַוארְפְן אִין וַואסֶער וְכוּ', דָאךְ אִיז עֶר גֶעזִיצְן אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן קַאפִּיטַאן אַזוֹי וִוי עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אוּן הָאט גֶעשֶׁעפְטְן מִיטְ'ן קֶענִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קסו

## מֶעג מֶען דַאוֶוענֶען נָאךְ חֲצוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ מֶעג דַאוֶוענֶען נָאךְ חֲצוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיְחִי, י' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

## אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח): "וֶוען אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק מִיטְ'ן דַאוֶוענֶען דְרַיי מָאל אַ טָאג, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַ אִיד; דָאס הַאלְט אַ אִיד שְׁטַארְק אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְפַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט".

**דֶער** רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): דָאס אִיז פְּשַׁט וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נד.): עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: "מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הֲוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי", אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן אַ בַּארְג פוּן דְרַיי פַּרְסָה, עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט וַוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס, עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען קְלֵיינֶע וֶוערֶעמְלֶעךְ אוּן גֶעלֶעכֶערְט דֶעם בַּארְג, בִּיז דֶער בַּארְג אִיז אִים אַרַיין גֶעפַאלְן אוֹיפְ'ן הַאלְז אוּן אִים דֶערְשְׁטִיקְט, נָאכְדֶעם אִיז גֶעקוּמֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ שְׁפְּרִינְג אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ קְלַאפּ אוֹיף זַיין פִּיס אוּן אִים גֶע'הַרְג'עֶט. זָאגְט דֶער רֶבִּי, עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן דָאס אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע וָואס עֶר הָאט פַיינְט יֶעדְן אִיד אוּן עֶר ווִיל אִים הַרְג'ֶענֶען, וֶוען עֶר זֶעט אַז אַ אִיד הַאלְט זִיךְ אִין מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל דוּרְךְ ג' פַּרְסָה, דוּרְךְ זַיינֶע דְרַיי תְּפִילּוֹת, זָאגְט עֶר, אִיךְ וֶועל אוֹיסְרַייסְן פוּן אִים דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת אַזוֹי וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל.

**דֶער** יֵצֶר הָרָע פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהוֹיבְּן מְזַלְזֵל זַיין אִין דַאוֶוענֶען; קוֹדֶם הוֹיבְּט דֶער מֶענְטְשׁ אָן צוּ פַארְפַאסְן מִנְחָה מַעֲרִיב, נָאכְדֶעם הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁנַיידְן פוּן שַׁחֲרִית, מֶען וֶוערְט אַ תַּלְמִיד חָכָם - מֶען ווֵייסְט שׁוֹין וָואס אִיז דֶער עִיקָר דַאוֶוענֶען אוּן וָואס אִיז נָאר אַ לְכַתְּחִילָה וְכוּ' וְכוּ', נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען נָאךְ אַ שְׁטַאפֶּל, מֶען טוּט אָן דִי תְּפִילִין אוּן מֶען זָאגְט בְּלוֹיז שְׁמַע יִשְׂרָאֵל מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע דְרֵיי בְּרָכוֹת פוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בִּיז מֶען הֶערְט אוֹיף אִינְגַאנְצְן צוּ דַאוֶוענֶען; אַזוֹי נֶעמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. קוּמְט משֶׁה רַבֵּינוּ וָואס דָאס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר צַדִּיק, עֶר לֶערְנְט אוֹיס פַארְ'ן מֶענְטְשׁ: "גֶעבּ אַ שְׁפְּרִינְג" - "טַאנְץ אַרוֹיס פוּן בֶּעט", אוּן "טַאנְץ אַרַיין אִין שׁוּל", מִיט דֶעם הַרְגֶ'עסְטוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת נח.): "בָּא לְהָרְגְךָ, הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ", לֵייגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ צוּ אֵיין וָוארְט (הַקְדָּמַת תִּקּוּנֵי זֹהַר, ח:): "הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ - בִּצְלוֹתָא"; זֶעט מֶען אַז דוּרְכְ'ן דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב - הַרְגְ'עט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע.

**דֶערְפַאר** זָאלְסְטוּ זֶען צוּ גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף; שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לא): "רָאוּי לְהִזָּהֵר לְהִתְפַּלֵּל תָּמִיד בַּבֹּקֶר הַשְׁכֵּם בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל, כִּי לְפִי גֹּדֶל מַעֲלַת הַתְּפִלָּה, שֶׁיְּקָרָה מַעֲלָתָהּ מְאֹד מְאֹד, מִי יוֹדֵעַ אִם יִזְכֶּה אַחַר כַּךְ לְהִתְפַּלֵּל", מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען גְלַייךְ

וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינֶדערפְרִי, וַוייל דַאוֶוענֶען אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע אוּן טֵייעֶרֶע זַאךְ, אוּן אוֹיב מֶען שְׁטוּפְּט עֶס אָפּ אוֹיף שְׁפֶּעטֶער, וֶוער וֵוייסְט צִי מֶען וֶועט בִּכְלָל דַאוֶוענֶען; דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גְעוֶוען מֶען זָאל גָארְנִישְׁט טוּן פַּאר'ן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר הָאט אַוֶועק גֶעמַאכְט דִי אַלֶע וָואס גְרֵייטְן זִיךְ מִיט הֲכָנוֹת וְכוּ' (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ל).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

# קסז

**מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען צֶעטֵיילְט, אִיךְ דַארְף חִיזּוּק.**

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט פְּרָאבְּלֶעמֶען פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט אַ פְּרָאבְּלֶעם פַּאר אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה. אוּנְזֶער טַאטֶע אִיז לַיידֶער אַוֶועק פוּן אִידִישְׁ'ן דֶרֶךְ, אוּן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער פַּאר אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה הָאבְּן מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זֵיי גֵייעֶן וואוֹינֶען אִין אַנְדֶערֶע הַייזֶער, אוּן פַאר דֶערְוַוייל שְׁלָאפְן מַיין מַאמֶע אוּן טֵייל פוּן מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער אוּן אִיךְ - בַּיי מַיין בַּאבֶּע, אוּן מִיר גֵייעֶן אַפָּאר מָאל צוּ מַיין טַאטֶע אִינְדֶערְהֵיים.

טֵייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ טְרָאג נִישְׁט אַרִיבֶּער דִי צַעַר, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר צוּרִיק שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו מִיט גוּטֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן דֶערְהַאלְטְן.

בָּרוּךְ ה׳ אַז אִיךְ הָאבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מַיין מַאמֶע וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן מִיר אוּן הֶעלְפְן מִיר אַרוֹיס וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם, אוּן אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַ ראֹשׁ יְשִׁיבָה וָואס אִיז מִיר מְחַזֵּק מִיט דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי׳ן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

אַן עֶלְף יֶערִיג אִינְגְל.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת הַ׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיְחִי, י״א טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

**וֶוען** אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט; אוּן וֶוען אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ נָאר פוּן דַיין בְּרִיוו וֵויין אִיךְ.

**אִיךְ** בִּין נֶעכְטְן נַאכְט אַרוֹיס גֶעפָארְן קֵיין קִרְיַת יוֹאֵל - מָאנְרָא גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, דֶערְנָאךְ בִּין אִיךְ אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען צוּם צִיוּן פוּן רַבֵּינוּ הַקָדוֹשׁ מִסַאטְמַאר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ דָארְט גֶעזָאגְט דֶעם יוֹם תְּהִילִים אוּן נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ פָארְגֶעלֵיינְט דַיין בְּרִיוו מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חִזְקִיָּהוּ הַמֶלֶךְ הָאט גֶעטוּן מִיט דִי בְּרִיוו וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען וְכוּ׳, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ לז, יד): ״וַיִּקַּח חִזְקִיָּהוּ אֶת הַסְּפָרִים וְגוֹ׳, וַיִּפְרְשֵׂהוּ חִזְקִיָּהוּ לִפְנֵי ה׳״, חִזְקִיָּהוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ וואוּ עֶר הָאט פָארְגֶעלֵיינְט דֶעם בְּרִיוו אוּן דָאס

גְעווּיזְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר אוּן
פַאר אַלֶע אִידְן וָואס גֵייעֶן אַרִיבֶּער צַעַר אוּן וֵוייטָאג.

דַיין צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער אִיז שְׁרֶעקְלִיךְ; עֶס טוּט דִיר
זַייעֶר וֵויי אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ צֶעטֵיילְט וְכוּ', עֶס
רַייסְט דִיר דַיין הַארְץ אַז דַיין טַאטֶע וִויל זִיךְ נִישְׁט פִירְן אִידִישׁ
אוּן הִיטְן תּוֹרָה וּמִצְווֹת, עֶס וֵוייטָאגְט דִיר אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה
אִיז צֶערִיסְן גֶעוָוארְן וְכוּ'. אִין דַיין בְּרִיוו שְׁרַייבְּסְטוּ מִיר:
"טֵייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ טְרָאג עֶס נִישְׁט
אִיבֶּער..." וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מַיין
הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר, אִיךְ וֵויין מִיט מִיט דִיר.

אִיךְ וִויל דִיר מְחַזֵק זַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר; וִויסְן זָאלְסְטוּ
אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט
נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אוּן מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן
אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען דַארְף אַסַאךְ חַזֶר'ן דִי וֶוערְטֶער: "מִיר וֵוייסְן
גָארְנִישְׁט; מִיר וֵוייסְן אֵיין זַאךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט
דִי וֶועלְט אוּן עֶר טוּט וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אוּנְז"; מִיר
קֶענֶען אֵיין זַאךְ טוּן, מִיר קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז
עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס מוּטְשֶׁען
זִיךְ - יֶעדֶער אֵיינֶער מִיט זַיינֶע צָרוֹת וְכוּ'.

וִויסְן זָאלְסְטוּ טַייעֶרֶער ... אַז מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אִין תְּפִילָה;
מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז מִיט תְּפִילָה קֶען מֶען אַלְסְדִינְג
פּוֹעֵלְ'ן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער
דוֹר, עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה עֶר זָאל

אוּנְז מְחַזֵק זַיין אוּן פְרֵיילִיךְ מַאכְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס הֵייסְט 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַז אַ מֶענְטְש זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בִּפְרַט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן נֶעמְט אָן יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע טְרֶער, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, ו): "וְהִנֵּה נַעַר בֹּכֶה, וַתַּחְמֹל עָלָיו, וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה", זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (שְׁמוֹת יב:): "דְּלֵית לָךְ תַּרְעָא, דְּלָא עָאלִין אִינּוּן דִּמְעִין", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייעֶן אַרוֹיף דִי טְרֶערְן גְלַייךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֵיין שׁוּם טִיר אִיז נִישְׁט פַארְמַאכְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּ אִים; אוּן זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאב אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד אוּן אִיךְ דַארְף אַ טַאטֶע מִיט אַ מַאמֶע; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, עֶס אִיז מִיר אַזוֹי שְׁוֶוער אַז מַיין מִשְׁפָּחָה אִיז צֶערִיסְן, הֶעלְף מַיין טַאטֶע זָאל תְּשׁוּבָה טוּן. מַאךְ מִיר פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מַיין מַאמֶע אַז זִי זָאל הָאבְן כֹּחַ מְחַנֵךְ צוּ זַיין דִי קִינְדֶער אוֹיפְ'ן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט דִי תּוֹרָה, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג הִיטְן שַׁבָּת,

אִיךְ זָאל מִיךְ פְרֵייעֶן מִיט מַיין פֵּיאוֹת, אוּן אִיךְ זָאל זַיין שְׁטָאלְץ מִיט מַיין צִיצִית", זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט ווִי אַ אִיד ווֵיינְט צוּ אִים, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "אַלֶע גְזֵירוֹת זָאל מֶען צֶערַייסְן", עֶר הָאט רַחְמָנוּת אוֹיף אִים אוּן הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס אִין זַיין צָרָה.

**דֶערְפַאר** בֶּעט אִיךְ דִיר, פָאלְג דֶעם רֶבִּי'ן; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר, דֶערְצֵייל אִים אַלֶע דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דֶערְצֵייל אִים אַז דוּ וֶוערְסְט פַארְטְרַאכְט אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מִיט הַאלְטְן אִין חֵדֶר אַזוֹי ווִי אַמָאל. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא צוּ ווֵיינֶען, עֶס אִיז זַייעֶר גוּט אוּן גֶעזוּנְט צוּ וַויינֶען אַבִּיסְל יֶעדְן טָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. שְׁטַארְק דִיר אוּן גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן וֶועלְן תְּשׁוּבָה טוּן וְכוּ'.

**אַז** דוּ וֶועסְט גוּט קוּקְן וֶועסְטוּ זֶען אַז עֶס אִיז מִיט גְרוֹיסֶע חֲסָדִים; מִיט אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס דוּ הָאסְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע נֵס אַז דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶע מַאמֶע תִּחְיֶ' וָואס זִי הֶעלְפְט דִיר אוּן זִי פַארְשְׁטֵייט דִיר, אַזוֹי ווִי דוּ אַלֵיינְס שְׁרַייבְּסְט מִיר אִין דַיין בְּרִיוו אַז דוּ דַאנְקְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דַיין מַאמֶע וְכוּ'.

**אוֹיף** דֶעם וָואס דַיין טַאטֶע פִירְט זִיךְ נִישְׁט אִידִישׁ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז

דַיין טַאטֶע זָאל זִיךְ צוּרִיקקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן, דוּרְךְ תְּפִילָה קֶען מֶען אַלֶעס פּוּעֶלְ'ן.

דִי פָּאר מָאל וָואס דוּ גַייסְט צוּ דַיין טַאטֶע זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְפִירְן צוּ אִים מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; דוּ דַארְפְסְט אִים מְכַבֵּד זַיין, וַוייל אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הֵייסְט דִיר חַס וְשָׁלוֹם מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין, טָארְסְטוּ אִים נִישְׁט צוּהֶערְן. דֶער זֶעלְבֶּער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס זָאגְט אַז מִיר דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע זָאגְט אוֹיךְ אַז אוֹיבּ דֶער טַאטֶע הֵייסְט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין טָאר מֶען נִישְׁט צוּהֶערְן.

דוּ זָאלְסְט זַיין שְׁטַארְק וִוי אַ לֵייבּ נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אַז מֶען לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה, הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין לֶעבְּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דִי אַלֶע וָואס גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה זֶענֶען נֶעבֶּעךְ זַייעֶר צֶעקְלַאפְּטֶע מֶענְטְשְׁן; זֵיי מֵיינֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין פְרֵייליךְ וֶוען מֶען אִיז אַ אִיד, זֵיי מֵיינֶען אַז דֶער גוֹי לֶעבְּט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן וִוי דֶער אִיד, דֶערְפַאר לָאזְן זֵיי אָפּ דִי תּוֹרָה, הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער, אַז אוֹיבּ מֶען הִיט נִישְׁט דִי תּוֹרָה, מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, דֶעמָאלְט הָאט מֶען נִישְׁט קֵיין לֶעבְּן; דָאס לֶעבְּן וֶוערְט נֶעבֶּעךְ אוֹיס, מֶען פַארְלִירְט אַלֶעס אוּן מֶען בְּלַייבְּט אֵיינֶער אַלֵיין, מֶען הָאט נִישְׁט נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט.

**אִיךְ** פְרֵיי מִיר זַייעֶר אַז דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיווּ, און אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיווּ, לְכָל הַפָּחוֹת אֵיין מָאל אַ וָואךְ, און אִיךְ וֶועל דִיר מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

**הַצְלָחָה רַבָּה.**

## קסה

**מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן אַ דְרֵיי יֶערִיג אִינְגְל.**

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַזוֹי וִוי אִיךְ שֶׁער אִם יִרְצֶה הַשֵׁם אָפּ מֵיין אִינְגְל דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס עֶס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים אָפְּשֶׁערְן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ.

### תְשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

**אִיךְ** הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

**הָאסְט** מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן הַנְהָגוֹת וָואס מֶען טוּט אִינֶעם טָאג וָואס מֶען שֶׁערְט אָפּ אַ קִינְד בַּיי דִי דְרֵיי יָאר.

מֶען פִּירְט זִיךְ אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיין גוֹיִם אִינֶעם טָאג וָואס עֶר וֶוערְט דְרֵיי יָאר, דֶערְפַאר וֶוען מֶען טְרָאגְט אִים אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר ווִיקְלְט מֶען אִים אַרוּם מִיט אַ טַלִית, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיין גוֹיִם.

מֶען פִּירְט זִיךְ צוּ גֵיין אִין חֵדֶר; דֶער מְלַמֵד זָאגְט מִיטְ'ן קִינְד א-ב, אוּן נָאכְדֶעם שְׁמִירְט דֶער מְלַמֵד אָן דִי א-ב מִיט הָאנִיג, אוּן דָאס קִינְד לֶעקְט אָפּ דִי הָאנִיג פוּן דִי א-ב.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֶה הַקָטָן גָדוֹל יִהְיֶ', עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד וָואס הָאט זֵייעֶר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווִי אַזוֹי הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיכֶע אִידְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶערִיסְן פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ טְרֶערְן פַארְגָאסְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען נַחַת פוּן זֵיי, אִיךְ פְלֶעג וֵויינֶען יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אַסַאךְ נַחַת פוּן דַיינֶע קִינְדֶער, דוּ מִיט דַיין וַוייבּ גֶעזוּנְטֶערְהֵייט, בִּזְכוּת וָואס דוּ דְרוּקְסְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

**יֶעצְט** קוּמֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִי"ם; זֶע צוּ דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים אוֹיף שׁוֹבָבִי"ם, סַיי אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּן אוֹיךְ אוֹיף אִידִישׁ, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער זֵייעֶר גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלֵייט, אוּן נָאר דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בְּלָאזְט אַרַיין אִין זֵיי אַ הָאפֶענוּנְג אוֹיף וַוייטֶער.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

סוֹד ה' לִירֵאָיו וּבְרִיתוֹ לְהוֹדִיעָם
זֶה שְׁמוֹ נָאֶה לוֹ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

תִּקּוּן נוֹרָא וְנִפְלָא מְאֹד מְאֹד
לִכְלָלִיּוּת הַחֲטָאִים
וְהוּא פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִיצְלָן

וּמְסֻגָּל מְאֹד גַּם לְפַרְנָסָה וּלְהַצְלָחָה
בְּכָל הָעִנְיָנִים בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת
אַשְׁרֵי מִי שֶׁיֹּאמְרֵם בְּכָל יוֹם

יִסְּדוֹ תִּקְּנוֹ וְגִלּוֹ, וְצִוָּה לְפַרְסְמוֹ לְכָל יִשְׂרָאֵל
רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אוֹר הַגָּנוּז וְהַצָּפוּן
בּוּצִינָא קַדִּישָׁא עִלָּאָה, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
## זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

קרן הדפסה
היכל הקודש

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

טוב לומר זאת לפני אמירת העשרה מזמורים:

הֲרֵינִי מְקַשֵּׁר עַצְמִי בַּאֲמִירַת הָעֲשָׂרָה מִזְמוֹרִים אֵלּוּ לְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שֶׁבְּדוֹרֵנוּ, וּלְכָל הַצַּדִּיקִים הָאֲמִתִּיִּים שׁוֹכְנֵי עָפָר, קְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה, וּבִפְרָט לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ צַדִּיק יְסוֹד עוֹלָם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, רַבֵּנוּ **נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא**, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שֶׁגִּלָּה תִּקּוּן זֶה.

לְכוּ נְרַנְּנָה לַיהֹוָה נָרִיעָה לְצוּר יִשְׁעֵנוּ: נְקַדְּמָה פָנָיו בְּתוֹדָה בִּזְמִירוֹת נָרִיעַ לוֹ: כִּי אֵל גָּדוֹל יְהֹוָה וּמֶלֶךְ גָּדוֹל עַל כָּל אֱלֹהִים:

קודם שיתחיל תהלים יאמר זה:

הֲרֵינִי מְזַמֵּן אֶת פִּי לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל וּלְשַׁבֵּחַ אֶת בּוֹרְאִי לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּהּ בִּדְחִילוּ וּרְחִימוּ עַל־יְדֵי הַהוּא טָמִיר וְנֶעֱלָם בְּשֵׁם כָּל יִשְׂרָאֵל:

## טז.

**מִכְתָּם** לְדָוִד שָׁמְרֵנִי אֵל כִּי־חָסִיתִי בָךְ: אָמַרְתְּ לַיהֹוָה אֲדֹנָי אָתָּה, טוֹבָתִי בַּל־עָלֶיךָ: לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ הֵמָּה, וְאַדִּירֵי כָּל־חֶפְצִי־בָם: יִרְבּוּ עַצְּבוֹתָם אַחֵר מָהָרוּ, בַּל־אַסִּיךְ נִסְכֵּיהֶם מִדָּם, וּבַל־אֶשָּׂא אֶת־שְׁמוֹתָם עַל־שְׂפָתָי: יְהֹוָה מְנָת חֶלְקִי וְכוֹסִי, אַתָּה תּוֹמִיךְ גּוֹרָלִי: חֲבָלִים נָפְלוּ־לִי בַּנְּעִמִים, אַף־נַחֲלָת שָׁפְרָה עָלָי: אֲבָרֵךְ אֶת־יְהֹוָה אֲשֶׁר יְעָצָנִי, אַף לֵילוֹת יִסְּרוּנִי כִלְיוֹתָי: שִׁוִּיתִי יְהֹוָה לְנֶגְדִּי תָמִיד, כִּי מִימִינִי בַּל־אֶמּוֹט: לָכֵן שָׂמַח לִבִּי וַיָּגֶל כְּבוֹדִי, אַף־בְּשָׂרִי יִשְׁכֹּן לָבֶטַח: כִּי לֹא־תַעֲזֹב

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

נַפְשִׁי לִשְׁאוֹל, לֹא־תִתֵּן חֲסִידְךָ לִרְאוֹת שָׁחַת: תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים שֹׂבַע שְׂמָחוֹת אֶת־פָּנֶיךָ נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח:

## לב.

לְדָוִד מַשְׂכִּיל, אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה: אַשְׁרֵי־אָדָם, לֹא יַחְשֹׁב יְהוָֹה לוֹ עָוֹן, וְאֵין בְּרוּחוֹ רְמִיָּה: כִּי הֶחֱרַשְׁתִּי בָּלוּ עֲצָמָי, בְּשַׁאֲגָתִי כָּל־הַיּוֹם: כִּי יוֹמָם וָלַיְלָה תִּכְבַּד עָלַי יָדֶךָ, נֶהְפַּךְ לְשַׁדִּי בְּחַרְבֹנֵי קַיִץ סֶלָה: חַטָּאתִי אוֹדִיעֲךָ, וַעֲוֹנִי לֹא־כִסִּיתִי, אָמַרְתִּי אוֹדֶה עֲלֵי פְשָׁעַי לַיהוָֹה, וְאַתָּה נָשָׂאתָ עֲוֹן חַטָּאתִי סֶלָה: עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל־חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא, רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ: אַתָּה סֵתֶר לִי*) מִצַּר תִּצְּרֵנִי רָנֵּי פַלֵּט תְּסוֹבְבֵנִי סֶלָה: אַשְׂכִּילְךָ וְאוֹרְךָ בְּדֶרֶךְ זוּ תֵלֵךְ אִיעֲצָה עָלֶיךָ עֵינִי: אַל תִּהְיוּ כְּסוּס כְּפֶרֶד אֵין הָבִין בְּמֶתֶג־וָרֶסֶן עֶדְיוֹ לִבְלוֹם בַּל קְרֹב אֵלֶיךָ: רַבִּים מַכְאוֹבִים לָרָשָׁע, וְהַבּוֹטֵחַ בַּיהוָֹה חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ: שִׂמְחוּ בַיהוָֹה וְגִילוּ צַדִּיקִים וְהַרְנִינוּ כָּל־יִשְׁרֵי־לֵב:

## מא.

לַמְנַצֵּחַ מִזְמוֹר לְדָוִד: אַשְׁרֵי מַשְׂכִּיל אֶל־דָּל בְּיוֹם רָעָה יְמַלְּטֵהוּ יְהוָֹה: יְהוָֹה יִשְׁמְרֵהוּ וִיחַיֵּהוּ וְאֻשַּׁר בָּאָרֶץ, וְאַל תִּתְּנֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אֹיְבָיו: יְהוָֹה יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי. כָּל מִשְׁכָּבוֹ הָפַכְתָּ בְחָלְיוֹ: אֲנִי־אָמַרְתִּי יְהוָֹה חָנֵּנִי, רְפָאָה נַפְשִׁי כִּי חָטָאתִי לָךְ: אוֹיְבַי יֹאמְרוּ רַע לִי מָתַי יָמוּת וְאָבַד שְׁמוֹ: וְאִם־בָּא לִרְאוֹת,

---

אחר 'אתה סתר לי' - צריך להפסיק מעט (עיין בלקו"מ ח"א סי' רי"ג)

שָׁוְא יְדַבֵּר, לִבּוֹ יִקְבָּץ־אָוֶן לוֹ, יֵצֵא לַחוּץ יְדַבֵּר: יַחַד עָלַי יִתְלַחֲשׁוּ כָּל־שֹׂנְאָי, עָלַי יַחְשְׁבוּ רָעָה לִי: דְּבַר־בְּלִיַּעַל יָצוּק בּוֹ, וַאֲשֶׁר שָׁכַב לֹא־יוֹסִיף לָקוּם: גַּם־אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר־בָּטַחְתִּי בוֹ, אוֹכֵל לַחְמִי, הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב: וְאַתָּה יְהוָֹה חָנֵּנִי וַהֲקִימֵנִי, וַאֲשַׁלְּמָה לָהֶם: בְּזֹאת יָדַעְתִּי כִּי־חָפַצְתָּ בִּי, כִּי לֹא־יָרִיעַ אֹיְבִי עָלָי: וַאֲנִי, בְּתֻמִּי, תָּמַכְתָּ בִּי, וַתַּצִּיבֵנִי לְפָנֶיךָ לְעוֹלָם: בָּרוּךְ יְהוָֹה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מֵהָעוֹלָם וְעַד הָעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן:

# מב.

לַמְנַצֵּחַ מַשְׂכִּיל לִבְנֵי קֹרַח: כְּאַיָּל תַּעֲרֹג עַל־אֲפִיקֵי־מָיִם, כֵּן נַפְשִׁי תַעֲרֹג אֵלֶיךָ אֱלֹהִים: צָמְאָה נַפְשִׁי לֵאלֹהִים לְאֵל חָי, מָתַי אָבוֹא וְאֵרָאֶה פְּנֵי אֱלֹהִים: הָיְתָה לִּי דִמְעָתִי לֶחֶם יוֹמָם וָלָיְלָה בֶּאֱמֹר אֵלַי כָּל הַיּוֹם, אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: אֵלֶּה אֶזְכְּרָה וְאֶשְׁפְּכָה עָלַי נַפְשִׁי, כִּי אֶעֱבֹר בַּסָּךְ, אֶדַּדֵּם עַד־בֵּית אֱלֹהִים בְּקוֹל־רִנָּה וְתוֹדָה, הָמוֹן חוֹגֵג: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וַתֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִלִי לֵאלֹהִים כִּי עוֹד אוֹדֶנּוּ יְשׁוּעוֹת פָּנָיו: אֱלֹהַי, עָלַי נַפְשִׁי תִשְׁתּוֹחָח עַל־כֵּן אֶזְכָּרְךָ מֵאֶרֶץ יַרְדֵּן, וְחֶרְמוֹנִים, מֵהַר מִצְעָר: תְּהוֹם־אֶל־תְּהוֹם קוֹרֵא לְקוֹל צִנּוֹרֶיךָ, כָּל מִשְׁבָּרֶיךָ וְגַלֶּיךָ עָלַי עָבָרוּ: יוֹמָם יְצַוֶּה יְהוָֹה חַסְדּוֹ וּבַלַּיְלָה שִׁירֹה עִמִּי, תְּפִלָּה לְאֵל חַיָּי: אוֹמְרָה לְאֵל סַלְעִי לָמָה שְׁכַחְתָּנִי, לָמָּה־קֹדֵר אֵלֵךְ, בְּלַחַץ אוֹיֵב: בְּרֶצַח בְּעַצְמוֹתַי חֵרְפוּנִי צוֹרְרָי, בְּאָמְרָם אֵלַי כָּל הַיּוֹם אַיֵּה אֱלֹהֶיךָ: מַה־תִּשְׁתּוֹחֲחִי נַפְשִׁי וּמַה־תֶּהֱמִי עָלָי הוֹחִילִי לֵאלֹהִים כִּי־עוֹד אוֹדֶנּוּ, יְשׁוּעֹת פָּנַי וֵאלֹהָי:

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

## נט.

לַמְנַצֵּחַ אַל תַּשְׁחֵת לְדָוִד מִכְתָּם, בִּשְׁלֹחַ שָׁאוּל וַיִּשְׁמְרוּ אֶת־הַבַּיִת לַהֲמִיתוֹ: הַצִּילֵנִי מֵאֹיְבַי אֱלֹהָי, מִמִּתְקוֹמְמַי תְּשַׂגְּבֵנִי: הַצִּילֵנִי מִפֹּעֲלֵי אָוֶן וּמֵאַנְשֵׁי דָמִים הוֹשִׁיעֵנִי: כִּי הִנֵּה אָרְבוּ לְנַפְשִׁי יָגוּרוּ עָלַי עַזִּים, לֹא־פִשְׁעִי וְלֹא־חַטָּאתִי יְהֹוָה: בְּלִי־עָוֺן יְרֻצוּן וְיִכּוֹנָנוּ, עוּרָה לִקְרָאתִי וּרְאֵה: וְאַתָּה יְהֹוָה־אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל, הָקִיצָה לִפְקֹד כָּל־הַגּוֹיִם אַל־תָּחֹן כָּל־בֹּגְדֵי אָוֶן סֶלָה: יָשׁוּבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הִנֵּה יַבִּיעוּן בְּפִיהֶם, חֲרָבוֹת בְּשִׂפְתוֹתֵיהֶם, כִּי־מִי שֹׁמֵעַ: וְאַתָּה יְהֹוָה תִּשְׂחַק־לָמוֹ, תִּלְעַג לְכָל־גּוֹיִם: עֻזּוֹ, אֵלֶיךָ אֶשְׁמֹרָה, כִּי אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי: אֱלֹהֵי חַסְדִּי יְקַדְּמֵנִי אֱלֹהִים יַרְאֵנִי בְשֹׁרְרָי: אַל־תַּהַרְגֵם פֶּן־יִשְׁכְּחוּ עַמִּי, הֲנִיעֵמוֹ בְחֵילְךָ וְהוֹרִידֵמוֹ, מָגִנֵּנוּ אֲדֹנָי: חַטַּאת־פִּימוֹ דְּבַר־שְׂפָתֵימוֹ וְיִלָּכְדוּ בִגְאוֹנָם, וּמֵאָלָה וּמִכַּחַשׁ יְסַפֵּרוּ: כַּלֵּה בְחֵמָה, כַּלֵּה וְאֵינֵמוֹ וְיֵדְעוּ כִּי־אֱלֹהִים מֹשֵׁל בְּיַעֲקֹב, לְאַפְסֵי הָאָרֶץ סֶלָה: וְיָשֻׁבוּ לָעֶרֶב יֶהֱמוּ כַכָּלֶב, וִיסוֹבְבוּ עִיר: הֵמָּה יְנִיעוּן לֶאֱכֹל, אִם־לֹא יִשְׂבְּעוּ וַיָּלִינוּ: וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ, וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, כִּי־הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי, וּמָנוֹס, בְּיוֹם צַר־לִי: עֻזִּי אֵלֶיךָ אֲזַמֵּרָה, כִּי־אֱלֹהִים מִשְׂגַּבִּי אֱלֹהֵי חַסְדִּי:

## עז.

לַמְנַצֵּחַ עַל־יְדוּתוּן לְאָסָף מִזְמוֹר: קוֹלִי*) אֶל־אֱלֹהִים וְאֶצְעָקָה, קוֹלִי אֶל־אֱלֹהִים וְהַאֲזִין אֵלָי: בְּיוֹם צָרָתִי אֲדֹנָי דָּרָשְׁתִּי,

*) באמרך 'אל אלהים' תכוון המילוי כזה: אל"ף למ"ד אל"ף למ"ד ה"י יו"ד מ"ם

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יָדִי לַיְלָה נִגְּרָה וְלֹא תָפוּג מֵאֲנָה הִנָּחֵם נַפְשִׁי: אֶזְכְּרָה אֱלֹהִים וְאֶהֱמָיָה, אָשִׂיחָה, וְתִתְעַטֵּף רוּחִי סֶלָה: אָחַזְתָּ שְׁמֻרוֹת עֵינָי, נִפְעַמְתִּי וְלֹא אֲדַבֵּר: חִשַּׁבְתִּי יָמִים מִקֶּדֶם, שְׁנוֹת עוֹלָמִים: אֶזְכְּרָה נְגִינָתִי בַּלָּיְלָה, עִם־לְבָבִי אָשִׂיחָה, וַיְחַפֵּשׂ רוּחִי: הַלְעוֹלָמִים יִזְנַח אֲדֹנָי וְלֹא־יֹסִיף לִרְצוֹת עוֹד: הֶאָפֵס לָנֶצַח חַסְדּוֹ, גָּמַר אֹמֶר לְדֹר וָדֹר: הֲשָׁכַח חַנּוֹת אֵל, אִם־קָפַץ בְּאַף רַחֲמָיו סֶלָה: וָאֹמַר חַלּוֹתִי הִיא, שְׁנוֹת יְמִין עֶלְיוֹן: אֶזְכּוֹר מַעַלְלֵי יָהּ, כִּי אֶזְכְּרָה מִקֶּדֶם פִּלְאֶךָ: וְהָגִיתִי בְכָל־פָּעֳלֶךָ וּבַעֲלִילוֹתֶיךָ אָשִׂיחָה: אֱלֹהִים בַּקֹּדֶשׁ דַּרְכֶּךָ, מִי־אֵל גָּדוֹל כֵּאלֹהִים: אַתָּה הָאֵל עֹשֵׂה פֶלֶא הוֹדַעְתָּ בָעַמִּים עֻזֶּךָ: גָּאַלְתָּ בִּזְרוֹעַ עַמֶּךָ, בְּנֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף סֶלָה: רָאוּךָ מַּיִם אֱלֹהִים, רָאוּךָ מַּיִם יָחִילוּ אַף יִרְגְּזוּ תְהֹמוֹת: זֹרְמוּ מַיִם עָבוֹת קוֹל נָתְנוּ שְׁחָקִים, אַף־חֲצָצֶיךָ יִתְהַלָּכוּ: קוֹל רַעַמְךָ בַּגַּלְגַּל, הֵאִירוּ בְרָקִים תֵּבֵל, רָגְזָה וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ: בַּיָּם דַּרְכֶּךָ וּשְׁבִילְךָ בְּמַיִם רַבִּים, וְעִקְּבוֹתֶיךָ לֹא נֹדָעוּ: נָחִיתָ כַצֹּאן עַמֶּךָ, בְּיַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן:

## צ.

תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲדֹנָי מָעוֹן אַתָּה הָיִיתָ לָּנוּ בְּדֹר וָדֹר: בְּטֶרֶם הָרִים יֻלָּדוּ וַתְּחוֹלֵל אֶרֶץ וְתֵבֵל, וּמֵעוֹלָם עַד־עוֹלָם אַתָּה אֵל: תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד־דַּכָּא, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְנֵי־אָדָם: כִּי אֶלֶף שָׁנִים בְּעֵינֶיךָ כְּיוֹם אֶתְמוֹל כִּי יַעֲבֹר, וְאַשְׁמוּרָה בַלָּיְלָה: זְרַמְתָּם, שֵׁנָה יִהְיוּ, בַּבֹּקֶר כֶּחָצִיר יַחֲלֹף: בַּבֹּקֶר יָצִיץ וְחָלָף, לָעֶרֶב יְמוֹלֵל וְיָבֵשׁ: כִּי כָלִינוּ בְאַפֶּךָ, וּבַחֲמָתְךָ נִבְהָלְנוּ: שַׁתָּ עֲוֹנֹתֵינוּ לְנֶגְדֶּךָ עֲלֻמֵנוּ לִמְאוֹר פָּנֶיךָ:

## תִּקּוּן הַכְּלָלִי

כִּי כָל־יָמֵינוּ פָּנוּ בְעֶבְרָתֶךָ כִּלִּינוּ שָׁנֵינוּ כְמוֹ־הֶגֶה: יְמֵי שְׁנוֹתֵינוּ בָהֶם שִׁבְעִים שָׁנָה, וְאִם בִּגְבוּרֹת שְׁמוֹנִים שָׁנָה, וְרָהְבָּם עָמָל וָאָוֶן, כִּי גָז חִישׁ וַנָּעֻפָה: מִי יוֹדֵעַ עֹז אַפֶּךָ, וּכְיִרְאָתְךָ עֶבְרָתֶךָ: לִמְנוֹת יָמֵינוּ כֵּן הוֹדַע, וְנָבִא לְבַב חָכְמָה: שׁוּבָה יְהוָה עַד־מָתָי וְהִנָּחֵם עַל עֲבָדֶיךָ: שַׂבְּעֵנוּ בַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ, וּנְרַנְּנָה וְנִשְׂמְחָה בְּכָל־יָמֵינוּ: שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ, שְׁנוֹת רָאִינוּ רָעָה: יֵרָאֶה אֶל־עֲבָדֶיךָ פָעֳלֶךָ וַהֲדָרְךָ עַל בְּנֵיהֶם: וִיהִי נֹעַם אֲדֹנָי אֱלֹהֵינוּ עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנָה עָלֵינוּ, וּמַעֲשֵׂה יָדֵינוּ כּוֹנְנֵהוּ:

## קה.

הוֹדוּ לַיהוָה קִרְאוּ בִּשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ־לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: הִתְהַלְלוּ בְּשֵׁם קָדְשׁוֹ יִשְׂמַח לֵב מְבַקְשֵׁי יְהוָה: דִּרְשׁוּ יְהוָה וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד: זִכְרוּ נִפְלְאוֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה, מֹפְתָיו וּמִשְׁפְּטֵי־פִיו: זֶרַע אַבְרָהָם עַבְדּוֹ בְּנֵי יַעֲקֹב בְּחִירָיו: הוּא יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־הָאָרֶץ מִשְׁפָּטָיו: זָכַר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ דָּבָר צִוָּה לְאֶלֶף דּוֹר: אֲשֶׁר כָּרַת אֶת אַבְרָהָם וּשְׁבוּעָתוֹ לְיִשְׂחָק: וַיַּעֲמִידֶהָ לְיַעֲקֹב לְחֹק לְיִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם: לֵאמֹר לְךָ אֶתֵּן אֶת אֶרֶץ כְּנָעַן חֶבֶל נַחֲלַתְכֶם: בִּהְיוֹתָם מְתֵי מִסְפָּר כִּמְעַט וְגָרִים בָּהּ: וַיִּתְהַלְּכוּ מִגּוֹי אֶל גּוֹי מִמַּמְלָכָה אֶל־עַם אַחֵר: לֹא הִנִּיחַ אָדָם לְעָשְׁקָם וַיּוֹכַח עֲלֵיהֶם מְלָכִים: אַל תִּגְּעוּ בִמְשִׁיחָי וְלִנְבִיאַי אַל תָּרֵעוּ: וַיִּקְרָא רָעָב עַל־הָאָרֶץ כָּל מַטֵּה־לֶחֶם שָׁבָר: שָׁלַח לִפְנֵיהֶם אִישׁ לְעֶבֶד נִמְכַּר יוֹסֵף: עִנּוּ בַכֶּבֶל רַגְלוֹ בַּרְזֶל בָּאָה נַפְשׁוֹ: עַד עֵת בֹּא דְבָרוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרָפָתְהוּ: שָׁלַח מֶלֶךְ וַיַּתִּירֵהוּ

# תִּקּוּן הַכְּלָלִי

מֹשֵׁל עַמִּים וַיְפַתְּחֵהוּ: שָׂמוֹ אָדוֹן לְבֵיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־קִנְיָנוֹ: לֶאְסֹר שָׂרָיו בְּנַפְשׁוֹ וּזְקֵנָיו יְחַכֵּם: וַיָּבֹא יִשְׂרָאֵל מִצְרָיִם וְיַעֲקֹב גָּר בְּאֶרֶץ־חָם: וַיֶּפֶר אֶת־עַמּוֹ מְאֹד וַיַּעֲצִמֵהוּ מִצָּרָיו: הָפַךְ לִבָּם לִשְׂנֹא עַמּוֹ לְהִתְנַכֵּל בַּעֲבָדָיו: שָׁלַח מֹשֶׁה עַבְדּוֹ אַהֲרֹן אֲשֶׁר בָּחַר בּוֹ: שָׂמוּ־בָם דִּבְרֵי אֹתוֹתָיו, וּמֹפְתִים בְּאֶרֶץ חָם: שָׁלַח חֹשֶׁךְ וַיַּחְשִׁךְ וְלֹא מָרוּ אֶת דְּבָרוֹ: הָפַךְ אֶת מֵימֵיהֶם לְדָם וַיָּמֶת אֶת דְּגָתָם: שָׁרַץ אַרְצָם צְפַרְדְּעִים בְּחַדְרֵי מַלְכֵיהֶם: אָמַר וַיָּבֹא עָרֹב כִּנִּים בְּכָל גְּבוּלָם: נָתַן גִּשְׁמֵיהֶם בָּרָד, אֵשׁ לֶהָבוֹת בְּאַרְצָם: וַיַּךְ גַּפְנָם וּתְאֵנָתָם, וַיְשַׁבֵּר עֵץ גְּבוּלָם: אָמַר וַיָּבֹא אַרְבֶּה, וְיֶלֶק וְאֵין מִסְפָּר: וַיֹּאכַל כָּל־עֵשֶׂב בְּאַרְצָם, וַיֹּאכַל פְּרִי אַדְמָתָם: וַיַּךְ כָּל בְּכוֹר בְּאַרְצָם, רֵאשִׁית לְכָל־אוֹנָם: וַיּוֹצִיאֵם בְּכֶסֶף וְזָהָב וְאֵין בִּשְׁבָטָיו כּוֹשֵׁל: שָׂמַח מִצְרַיִם בְּצֵאתָם, כִּי־נָפַל פַּחְדָּם עֲלֵיהֶם: פָּרַשׂ עָנָן לְמָסָךְ, וְאֵשׁ לְהָאִיר לָיְלָה: שָׁאַל וַיָּבֵא שְׂלָו וְלֶחֶם שָׁמַיִם יַשְׂבִּיעֵם: פָּתַח צוּר וַיָּזוּבוּ מָיִם, הָלְכוּ בַּצִּיּוֹת נָהָר: כִּי זָכַר אֶת־דְּבַר קָדְשׁוֹ, אֶת־אַבְרָהָם עַבְדּוֹ: וַיּוֹצִא עַמּוֹ בְשָׂשׂוֹן, בְּרִנָּה אֶת בְּחִירָיו: וַיִּתֵּן לָהֶם אַרְצוֹת גּוֹיִם, וַעֲמַל לְאֻמִּים יִירָשׁוּ: בַּעֲבוּר יִשְׁמְרוּ חֻקָּיו וְתוֹרֹתָיו יִנְצֹרוּ, הַלְלוּיָהּ:

## קלז.

עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ, גַּם־בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת־צִיּוֹן: עַל עֲרָבִים בְּתוֹכָהּ תָּלִינוּ כִּנֹּרוֹתֵינוּ: כִּי שָׁם שְׁאֵלוּנוּ שׁוֹבֵינוּ דִּבְרֵי־שִׁיר, וְתוֹלָלֵינוּ שִׂמְחָה, שִׁירוּ לָנוּ מִשִּׁיר צִיּוֹן: אֵיךְ נָשִׁיר אֶת־שִׁיר יְהֹוָה, עַל אַדְמַת נֵכָר: אִם־אֶשְׁכָּחֵךְ יְרוּשָׁלָיִם תִּשְׁכַּח

## תִּקּוּן הַכְּלָלִי

יְמִינִי: תִּדְבַּק לְשׁוֹנִי לְחִכִּי, אִם לֹא אֶזְכְּרֵכִי, אִם־לֹא אַעֲלֶה אֶת יְרוּשָׁלַיִם עַל רֹאשׁ שִׂמְחָתִי: זְכֹר יְהֹוָה לִבְנֵי אֱדוֹם אֶת יוֹם יְרוּשָׁלָיִם, הָאֹמְרִים עָרוּ עָרוּ עַד הַיְסוֹד בָּהּ: בַּת־בָּבֶל הַשְּׁדוּדָה, אַשְׁרֵי שֶׁיְּשַׁלֶּם־לָךְ אֶת־גְּמוּלֵךְ שֶׁגָּמַלְתְּ לָנוּ: אַשְׁרֵי, שֶׁיֹּאחֵז וְנִפֵּץ אֶת־עֹלָלַיִךְ אֶל הַסָּלַע:

## קנ.

הַלְלוּיָהּ, הַלְלוּ־אֵל בְּקָדְשׁוֹ, הַלְלוּהוּ בִּרְקִיעַ עֻזּוֹ: הַלְלוּהוּ בִגְבוּרֹתָיו, הַלְלוּהוּ כְּרֹב גֻּדְלוֹ: הַלְלוּהוּ בְּתֵקַע שׁוֹפָר הַלְלוּהוּ בְּנֵבֶל וְכִנּוֹר: הַלְלוּהוּ בְתֹף וּמָחוֹל, הַלְלוּהוּ בְּמִנִּים וְעֻגָב: הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי־שָׁמַע, הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: כֹּל הַנְּשָׁמָה תְּהַלֵּל יָהּ, הַלְלוּיָהּ:

אחר שסיים תהלים, יאמר שלשה פסוקים אלו:

מִי יִתֵּן מִצִּיּוֹן יְשׁוּעַת יִשְׂרָאֵל בְּשׁוּב יְהֹוָה שְׁבוּת עַמּוֹ יָגֵל יַעֲקֹב יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל: וּתְשׁוּעַת צַדִּיקִים מֵיְהֹוָה מָעֻזָּם בְּעֵת צָרָה: וַיַּעְזְרֵם יְהֹוָה וַיְפַלְּטֵם, יְפַלְּטֵם מֵרְשָׁעִים וְיוֹשִׁיעֵם כִּי חָסוּ בוֹ:

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יואל מנחם גרשון** בן חי' רבקה,

**שניצלער**

וזוג'

**מלכה מאטל מינדל** בת העניא,

ובתם

**שרה גיטל**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**חיים** בן **ברײנא** נרו יאיר,

שיתברך

בזיווג הגון

בקרוב ובניקל.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

# חנניה יום טוב ליפא

בן תהילה רבקה

**שווארץ** נרו יאיר,

וזוגתו **חי' ריזל** בת רחל בלימה תחי',

וילדיהם

# לאה הענטשא, פערל, איסר, מרדכי, יעקב מנחם (מענדל).

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## הרוצה בעילום שמו

נרו יאיר,

הקדוש ברוך הוא ימלא
את כל משאלות לבו לטובה
ויתברך מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכה לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציו,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מרדכי אהרן חיים בן חנה,

# היילפרין

וזוג'

יוטא פערל בת חנה לאה תחי',

ובניהם

נתנאל, יחזקאל שרגא

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם אליהו** בן אסתר,

**פרידריך** נרו יאיר

וזוג' **שרה הענטשא** בת **חנה לאה** תחי',

ובניהם

**ישראל, יוסף, חי' פיגא**

הקדוש ברוך הוא
ימלא את כל משאלות לבם לטובה
ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,
ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכל יוצאי חלציהם,
אמן כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק** בן חי' רחל

# ראטה נרו יאיר

וזוגתו

**חיה פיגא יוטא** בת מרים אידל תחי',

וילדיהם

**גיטל, יואל, עמרם**

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק** בן נחמה

**ראטה** נרו יאיר

וזוגתו

**ברכה ריזל** בת **מלכה פריידל** תחי',

ובנם

**יעקב יודא**

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

אברהם אליהו בן חי' גיטל

קנאלל נרו יאיר

וזוגתו

פיגא בת רבקה חייענא

תחי', וילדיהם

מלכה, ישראל

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יהודה אריה** בן נחמה
**ראטה** נרו יאיר,

שיתברך
בזיווג הגון
בקרוב ובניקל.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

שבתי דוד הלוי בן מרים גיטל

**מארקוס** נרו יאיר

וזוגתו

**רבקה** בת גאלדא הינדל תחי',

ובנם

**יואל**

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**יצחק אייזיק** בן אסתר

**אפפעל** נרו יאיר

וזוגתו

**אלטא חי'** בת מרים תחי',

וילדיהם

**קריינדל** ומשפ', **זלאטא** ומשפ',

**יקותיאל יהודה** ומשפ', **סימא** ומשפ',

**גדלי', גיטל, שרה**

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יצחק משה מתתיהו בן שרה בילא

רייך נרו יאיר

וזוגתו

מלכה לאה בת חנה שינדל תחי',

וילדיהם

פערל, אשר, אברהם, שפרה ליבא, אסתר פרידא, אליעזר שלמה

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**הלל** בן ברכה לאה

**ווייס** נרו יאיר

ווזגתו

**שרה רבקה אסתר**

בת **בת שבע מרים** תחי',

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**מרדכי ישראל משה**

**בן רחל זלאטא ליבא**

**ראזענפעלד** נרו יאיר

וזוגתו

**רבקה** בת **שרה שפרה** תחי',

וילדיהם

**יוסף אשר, חנה**

הקדוש ברוך הוא

ימלא את כל משאלות לבם לטובה

ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא,

ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה

מכל יוצאי חלציהם

אמן כן יהי רצון

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אליעזר** בן רחל

**שמן** נרו יאיר,

שיתברך

בזיווג הגון

בקרוב ובניקל.